STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05546

# AN IBERZIKHT FUN FAKTN UN MEYNUNGEN

American Jewish Conference

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by George & Cecily Fox*
*in honor of*
*Sam Rotrosen's birthday*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַן איבערזיכט

## פון פאַקטן און מיינונגען

## וועגן די נאָך־מלחמה׳דיקע פּראָבלעמען

## פון די

## אידן אין אייראָפּע און ארץ־ישראל

פּרעלימינאַרער שטודיום - קאָמיטעט
באַפולמעכטיכט דורך דער עקזעקוטיווע
פאַר דער אָרגאַניזירונג
פון דער

**אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ**

ניו־יאָרק, אויגוסט 1943

ALL RIGHTS RESERVED

COPYRIGHT, 1943
AMERICAN JEWISH CONFERENCE
521 FIFTH AVENUE, NEW YORK

Printed in the United States of America
The Parish Press, Inc.
10

# עקזעקוטיוו-קאָמיטעט

## פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ

### פרעזידיום

הענרי מאָנסקי, פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע

האָנ. דזשאָזעף מ. פּראָסקאַוער　　　דר. סטיפן ס. ווייז

### סעקרעטאַריאַט

מאָריס ביסגייער　　דזשין עוואַנס　　לילי שולץ　　מאיר וו. ווייסגאַל

*דזשאָרדזש בעקער
גדליה בובליק
י. דייוויד דעלמאַן
קאַרל מ. דובינסקי
בנימין געבינער
מרס. מאָריס ל. גאָלדמאַן
*ראָבערט פּ. גאָלדמאַן
*ראַבאַי איזראַעל גאָלדשטיין
מרס. סעם גאָלדשטיין
אַלעקסאַנדער גודמאַן
*חיים גרינבערג
*מרס. ראָוז האַלפּרין
מרס. הוגאָ האַרטמאַן
ראַבאַי דזשיימס דזשיי העלער
הערמאַן האָפמאַן
*עדגאַר דזשיי קאָופמאַן
טשאַרלס פּ. קראַמער
*פרעד לאַזאַרוס
ריכטער לואי ע. לעווינטהאַל
דר. לואי מ. לעוויצקי
לואי ליפּסקי
ראַבאַי י. מ. לוקשטיין
לואי דזשיי מאָס

סעמיועל בירענשטיין
הערי א. פּיין
מרס. דייוויד דע סאָלאָ פּול
אַדאָלף ראָזענבערג
דבורה ראָטבאַרט
*ריכטער מאָריס ראָטענבערג
*בערנאַרד ג. זאַנג
מרס. רעי ק. שענבערג
לואי סיגאַל
דר. הערמאַן זיידעל
הערי שאַפּער
*קאַרל שערמאַן
*ראַבאַי אַבא הלל סילווער
טשאַרלס זאָנענרייך
מרס. סעמיועל ספּיגאַל
אַלעקס פּ. סטענטאַן
הערמאַן סטוירן
*וויליאַם וו. סאָקל
מרס. מאָריס טוירנער
*פרענק ל. וויל
דוד ווערטהיים
מרס. סטיפן ס. ווייז

* קאָאָפּטירטער מיטגליד　　　דזשעסי ב. קאַלמאַנסאָן, אַדמינסט. סעקרעטאַר

# נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס

## באַטייליקטע אין דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ

### פאַרזאַמלט זיך אויגוסט 29, 1943

### האָטעל וואָלדאָרף-אַסטאָריאַ, ניו-יאָרק

אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר אידישער דערציאונג
אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פוילישע אידן
אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון צענטראַל-אייראָפּייאישע אידן
אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע
אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס
אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס — פרויען דיוויזיע
בני ברית
בני ברית — פרויען-ראַט
סענטראַל קאָנפערענס אָוו אַמעריקען ראַבאַיס
קאָונסיל פון אידישע פראַטערנאַלע פעדעראַציעס
פּאָרווערטס אַסאָסיאיישאָן
פרי סאָנס אָוו איזראַעל
הדסה — ציוניסטישע פרויען אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע
הפועל המזרחי פון אַמעריקע
השומר הצעיר
הסתדרות עברית
אינד. אָרדער ברית אַברהם
אינד. אָרדער ברית שלום פון באַלטימאָר
אידישער אַרבעטער קאָמיטעט
אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד
אידישע קריגס-וועטעראַנען
ליגע פאַר אַרבעטענדיקן ארץ-ישראל
לינקע פועלי ציון
מזרחי אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע
מזרחי פרויען אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע
נאַציאָנאַלער ראַט פאַר אידישער דערציאונג
נאַציאָנאַלער ראַט פון אידישע פרויען
נאַציאָנאַלער ראַט פון יאָנג איזראַעל
נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון העברייאישע לערערס
נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון אידישע מענער-קלובן (פון יונייטעד סינאַגאָג)
נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון טעמפּל בראָדער-הודס
נאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון טעמפּל סיסטער-הודס
נאַציאָנאַלע פרויען-ליגע פון יונייטעד סינאַגאָג
אָרדער בני ציון
פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו דהי וועסט
ראַבּיניקל אַסעמבּלי אָוו אַמעריקאַ
ראַבּיניקל קאָונסיל אָוו אַמעריקאַ
יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגיישאָנס
יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגיישאָנס
יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגיישאָנס — פרויען-צווייג
הסתדרות הרבנים
יוניאָן פון ספרדישע קאָנגרעגיישאָנס
יונייטעד גאַליציאַנער פון אַמעריקע
פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן
יונייטעד רומענישע אידן פון אַמעריקע
אַרבעטער רינג
י. ל. פרץ שרייבער-פאַראיין
אידישער פּען-קלוב
ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע

### יוגנט-אָרגאַניזאַציעס:

אבוקה
א. צ. א. פון בני ברית
השומר הדתי
הלל פאָנדיישאָן
דזשוניאָר הדסה
דזשוניאָר מזרחי
מסדה
נאַציאָנאַלער ראַט פון אידישער יוגנט
נאַציאָנאַלער ראַט פון טעמפּל-יוגנט
יוגנט-ליגע פון יונייטעד סינאַגאָג פון אַמעריקע

## פּרעלימינאַרער שטודיום - קאָמיטעט

ראַבּאַי מילטאָן שטיינבערג, פּאָרזיצער

דר. סאַלאָ וו. באַראָן
*מאָריס ביסגייער (קאָמיטעט־סעק.)
גדליה בובליק
ראַבּאַי מאָריס אײַזענדראַטה
*דזשיין עוואַנס
ריכטער פילי פּ פּאָרמאַן
דר. נחום גאָלדמאַן
דר. איזראַעל גאָלדשטיין
דר. חיים גרינבערג
דר. דזשיימס ג. העלער
דר. אָסקאַר י. יאַנאָווסקי
לואי ליפּסקי

מרס. אַלבערט דזשיי מעי
יעקב פּאַט
מרס. דייוויד דע סאָלאַ פּול
דר. דזשייקאָב ראַבינסאָן
מרס. לואי ראָזעט
דר. אַברהם ל. סאַכאַר
דוד שער
הערמאַן שולמאַן
*לילי שולץ
דר. אַבא הלל סילווער
מאָריס ד. וואַלדמאַן
*מאיר וו. ווייסגאַל

* מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ

## פאָרשונגס - סטאַף

דר. אַלעקסאַנדער קאָהאַנסקי, רעדאַקטאָר

מאָריס ביסגייער (עקס אָפיציאָ)
אַברהם ג. דוקער

דר. בען האַלפּערן
טאָבי שעפּטער

## רעדאַקציאָנס - קאָלעגיע

דזשיין עוואַנס
חיים גרינבערג
לואי ליפּסקי

מרס. דייוויד דע סאָלאַ פּול
דר. אַברהם ל. סאַכאַר
הערי שניידערמאַן

מאָריס ד. וואַלדמאַן

# אינהאַלט


הקדמה ........ 11

אַריינפיר ........ 15

אָפּטיילונג 1: די רעטונג פון די אייראָפּעאישע אידן ........ 25

אָפּטיילונג 2: דער איבערגאַנג־פּעריאָד ........ 41

אָפּטיילונג 3: פּאָליטישער סטאַטוס ........ 55

אָפּטיילונג 4: עקאָנאָמישער ווידער־אויפבוי ........ 73

אָפּטיילונג 5: אויסוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע ........ 83

אָפּטיילונג 6: ארץ־ישראל ........ 95

אָפּטיילונג 7: די אידישע רעפּרעזענטאַנץ ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען .. 123

דאָקומענטן ........ 133

# הקדמה

דער פרעלימינאַרער שטודיום־קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ אויף אַ מיטינג אין ניו־יאָרק דעם 7טן יוני 1943. דער צוועק פונם קאָמיטעט איז צוצוגרייטן פאַר די דעלעגאַטן אַן איבערזיכט פון די נאָך־מלחמהדיקע אידי־שע פראַגן און פּראָבלעמען.

דעם 1טן יולי 1943 האָט דער קאָמיטעט זיך פאַרזאַמלט אין ניו־יאָרק, כדי דורכצופירן די אינסטרוקציעס, וואָס ער האָט באַקומען פון דער עקזעקוטיווע. נעמענדיק אין אַכט די דאָזיקע אינסטרוקציעס — נעמלעך, ווי ווייט מעגלעך, אַרויסצוהעלפן די דעלעגאַטן ביי דער קאָנפערענץ — איז אונטערגענומען גע־וואָרן די פאָלגנדע אויפגאַבע:

1) אונטערצוזוכן אַלע דערקלערונגען פון די באַטייליקטע קערפּערשאַפטן פון דער קאָנפערענץ, צוצוגרייטן אַן איבערזיכט פון די דאָזיקע דאָקומענטן, אַרויסברענגענדיק דערביי, וועגן וועלכע פונקטן עס הערשט איינשטימיקייט, און בנוגע וועלכע ס'איז פאַראַן אַ חילוקי־דעות.

2) צוצוגרייטן דעם תמצית פון די נאָך־מלחמהדיקע אידישע פּראָבלעמען אין אייראָפּע און אין ארץ־ישראל. איינצוטיילן דעם דאָזיקן תמציתדיקן פּלאַן אין געהעריקע אָפּטיילונגען, לויט די ענינים, און דערביי צו דאָקומענטירן דעם דאָזיקן פּלאַן מיט פראַגמענטן פון די אָפיציעלע דערקלערונגען פון די אָנגע־שלאָסענע אָגענטורן. דערביי דאַרף מען זיך סומך זיין אויף וויסנשאַפטלעכע שטודיעס, און באַזונדערס אויף די, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורך די פאַר־שונגס־אינסטיטוציעס פון די אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן.

3) צוזאַמענצושטעלן אַן אויסוואַל פון אַרטיקלען און בראָשורן, באַזונדערס פון די, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורך די אינסטיטוטן פון די אָנגעשלאָסענע אָגענטורן און פאַנאַנדערצושיקן דעם דאָזיקן אויסגעקליבענעם מאַטעריאַל צו די דעלעגאַטן.

כדי דורכצופירן דעם דאָזיקן פּראָגראַם, האָט דער שטודיום־קאָמיטעט באַ־שטימט אַ פאָרשונגס־סטאַף, וואָס באַשטייט בעיקר פון פאָרשונגס־פערסאָנאַל פון אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, בני ברית און אידישן אַרבעטער קאָמיטעט. דער שטודיום־קאָמיטעט האָט אויך אָרגאַניזירט אַ רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע, כדי צו רעווידירן די אַרבעט פון פאָרשונגס־סטאַף און צו זאָרגן פאַר דער פאַרעפנטלעכונג.

די זיבן אָפּטיילונגען, אין וועלכע די דאָזיקע איבערזיכט איז איינגעטיילט, נעמען אַרום אין גלייכער מאָס די פּראָבלעמען פון אידישן ווידער־אויפבוי נאָך דער מלחמה. כאָטש יעדע אָפּטיילונג ווערט באַהאַנדלט ווי אַן איינהייט פאַר זיך,

איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז זיי זאָלן זיך ניט איבערחזרן און האָבן געוויסע באַרירונגס־פּונקטן. דער תוכן פון יעדער פראַגע האָט באַשטימט, אין וועלכער מאָס די פראַגע מוז איבערגעחזרט ווערן.

אַ קליינע וואָרענונג איז נויטיק. די גאַנצע אַרבעט איז צוגעגרייט גע־וואָרן בלויז אין 5 וואָכן צייט. עס איז דעריבער מעגלעך, אַז אין איילעניש זיינען געוויסע פּרטים אויסגעלאָזט געוואָרן. ס'איז אויך מעגלעך, אַז געוויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער קאָנפערענץ, זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן פון די אָפּטיילונגען און קאַפּיטלען, אין וועלכע זיי וואָלטן באַדאַרפט פיגורירן, און אַז די ציטאַטן פון זייערע דאָקומענטן זיינען ניט פולשטענדיק. און דאָך האָט מען זיך שטאַרק באַמיט צו אַנאַליזירן די דערקלערונגען בנוגע יעדן פאָרשלאָג און צו ברענגען די געהעריקע שטעלן, וועלכע דריקן אויס די אָנשויאונגען פון די באַטרעפנדע גרופּעס. עס טרעפט אָבער, אַז ווען מען נעמט אַרויס געוויסע ציטאַטן און שטעלן, דריקן זיי אַמאָל ניט אויס גענוי דעם גאַנצן שטאַנדפּונקט פון אַן אָרגאַניזאַציע. אַזוי איז שוין מיט ציטאַטן.

די דערקלערונגען, וואָס די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ האָט באַ־קומען פון די אָרגאַניזאַציעס, ווערן געדרוקט ווי דאָקומענטן ביים סוף פון דער איבערזיכט. זיי וועלן העלפן קלאָר צו מאַכן געוויסע שטעלן, וואָס ווערן גע־בראַכט אין טעקסט.

די פאַקטן, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם איבערזיכט, זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון פאַרלעסלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערק, איינגערעכנט די, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון די פאָרשונגס־אינסטיטוציעס פון די אָנגעשלאָסענע אָר־גאַניזאַציעס. צוליב דעם וואָס דער איבערזיכט האָט געמוזט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין אַ קורצער צייט, איז דער מאַטעריאַל באַאַרבעט געוואָרן בקיצור און בצמצום. כדי צו דערגענצן די אינפאָרמאַציע, וואָס ווערט דאָ געבראַכט, האָבן די דעלעגאַטן צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ באַקומען פון דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע אַ רייע פּאַמפלעטן און בראָשורן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון די עטלעכע פאָרשונגס־אינסטיטוציעס. כדי אַלע פראַגן זאָלן פּרע־זענטירט ווערן אָביעקטיוו, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו יעדן דעלעגאַט פאָלגנדע בראָשורן און פּאַמפלעטן:

1) „די אידן פון אייראָפּע‟, פון פיליפּ ס. בערנשטיין (איבערגעדרוקט פון די „ניישאָן‟, ניישאָן אַסאָשיאייטס, אינק., 1943). 2) „מינאָריטעטן אין אַ פרייער וועלט‟, פון יעקב ראָבינסאָן, דירעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר אידישע ענינים ביים אַמ. איד. קאָנגרעס און איד. וועלט־קאָנגרעס (איבערגעדרוקט פון „פרי וואָירלד‟, באַנד 5, נומער 5, מאַי 1943). 3) „ארץ־ישראל אין דער פרייער וועלט‟; און 4) „די לאַגע פון די אידן אין דער נאָך־מלחמה־וועלט‟. ביידע פּאַמפלעטן זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורכן פאָרשונגס־אינסטיטוט פאַר שלום און נאָך־מלחמה־פראַגן ביי דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, רעדאַגירט פון אב. צוקער, 1943. 5) „די פּאָליטישע און קולטורעלע אַספּעקטן פון די אידישע

פראָבלעמען נאָך דער מלחמה״ פון אַבראַהאַם צוקער, איבערגעדרוקט פון „דזשו־איש סאָשעל סערוויס קוואַרטערלי״ נומער 1, סעפּטעמבער 1942. 6) „די אי־דישע פּראָבלעמען נאָך דער מלחמה״ פון יעקב ראָבינזאָן, איבערגעדרוקט פון „קאָנגרעס וויקלי״, יאַנואַר 1943. 7) „וועגן אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם פון אַק־ציע״, אַ רעדע פון הענרי מאָנסקי, אויף דער קאָנפערענץ פון די נאַציאָנאַלע אידישע מיטגלידער־אָרגאַניזאַציעס, דעם 23טן יאַנואַר 1943, פאַרעפנטלעכט דורך בני ברית. 8) ענטוואורצלטע אידן אין דער וועלט נאָך דער מלחמה״ פון יעקב ראָבינזאָן, איבערגעדרוקט פון „אינטערנעשאָנעל קאָנסיליישאָן״, אַפּריל 1943. 9) „אידען נאָך דער מלחמה״, אַרויסגעגעבן פון פאָרשונגס־אינסטיטוט ביי דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, 1942.

דער דאָזיקער איבערבליק איז יעצט פאָרגעלייגט פאַר די דעלעגאַטן פון דער „אידישער קאָנפערענץ״ אין דער האָפענונג, אַז דאָס אַלץ וועט ברענגען די דעלעגאַטן נוצן, באַקענענדיק זיי מיט די פּראָבלעמען, וועלכע זיי דאַרפן באַ־טראַכטן, און העלפנדיק זיי צו געפינען אַ לעזונג פון די פּראָבלעמען דורך אַ פאַראייניקט און קאָנסטרוקטיוו פּראָגראַם פון אַרבעט.

דער טשערמאַן פון דעם קאָמיטעט פון פּרעלימינאַרע פאָרשונגען וויל דער־ביי אויסדריקן דעם דאַנק פון דעם קאָמיטעט פאַר זיין סטעף און ספּעציעל פאַר זיין רעדאַקטאָר דר. אַלעקסאַנדער ס. קאָהאַנסקי, צו דעם „באָארד אָוו עדיטאָרס״ און ספּעציעל צו מיס דזשיין איוועני. דער טשערמאַן וויל אויך אויסדריקן זיין דאַנק פאַר דער „דזשואיש קאָמיטע״, „דזשואיש קאָנגרעס״ און „דזשואיש לייבאָר קאָמיטע״ פאַר זייער הילף, וואָס זיי האָבן אונז געגעבן דורך דער מיטאַרבעט פון דעם פּערסאָנאַל פון זייערע פאָרשונגס־אינסטיטוטן און דורך איבערגעבן אונז זייערע פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן. מיר האָבן אויך געהאַט הילף פון דעם ציוניסטישן אַרכיוו און ביבליאָטעק, וועלכע האָבן צוגעשטעלט ווערטפולע מאַטעריאַלן. אָן דער הילף פון די אַלע אינסטאַנצן וואָלט פאַר אונז ניט מעג־לעך געווען פּאַרטיק צו מאַכן אין אַזאַ קורצער צייט דעם ביילינגנדן פּראָיעקט.

מיט אַכטונג,

**מילטאָן שטיינבערג,**

טשערמאַן פון „קאָמיטעט פאַר פּרעלימינאַרע פאָרשונגען״.

# אַרייַנפיר

## דאָס אייראָפּעאישע אידנטום אונטער דער „אַקס"

יעדער פּלאַן פאַרן ווידעראויפבוי פון אידנטום נאָך דער מלחמה מוז זיין באַזירט אויף אַ געוויסער פאַרשטעלונג וועגן די באַדינגונגען, אין וועלכע די אידן וועלן זיך געפינען אין דער חרובער אייראָפּע, ווען דער דאַזיקער קאָנטינענט וועט באַפרייט ווערן דורך די אַליאירטע מלוכות. די עיקר־פראַגע איז: וויפל אידן וועלן איבערלעבן דעם נאַצישן גיהנום? אַ צווייטע וויכטיקע פראַגע איז, וויפל פון יענע אידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער נאַצי־דאָמינירטער אייראָפּע און זיינען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט, וועלן געפינען פאַר נויטיק, ווינטשנסווערט און פאַר מעגלעך זיך אומצוקערן צו זייערע פריערדיקע היימען?

היינט צו טאָג קאָן קיינער נישט געבן קיין ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגעס. עס איז אַפילו שווער אָפּצושאַצן בערך די גרויס און דעם פאַרנעם פון די דאָזיקע פראָבלעמען, פונדעסטוועגן קאָן מען זיך משער זיין די גרויס פון די נאָך־מלחמהדיקע אידישע נויטן אויפן סמך פון דעם בילד פון דער איצטיקער לאַגע, וואָס איז געשטיצט אויף אינפאָרמאַציע, וועלכע איז שוין פאַראַן.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1939, האָבן אַרום 8 מיליאָן 250 טויזנט אידן געוואוינט אין אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע זיינען איצט אָקופּירט און באַהערשט דורך דער „אַקס". אין ווינציקער ווי דריי יאָר שפּעטער אין יולי 1942, זיינען וואַרשיינלעך געבליבן בלויז 5 מיליאָן, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז געווען קאָנצענטרירט אין פּוילן און אין דער אָקופּירטער סאָוועטישער טעריטאָריע. פון יענע, וועלכע זיינען אַנטלאָפן, זיינען 1 מיליאָן 600 טויזנט עוואַקויִרט געוואָרן דורך דער סאָוויעטן־רעגירונג פון מזרח־פּוילן, וויים־רוסלאַנד, און אוקראַינע, און זיינען שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אין די פאַרשידענע געגנטן פון אַזיאַטישן רוסלאַנד. אַרום אַנדערע 150 טויזנט האָבן זיך צוגעשלאָגן קיין ארץ ישראל, קיין צפון־אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער מעבר לים. אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן זיינען אומגעקומען אין אייראָפּע דורך אָרגאַניזירטע שחיטות, פייניקונגען, צוואַנגס־אַרבעט, הונגער און עפּידעמיעס. מען שאַצט אויך, אַז אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען אומגעקומען ווינציקסטנס נאָך צוויי מיליאָן אידן אין אייראָפּע, און דער מוראדיקער פּראָצעס פון פאַרניכטונג פון אידישע לעבנס גייט נאָך אָן.[1]

אין יעדן לאַנד חזרט זיך די געשיכטע איבער אויף דעם זעלבן מוראדיקן אופן:[2]

## אין די אַקס־לענדער

אין דייטשלאַנד האָבן פאַר 1933 געוואוינט אַרום 525 טויזנט אידן. פון דער דאָזיקער צאָל האָבן בלויז אַרום 215 טויזנט נאָך דאָרט געלעבט אין יאָר 1939. (די אַנטי־אידישע געזעצן און זייער דורכפירונג ווערן באַשריבן אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין דעם דאָזיקן איבערזיכט). זינט די נאַציס האָבן אָנגעהויבן דורכפירן זייער פּלאַן פון פולשטענדיקער אידישער אויסראָטונג זיינען נאָך טויזנטער און טויזנטער דעפּאָרטירט געוואָרן, אַוועקגעשיקט געוואָרן אין לאַגערן פאַר צוואַנגס־אַרבעט, אָדער זיינען פשוט אויסגעמאָרדעט געוואָרן. מען רעכנט, אַז בלויז 5000 אידן זיינען אפשר נאָך געבליבן אין דייטשלאַנד.

אין פריישטאַט דאַנציק האָבן, לויט דעם צענזוס פון 1929, געוואוינט 10 טויזנט 500 אידן. אין סעפּטעמבער 1939 זיינען פון דער דאָזיקער צאָל געבליבן בלויז 500. היינט זיינען אין דאַנציק שוין מער קיין אידן אינגאַנצן נישטאָ.

איטאַליע האָט אין 1939 געהאַט אַ אידישע באַפעלקערונג פון קרוב צו 75 טויזנט נפשות. אין דער דאָזיקער צאָל זיינען אַריינגענומען אַ סך אימיגראַנטן און די, וואָס זיינען לויט „ראַסע״ קלאַסאַפיצירט געוואָרן אַלס אידן. לויט די אַנטי־אידישע געזעצן, וואָס דער פאַשיסטישער רעזשים האָט איינגעפירט אין 1938, זיינען אידן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די פרייע פּראָפעסיעס און פון די רעגירונגס־שטעלעס. זיי זיינען אויך באַרויבט געוואָרן פון זייער פּריוואַט־אייגנטום. די שטאַטלאָזע אידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָדער זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אויף ווי ווייט מען ווייסט, זיינען קיין געוואַלט־טאַטן קעגן דער אידישער באַפעלקערונג נישט פאָרגעקומען אין איטאַליע.

## אין די נאַצי־אָקופּירטע טעריטאָריעס

עסטרייך האָט געהאַט 75 טויזנט אידן בעת זי איז, אין 1938, איינגעשלאָסן געוואָרן אין „פאַרגרעסערטן רייך״. די נאַציס האָבן דאָרט באַלד דורכגעפירט די נירענבערגער געזעצן און האָבן אָנגעהויבן צו פאַרטיליקן די אידישע באַפעלקערונג אויף דעם זעלבן אופן, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין דייטשלאַנד. מען איז משער, אַז אַרום 8000 זיינען אפשר נאָך געבליבן לעבן אין עסטרייך.

בעלגיע האָט געהאַט 85 טויזנט אידן, ווען די נאַציס האָבן, אין 1940, אָקופּירט דאָס לאַנד. לכתחילה האָבן די נאַציס געפּרוווט צווינגען די בעלגישע באַאַמטע צו פאַרפאָלגן די אידן. ווען דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, האָבן די נאַציס איינגעפירט זייערע אייגענע גוט־באַקאַנטע מעטאָדן. זיי האָבן אָנגעפאַנגען מיט „געוויינלעכע״ אַנטי־אידישע מאָס־מיטלען פון נירענבערגער שניט, און האָבן געענדיקט מיט מאַסן־דעפּאָרטאַציעס קיין מזרח־איראָפּע.

די נישט־אידישע באפעלקערונג האט ארויסגעוויזן גרויס סימפאטיע און מיטגעפיל. א סך פון זיי האבן איינגעשטעלט זייערע אייגענע לעבנס, כדי צו ראטעווען א צאל אידן, באזונדערס קינדער. אבער, לויט געוויסע באריכטן, הייסט עס, אז אין בעלגיע זיינען שוין מער קיין אידן נישט פאראן.

אין טשעכיע און מעהרען האט די טשעכישע „פראטעקטאראט־רעגירונג" זיך אנטקעגנגעשטעלט די אנטי־אידישע געזעצן; דאן האבן די דייטשן אליין גענו־מען דעם ענין אין זייערע הענט. פון די 90,000 אידן, וואס האבן דארט געלעבט אין 1939, זיינעןביים סוף פון 1942 געבליבן בלויז 10 טויזנט. די איבעריקע זיינען פארשלעפט געווארן אין ארבעטס־באטאליאנען, אדער זיינען דעפארטירט געווארן אין די קאנצענטראציע־געגנטן פון פוילן. ארום 10 טויזנט, וועלכע זיינען א גאנץ יאר געווען איינגעשפארט אין דער טערעזין־פעסטונג, זיינען אין דע־צעמבער 1942 אויך דעפארטירט געווארן.

אין דענעמארק האבן אין 1939 געוואוינט 8000 אידן. 2000 פון זיי האבן עמיגרירט, אדער זיינען עוואקואירט געווארן. די דענישע רעגירונג האט זיך אנטקעגנגעשטעלט דעם נאצישן דרוק ארויפצוצווינגען אנטי־אידישע געזעצן. עס איז אבער נישט באוואוסט, ווי ווייט דערפאלגרייך ס'איז דער דאזיקער ווידערשטאנד.

פראנקרייך האט, בעתן צוזאמענברוך אין 1940, געהאט 300 טויזנט אידן אריינגערעכנט עטלעכע טויזנט פליטים. אין דער צייט ווען בלויז א העלפט פון לאנד איז געווען אקופירט, האבן די נאציס אנגעפירט מיט די אידישע פארפאל־גונגען אין פאריז, בעת מארשאל פעטען האט געטריבן אנטי־אידישע פאליטיק אין ווישי. אין דער נאכט פון 12טן יולי 1942 האבן זיך אין דער פראנצויזישער הויפטשטאט אנגעהויבן מאסן־ארעסטן פון אידן. מענער און פרויען זיינען פונאנ־דערגעריסן געווארן און זיינען באלד אריבערגעפירט געווארן אין קאנצענטראציע־לאגערן. קינדער זיינען אוועקגעריסן געווארן פון זייערע עלטערן און זיינען געשיקט געווארן אויף ארבעט, אדער אין געוויסע „אינסטיטוציעס". זייערע אידענטיפיקאציע פאפירן זיינען פארניכטעט געווארן אדער פארלוירן געווארן. דערנאך האבן זיך אנגעפאנגען די דעפארטאציעס פון צענטליקער טויזנטער, וועלכע זיינען געשיקט געווארן אין די מזרח־געביטן אין „ארבעטס־לאגערן", אדער דירעקט צו דער שחיטה. שפעטער האט די ווישי־רעגירונג אויסגעליפערט צו די דייטשן טויזנטער אידישע פליטים, וועלכע זיינען איינגעשפארט געווארן צוזאמען אין קאנצענטראציע־לאגערן אין דרום־פראנקרייך.

די קריסטלעכע באפעלקערונג איז אויפגעטרייסלט און אויפגעבראכט גע־ווארן צוזעענדיק די אכזריותדיקע אנטי־אידישע מעשים. אין פאריז האבן קריסט־לעכע סטודענטן אנגעטאן די לאטע מיטן מגן דוד אלס אויסדרוק פון מיטגעפיל צו זייערע אידישע שכנים. פראנצויזישע קארדינאלן און ערץ־בישאפן האבן פראטעסטירט צו מארשאל פעטען קעגן די אידישע פארפאלגונגען. און פון לאנ־

דאַן האָט גענעראַל דע גאָל דערקלערט: „דער באַרימטער דעקרעט, לויט וועלכן די אידן פון פראַנקרייך זיינען עמאַנציפּירט געוואָרן... קאָן נישט אָפּגעשאַפט ווערן דורך ווישי־לייט. דאָס פרייע פראַנקרייך איז פעסט־אַנטשלאָסן, נאָכן זיג, איינצופירן גלייכן רעכט און גלייכע פליכטן פאַר אַלע בירגער אין אַלע פראַנצויזישע טעריטאָריעס".

זינט פראַנקרייך איז אינגאַנצן אָקופּירט געוואָרן, האָבן די נאַציס פאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט די אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי די אידן, עס ווערט געשאַצט, אַז בלויז איין פינפטל פון דער אַמאָליקער אידישער באַפעלקערונג איז נאָך דאָרט געבליבן.

גריכנלאַנד האָט באַוויזן נישט נאָר צו פאַרמיידן די דעפּאָרטאַציע פון איר אידישער באַפעלקערונג — 73 טויזנט — נאָר זי האָט אָנגענומען מיטלען קעגן די אַנטי־אידישע געזעצן, וואָס די נאַציס האָבן איינגעפירט. די נאַציס האָבן געהאַט אַ פּלאַן צו דעפּאָרטירן 10 טויזנט אידן אָדער אין אַ געטאָ אין קרעט, אָדער קיין פּוילן. אָבער די גריכישע אָרטאָדאָקסישע קירך האָט פאַרעפנטלעכט אַ שטרענגע וואָרנונג, אַז אויב דער דאָזיקער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן, וועט די גאַנצע באַפעלקערונג אויפהייבן אַ שטורמישן פּראָטעסט. די נאַציס האָבן אויפגעגעבן דעם פּלאַן, כאָטש אַלע אידן, פון 18 ביז 45 יאָר, זיינען גענומען געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט און אַרום 8,000 זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין די מאַקעדאָנישע בערג.[3]

די אידן פון ליטע, לעטלאַנד און עסטאָניע — אַרום־און־אַרום 245 טויזנט, — זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון זייערע געטאָס אין אויסראָטונגס־לאַגערן, אָדער זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין וועלדער, וואו זיי זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן דורך מאַשין־ביקסן. אויך אין די דאָזיקע לענדער זיינען קיין אידן שוין מער נישטאָ.

לוקסעמבורג האָט געהאַט 2300 איינגעבוירענע אידן און 600 דייטש־אידישע פּליטים, אין טאָג פון דער נאַצי־אינוואַזיע, דעם 10טן מאַי. פון דער דאָזיקער צאָל זיינען 600 אַנטלאָפן, ווען די נאַציס האָבן אַריינמאַרשירט. נאָכדעם ווי דאָס גרויס־פירסטנטום איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין „פאַרגרעסערטן רייך" האָבן די פאַרבליבענע אידן באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין משך פון צוויי וואָכן. צוויי טויזנט זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורך די באַמיאונגען פון דער גרויס־פירסטין, מיט דער הילף פון „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטי" און אַנדערע הילפסאָגענטורן. פון דעם רעשטל, וואָס איז געבליבן, זיינען 100 אַנטלאָפן אויף אַן „אומלעגאַלן" אופן, און די איבעריקע זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין מזרח. די פּויערים האָבן אַרויסגעוויזן גרויס מיטגעפיל צו די ליידנדיקע אידן און האָבן זיי געהאָלפן אויף וויפל זיי זיינען געווען בכוח.

אין האָלאַנד האָט דאָס נאַצי־פּראָגראַם פון אידישער אויסראָטונג זיך אויך אָנגעשטויסן אויף אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד מצד דעם האָלענדישן פאָלק.

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, אין מאַי 1940, האָט האָלאַנד געהאַט 180 טויזנט אידן, פון וועלכע אַ סך זיינען געווען נאָר־וואָס געקומענע פּליטים פון דייטשלאַנד און מזרח־אייראָפּע. אין משך פון די ערשטע 9 חדשים פון דער אָקופּאַציע האָבן די נאַציס זיך באַגרענעצט מיט בלויז אָפּזאָגן אידן פון עפנטלעכע שטעלעס און עפנטלעכע אונטערנעמונגען. עס איז בערך געווען אַ רואיק שטיקל צייט. אָבער אין פעברואַר 1941, ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן אַ פולשטענדיקע אַטאַקע קעגן די אידן, האָט די האָלענדישע באַפעלקערונג געענטפערט מיט אַ גענעראַל־סטרייק. האָלענדישע נאַצישע משרתים, וואָס האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך זיך אַריינצורייסן אין אידישן קוואַרטל פון אַמסטערדאַם, זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך אָרגאַניזירטע אַרבעטער־גרופּעס. דער סטרייק איז אונטערדריקט געוואָרן און די נאַציס האָבן שפּעטער צוגעטראַכט אַ נייעם פּלאַן קעגן די אידן: זיי זיינען באַפאַלן אידן אין די גאַסן און זיי גלייך אַוועקגעשיקט אין באַוואַכטע סטאַנציעס, פונוואַנען זיי זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן. סוף 1942 זיינען 65 טויזנט אידן אויף דעם אופן אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף „אַרבעט" קיין דייטשלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע. קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע גייסטלעכע האָבן אָנגעפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע קעגן די דאָזיקע גרויזאַמע מעשים. צוליב דעם זיינען אַ סך פון זיי אַרעסטירט געוואָרן.

אין נאָרוועגיע איז דער אונטערגאַנג פון די דאָרטיקע 1400 אידן פאַרורזאַכט געוואָרן דורך דעם אייגענעם „באַרימטן" קוויזלינג. דער דאָזיקער קוויזלינג האָט איינגעפירט די אַנטי־אידישע געזעצן אויפן נאַצישן שטייגער. צוערשט האָט ער אַוועקגערויבט ביי די אידן זייער בירגער־רעכט, דערנאָך האָט ער קאָנפיסקירט זייער אייגנטום, דורכפירנדיק דערביי פּאָגראָמען, און שיקנדיק די אידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער צייטווייליקער קירכן־ראַט פון נאָרוועגיע האָט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען, אויפפאָדערנדיק דערביי די רעגירונג אָפּצושטעלן די גרויזאַמע מעשים. אָבער קוויזלינג איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט ביז צום סוף. אין דער נאַכט פון 6טן נאָוועמבער 1942 האָט ער באַפוילן אַרויסצושלעפּן די אידן פון זייערע בעטן און האָט זיי פאַרשיקט קיין מזרח־אייראָפּע. לויט די באַריכטן פון שוועדן זיינען איצט 1000 נאָרוועגישע אידן באַשעפטיקט אַלס שקלאַפן־אַרבעטער פאַר די נאַציס אין די גרובנס פון אויבערשלעזיע. נאָך אַנדערע 120 זיינען שפּעטער דעפּאָרטירט געוואָרן. מען גלויבט, אַז אַביסל אידן באַהאַלטן זיך אויס ביי נאָרוועגישע פויערים און גאָר אַקליינע צאָל האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען קיין שוועדן. אויך אין נאָרוועגיע זיינען שוין מער קיין אידן נישטאָ.

פּוילן איז געווען דאָס אומגליקלעכסטע לאַנד פון אַלע לענדער, וואָס היטלער האָט אָקופּירט. פון ערשטן טאָג פון דער אינוואַזיע האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונגען נישט בלויז אויף אידן, נאָר אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אָבער, בעת די נישט־אידישע באַפעלקערונג איז „איינגעגלידערט״ געוואָרן אין דער „נייער אָרדענונג״, זיינען די אידן אויסגעטיילט און באַשטימט געוואָרן פאַר פולשטענדיקער אויסראָטונג. פון די 3 מיליאָן 300 טויזנט אידן, וואָס האָבן געלעבט אין פוילן פאַר דער מלחמה, זיינען דאָרט געווען פולע צוויי מיליאָן בעת די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד. פון דער גרויסער צאָל, וואָס איז אַנטלאָפן אין די סאָוועטיש־אָקופּירטע טעריטאָריעס, זיינען דערנאָך גאַנצע 800 טויזנט אַריינגעפאַלן אין די נאַצישע נעגל, ווען היטלערס אַרמייען האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש צו מזרח. אַרום אַ האַלבן מיליאָן זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג ווייט אין אַזיאַטישן רוסלאַנד.

די דייטשן האָבן פאַרוואַנדלט פוילן אין אַן אויסראָטונגס־צענטער פון די אייראָפּעאישע אידן. דאָס ערשטע יאָר איז דורכגעגאַנגען מיט פּאָגראָמען, מערדערייען און „געוויינלעכן״ אַרויסשטויסן די אידן פון עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און שלעפּן זיי צו צוואַנגס־אַרבעט. דעם 1טן נאָוועמבער 1940 האָבן די נאַציס אָוועקגעשטעלט די וואַרשעווער געטאָ, וואו 550 טויזנט אידן זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אונטער די שוידערלעכסטע לעבנס־באַדינגונגען. ענלעכע געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין די אַנדערע טיילן פון פוילן, וואו עס זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן נישט בלויז פוילישע אידן, נאָר אויך אידן, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן פון אַלע טיילן פון אייראָפּע. 21 חדשים זיינען די אידן געווען אָפּגעשלאָסן אין די געטאָ־מויערן, די שפּייז־פּאָרציעס, וואָס זיינען פאַר זיי באַשטימט געוואָרן, זיינען נישט געווען גענוג צום לעבן און אויך נישט גענוג צום שטאַרבן. הונגער און פּעסט האָבן געבור־שעוועט, און די צאָל טויט־פאַלן האָט אָנגענומען מוראדיקע פּראָפּאָרציעס. די נאַציס האָבן אָבער איינגעזען, אַז אויף אַזאַ אופן איז דער פּראָצעס פון אונ־טערגאַנג אַ צו לאַנגזאַמער. דעם 7טן אויגוסט 1942 האָבן זיי אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן די אידן פון די געטאָס צו די עקזעקוציע־פּלעצער פון כעלם, בעלז און אַנדערע שטעט. די דאָזיקע אויפגאַבע אומצוברענגען די אידן איז איבער־געגעבן געוואָרן צו אַ ספּעציעלער „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָ״, וואָס איז אָרגאַ־ניזירט און צוגעגרייט געוואָרן אין דייטשלאַנד פאַר מערדערייען.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין פוילן, כאָטש זי איז אָפּגעשניטן פון די אידן דורך די געטאָ מויערן, האָט אין אַ געוויסער מאָס, באַוויזן צו ברענגען הילף. די אונטערערדישע באַוועגונג האָט כסדר אינפאָרמירט די פוילישע גלות־רעגירונג וועגן די נאַצישע אכזריותן, און די רעגירונג, ווידער, האָט אָנגענומען שריט אויפצורודערן וועגן דעם די וועלט. מיט דער הילף פון דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג האָט זיך די אידן פון דער וואַרשעווער געטאָ איינ־געגעבן, אין אַ געוויסער מאָס, צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן זייערע מערדער, איידער זיי זיינען אינגאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן.

אין סלאָוואַקיע, אין דעם כלומרשט „אומאָפּהענגיקן״ מדינהלע, זיינען נאָך

געבליבן אַרום 10 טויזנט אידן. די דאָזיקע זיינען אָפּגעשמדט געוואָרן פאַרן 15טן מערץ 1939, כדי זיך אַרוסצודרייען פון דעפּאָרטאַציע, אָדער זיי האָבן פון גלח טיסאָ, דעם כלומרשטן פּרעזידענט, באַקומען פּאַפּירן, אין וועלכע זיי ווערן באַצייכנט אַלס אומבאַדינגט נויטווענדיק פאַר דער עקאָנאָמיע פון לאַנד. 75 טויזנט אידן, איינגעשלאָסן פּליטים פון שכנותדיקע טעריטאָריעס, זיינען, אונטער די גרויזאַמסטע באַדינגונגען, דעפּאָרטירט געוואָרן דורך דער רעגירונג קיין לובלין און די אַנדערע געטאָס פון פּוילן. די לובלינער געטאָ איז שוין זייט דאַן „אָפּגעשאַפט" געוואָרן. אַרום 45 טויזנט אידן פון מערב־סלאָוואַקיע זיינען טראַנספּערירט געוואָרן, ווען די דאָזיקע געגנט איז צוגעטיילט געוואָרן צו אונגאַרן.

אין די דייטש־אָקופּירטע טעריטאָריעס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט די אידן דערוואַרט דער זעלבער גורל: צוואַנגס־אַרבעט, דעפּאָרטאַציעס און מאַסן־שחיטות. פון די 2 מיליאָן 100 טויזנט אידן, וואָס האָבן געלעבט אין דער סאָ־וועטישער וויס־רוסלאַנד, אוקראַינע און אין דער קרים, זיינען געבליבן בלויז 250 טויזנט. (נאָך 150 טויזנט זיינען אַהין דורך די דייטשן טראַנספּערירט געוואָרן פון אַנדערע טיילן פון אייראָפּע). עס איז נישט באַוואוסט וויפל פון זיי עס זיינען אַנטלאָפן טיפער אין סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז אויך נישט באַוואוסט ווי גרויס עס איז די צאָל, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

יוגאָסלאַוויע האָט געהאַט 85 טויזנט אידן, איינגעשלאָסן אַ 5 ביז 6 טויזנט פּליטים, איידער זי איז איינגענומען געוואָרן דורכן שונא. אין יענע טיילן פון לאַנד, וואָס זיינען „אַנעקסירט" געוואָרן דורך דייטשלאַנד, איטאַליע, אונגאַרן, אָדער בולגאַריע, האָט זיי דערוואַרט דער זעלבער גורל, וואָס זייערע אַנדערע ברידער. אין קראָאַציע און אין סערביע זיינען זיי אויף דעם גרויזאַמסטן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך פּאַוועליטשעס „אוסטאַשאַ"־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אויפזיכט פון דער געסטאַפּאָ. מען גלויבט, אַז עטלעכע טויזנט איז געלונגען זיך אַנצושליסן אָן גענעראַל מיכאַילאָוויטשעס גערילאָס ווי אויך אָן די פּאַרטי־זאַנען, אַחוץ דעם דאָזיקן ביסל זיינען אויך אין יוגאָסלאַוויע מער קיין אידן נישטאָ.

## אַקס־מיטלויפער

אין בולגאַריע האָט די רעגירונג אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון די נאַצישע הארן „אָפּצורייניקן" דאָס לאַנד פון די 60 טויזנט אידן, וואָס האָבן דאָרט גע־וואוינט אין אָנהייב פון דער מלחמה. צוערשט זיינען זיי אַרויסגעשטויסן גע־וואָרן פון עקאָנאָמישן לעבן און זייער אייגנטום איז קאָנפיסקירט געוואָרן. דערנאָך זיינען געקומען צוואַנגס־אַרבעט און טראַנספּאָרטאַציע צו די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן. אין מאַי 1943 זיינען אַלע אידישע איינוואוינער פון דער

הויפּט־שטאָט סאָפיע אַרויסגעפירט געוואָרן אין לאַגערן. אין יוני פון זעלבן יאָר זיינען 12 טויזנט אידישע נפשות פון די אָקופּירטע געגנטן פון טראַקיע און מאַקעדאָניע דעפּאָרטירט געוואָרן קיין פּוילן, צומייסט אין די „טויטן"־לאַגערן פון טרעבלינקאַ. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אויסגעדריקט איר פּראָטעסט דורך מאַסן־דעמאָנסטראַציעס.

אין פינלאַנד איז די לאַגע פון די 2,000 אידן געבליבן בערך אומפאַרענדערט. בלויז 200 מענטשן זיינען, זינט 1939, עוואַקואירט געוואָרן, אָדער האָבן אויסגעוואַנדערט פון לאַנד.

אונגאַרן האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון דורכפירן אַנטי־אידישע געזעצן אין דער גרויזאַמער מאָס וואָס די נאַציש ע האָרן האָבן פאַרלאַנגט. נאָכן מינכענער פאַקט פון 1939 איז דאָס לאַנד פאַרגרעסערט געוואָרן דורך אַנעקסיעס. אזוי אַרום איז די אידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט געוואָרן פון 400 טויזנט אויף 750 טויזנט, איינגערעכנט אַרום 12 טויזנט פליטים. די רעגירונג האָט איינגעפירט אַ סך שווערע באַגרענעצונגען קעגן די אידן. אָבער אַחוץ לאַנד־שטחים זיינען קיין פאַרמעגנס נישט קאָנפיסקירט געוואָרן. אידישע אָנגעשטעלטע אין געשעפטן זיינען באַגרענעצט געוואָרן צו 12 פּראָצ. אין געוויסע באַריכטן איז געמאָלדן געוואָרן, אַז פון 20 ביז 30 טויזנט אידן זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן און טויזנטער זיינען גענומען געוואָרן צו צוואַנגס־אַרבעט. בדרך כּלל האָט די אידישע באַפעלקערונג ניט געליטן אַזעלכע גסיסה־ליידן אויף דעם שטייגער פון זייערע ברידער אין די אַנדערע נאַצי־דאָמינירטע לענדער.

רומעניע האָט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע פון אידישער אונטערדריקונג. זינט זי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דייטשן קאָנטראָל האָט די רעגירונג פאַרשטאַרקט איר אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק, נאָכפאָלגנדיק שקלאַפיש דעם נאַציש ן מוסטער. פון די 850 טויזנט אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד אין 1939, זיינען בלויז 270 טויזנט געבליבן אין אירע פאַרשמעלערטע גרענעצן. 100 טויזנט זיינען עוואַקואירט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מאַכט טיפער קיין רוסלאַנד. אַרום 300 טויזנט זיינען אומגעקומען, אָדער זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן. די איבעריקע זיינען אַנעקסירט געוואָרן, צוזאַמען מיט די טעריטאָריעס, דורך אַנדערע לענדער. איין דריטל פון די אידן אין דער איצטיקער רומעניע איז דערקלערט געוואָרן שטאַטנלאָז און איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן קאָנטראָל פון „אויסלענדער"־דעפּאַרטמענט. כּמעט אַלע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פריערדיקע באַשעפטיקונגען. פּריוואַטע און קהלשע אידישע אייגנטימער זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן. אַרום 170 טויזנט זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־צענטער פון דער ניי־געשאַפענער טראַנסניסטריע.

ווי אַזוי באַווייזן דאָך די אידן וואָס זיינען געבליבן לעבן אין נאַצי־אייראָפּע ווייטער צו עקזיסטירן? אַלע אַרבעטספעאיקע מענער און פרויען זיינען געוואָרן שקלאַפן־אַרבעטער פאַר די נאַצים. פיל פון זיי לעבן נאָך איצט אין די

געטאָס; אַנדערע זיינען איינגעאָרדנט אין אומבאַהייצטע באַראַקן אָן די פּרי־מיטיווסטע היגיענישע באַדינגונגען. זייערע שפּייז־פּאָרציעס (באַרעכנט אין קאַלאָריען פאַר אַ נאָרמאַלן פאַרברויכער) זיינען 21 פּראָצענט פון דעם וואָס עס באַקומען די דייטשן, און אַחוץ דעם איז די אידן דערלויבט צו באַקומען נאָר באַשטימטע שפּייז־אַרטיקלען. זיי באַקומען ניט קיין שום שפּייז־אַרטיקל, וואָס אַנטהאַלט אין זיך וויטאַמינען, ווי פלייש, פיש, מילך, פּרוכטן, וועדזשע־טעבלס אאַז״וו. זיי טאָרן ניט קויפן די פּראָדוקטן, וועלכע זיינען נאָך ניט ראַציאָנירט, אָדער וואָס זיינען האַלב ראַציאָנירט. די וועכנטלעכע שפּייז־ראַציעס אין פּוילישן געטאָ באַשטייען אין גרעסטן טייל פון אַ פונט שוואַרץ ברויט, צוויי אָנצעס פון אַזוי גערופענעם זשעם אָדער מאַרמעלאַד, אַ אָנץ צוקער און אפשר עטלעכע קאַרטאָפל. קיין אַנדער שפּייז באַקומען זיי ניט. אין פּוילן, גריכנלאַנד, אונגאַרן און רומעניע מעגן די אידן באַקומען אַ העלפט און אַמאָל נאָך פיל ווייניקער ראַציע־פּראָדוקטן, וואָס זיינען דערלויבט פאַר דער אַרישער באַפעלקערונג״ (דער „הונגער אין אייראָפּע״, זייט 75). זייער אָפט קענען די אידן ניט באַקומען אַפילו די דאָזיקע מאָגערע פּאָרציעס, ווייל זיי איז דער־לויבט איינצוקויפן נאָר אין אַזעלכע שטונדן, ווען אין די קראָמען איז שוין אַלץ אויספאַרקויפט, אָדער כמעט אויספאַרקויפט.

די רעליגעזע רדיפות זיינען אַ טייל פון היטלערס פּראָגראַם וועגן פאַר־ניכטן די אידן נישט בלויז פיזיש נאָר אויך גייסטיק. אין די אַלע לענדער וואָס זיינען באַהערשט דורך די נאַציס ווערט פּראַקטיצירט אַזוי: די סינאַגאָגעס זיינען פאַרניכטעט אָדער פאַרוואַנדלט אין גאַראַזשען און מיסט־פּלעצער; די ספרי תורה און אַנדערע כלי קודש זיינען פאַרניכטעט געוואָרן; די בית־עלמינס זיינען געשענדעט געוואָרן; די רעליגיעזע ביבליאָטעקן זיינען פאַרברענט אָדער אויסגערויבט; דאָס אָפּהיטן שבת איז פאַרבאָטן; די רעליגיעזע שולן זיינען ליקווידירט און די רבנים געפייניקט.

טראָץ די אַלע רדיפות האָבן די אידן באַוויזן איינצוהאַלטן אַ געוויסע פאָרם פון קולטורעל־רעליגיעזן לעבן. אַפילו אין די פּלעצער פון קאָנצענט־ראַציע האָבן זיי זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן גאָטעסדינסט און ווידער עפענען די שולן. אין די גרעסערע געטאָס האָבן זיי געהאַט ביבליאָטעקן, טעאַטערס און שולן פאַר קינדער און דערוואַקסענע. אָבער מיט דער ליקווידאַציע פון די געטאָס זיינען אויך די דאָזיקע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן נאַטירלעך נישטאָ מער.

## דער תמצית פון פּראָבלעם.

זייט אויגוסט 1942 האָבן די נאַציס פאַרשטאַרקט דעם טעמפּאָ פון זייער טייוולאָנישן פּראָגראַם אויסצוראָטן די אידן. עס איז איצט גאַנץ קלאָר און

זיכער, אַז כּדי צו ראַטעווען די אידן וואָס זיינען פאַרבליבן אין די נאַצי־באַ־הערשטע לענדער, מוז מען גלייך אָנהויבן אַן עוואַקואַציע פון די אידן. די רעטונג קען קומען נאָר דורך אינטערנאַציאָנאַלער אַריינמישונג. אַנדערש, איז עס נאָר אַ פראַגע פון צייט ביז די אידן וועלן שוין זיין אינגאַנצן אויסגעראָטן.

נאָך דער מלחמה וועלן די אייראָפּעאישע אידן וואָס וועלן בלייבן לעבן האָבן פאַר זיך גראַנדיעזע פּראָבלעמען. דאָס איינאָרדענען זיי אין דעם ערשטן אי־בערגאַנגס־פּעריאָד און דאַן דאָס ווידער אויפבויען זייער עקזיסטענץ, דאָס אַלץ וועט פאַרלאַנגען גרויסע געלט־קרבנות מצד די אידן פון אַמעריקע און אַנדערע פרייע לענדער. אַ פולשטענדיק פּראָגראַם וועגן ווידער איינאָרדענען די אידן אין אייראָפּע און אין אַנדערע לענדער וועט זיין אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער הילף פון די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע רעקאָנס־טרוקציע אַגענטורן, וואָס וועלן געשאַפן ווערן דורך די אַליאירטע מלוכות נאָך דער מלחמה.

מען קען ניט ווי געהעריק באַהאַנדלען די פראַגע וועגן ווידער אויפבויען דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע, אויב מיר נעמען ניט אין באַטראַכט דעם היסטאָרישן הינטערגרונט און די פאַר־מלחמהדיקע באַדינגונגען פון די אידישע קיבוצים. זייער פּאָליטישער סטאַטוס, זייער עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און רע־ליגיעזע אַנטוויקלונג אין דער פאַרגאַנגענהייט וועלן אין אַ גרויסער מאָס באַ־שטימען די פאָרם פון זייער ווידעראויפבוי אין דער צוקונפט.

דער ישוב אין ארץ־ישראל וועט האָפנטלעך אַרויסקומען פון דער מלחמה פאַרשטאַרקט און פאַרפעסטיקט. אָבער אויך ער וועט באַגעגענען ערנסטע שטערונגען אין זיין צוקונפטיקער אַנטוויקלונג. די פראַגע פון פרייע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, אומבאַגרענעצטער ערד־קויף און די שאַפונג פון נייע מעג־לעכקייטן פאַר קאָלאָניזאַציע — דאָס אַלץ וועלן זיין די הויפּט־פּראָבלעמען פאַר דעם ישוב.

אין די פאָלגנדע קאַפּיטלען וועט דער לעזער געפינען אַ קורצן איבערבליק פון דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פאַר די פאַרשיידענע פאַזן פון אידישן לעבן אין אייראָפּע און אין פּאַלעסטינע. יעדע פאַזע איז אַנאַליזירט געוואָרן אין דער פאָרם פון שטעלן די פּראָבלעמען און די פאַרשלאָגן ווי צו לייזן די פּראָבלעמען. דערביי זיינען פאַרטרעטן די פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַטייליקן זיך אין דער „אידישער קאָנפערענץ". אויף אַזאַ אופן וועלן די פאַרשיידענע מיי־נונגען וואָס זיינען אויסגעדריקט אין דעם איבערבליק העלפן דעם לעזער צו אָריענטירן זיך אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון די אידישע פּראָבלעמען נאָך דער מלחמה.

אַלעקסאַנדער ס. קאַהאַנסקי, רעדאַקטאָר

## אָפּטיילונג איינס

# די רעטונג פון די אייראָפּעאישע אידן

### א. הינטערגרונט און איצטיקער סטאַטוס.

1. די קאַטאַסטראָפע פון די אייראָפּעאישע אידן.
2. הילף פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס.
3. די רעאַקציע פון דער וועלט.
4. די בערמודאַ־קאָנפערענץ.

### ב. מיטלען און באַלדיקע רעטונג.

1. שפּייז און מעדיקאַמענטן.
2. עוואַקואירונג.
3. פּאָרלייפיקער מקום־מקלט און פּערמאַנענטע איינאָרדענונג.
4. טראַנספּאָרטאַציע.
5. פּאַספּאָרטן.
6. אויסבעסערונגען.
7. קינדער.

### ג. אָפּשרעק־מיטלען.

### ד. דורכפיר־אַפּאַראַט.

3. פינאַנסן.
2. אָרגאַניזאַציע.
1. אַפּיעל צו דער ציוויליזירטער וועלט.

# אָפּטיילונג איינס

# די רעטונג פון די אייראָפּעאישע אידן

## א. הינטערגרונט און איצטיקער סטאַטוס

### 1. די קאַטאַסטראָפע פון די אייראָפּעאישע אידן.

שוין אין סעפּטעמבער 1935, ווען היטלער האָט דורכגעפירט זיינע נירענבערגער געזעצן, איז עס געווען קלאָר, אַז מען וועט דאַרפן ראַטעווען פון דייטשלאַנד טויזנטער אידן. נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן וועגן עקאָנאָמישער אויסראָטונג, פיזישע געוואַלדטאַטן און טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די אידן, איז עס שוין געוואָרן גאַנץ זיכער, אַז אונטער דעם נאַצי־רעזשים וועט פאַר אידן אַבסאָלוט אוממעגלעך זיין צו עקזיסטירן.

צווישן 1933 און 1939 זיינען 432 טויזנט רעפיודזשיס אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד און פון די לענדער וואָס זיינען אָקופּירט דורך די נאַציס. דעמאָלט איז עס נאָך געווען מעגלעך אַנצופירן מיט דער אידישער אויסוואַנדערונג. אַחוץ אין די פאַלן, ווען עס האָט אויסגעזען מער ווינשנסווערט אומצוקערן אייניקע רעפיודזשיס קיין דייטשלאַנד, איז דעמאָלט נאָך געווען אַ מעגלעכקייט צו באַקומען פאַר די רעפיודזשיס אַ דערווייליקן מקום מקלט אין די שכנותדיקע לענדער, ווי בעלגיע, האָלאַנד, נאָרוועגיע, שוועדן, טשעכאָסלאָוואַקיע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און שווייץ, וואו זיי האָבן געוואַרט אויף די נויטיקע טראַנזיט־פּאַפּירן. עס איז אויך מעגלעך געווען מיט דער הילף פון פונקציאָנירנדע אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטורן, צו טראַנספערירן געלט אָדער אייגנטום און דערביי זאָל די דייטשע ווירטשאַפט דערפון ניט פיל געניסן.

אָנערקענענדיק די אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם, האָט פּרעזידענט רוזוועלט צונויפגערופן דעם 6טן יולי 1938 אין עוויאַן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פאַר דער רעפיודזשי־פּראָבלעם. שוין דעמאָלט האָט עס געשמעקט מיט מלחמה. די ברוטאַלע דייטשע קריגס־מאַשין האָט פאַרשקלאָפט עסטרייך און עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון די אידישע קיבוצים. די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער, וועלכע זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון אייראָפּע אין יענעם יאָר, האָבן געוואוסט, אַז די צייט פאַר רעטונג איז אַ באַשרענקטע. אין עוויאַן זיינען געהאַלטן געוואָרן פיל טעמפּעראַמענטפולע רעדעס וועגן דער קריטישער לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. אָבער קיין אייינציק לאַנד האָט

ניט געוואָלט עפענען זיינע טויערן כדי שנעל צו ראַטעווען די אידן. אַפילו נאָכדעם ווי אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערמאָרדונג פון פאָן ראַט אין נאָוועמבער 1938 זיינען אין דייטשלאַנד פאַרשטאַרקט געוואָרן די רדיפות אויף אידן, איז קיין ווירקלעכע הילף נאָך אַלץ ניט געקומען.

ווען די נאַציס האָבן באַזעצט עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע איז די קאַטאַסטראָפע פון די אידן געוואָרן נאָך גרעסער און אין פיל פאַלן איז דאָס אַנטלויפן פון די אידן געווען ניט אָרגאַניזירט און אָן הילף פון דרויסן. די אידישע רעפּיודזשיס זיינען געלאָפן אין די ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט — קיין באָמביי, מאַנילאַ, סינגאַפּאָר און שאַנכאַי, קיין אַפריקע, קובאַ, מעקסיקע און צפון־אַמעריקאַנער לענדער, קיין איראַן, ענגלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן און פּאַלעסטינע. אין יענער צייט פון פאַרצווייפלטער בהלה איז געשען דער עפּיזאָד מיט דעם „שווימענדיקן טויטן־שיף" אויף דעם דונאַי, ווען דאָס שיף האָט געוואַנדערט איבער די ימים און קיין לאַנד האָט די אידן ניט געוואָלט אַריינלאָזן. אין קעגנטייל צו דעם איז די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

אָנהויבנדיק פון דער נאַצישער אינוואַזיע פון פּוילן דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, איז דאָס פּראָבלעם געוואָרן געענדערט. די מעגלעכקייטן פאַר רעטונג זיינען געוואָרן שווער, צייטנווייז אַבסאָלוט אוממעגלעך. די אינטערנאַציאָנאַלע טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע זיינען איינגאַנצן איבערגעשניטן געוואָרן.

אַזוי ווי אין לאַנד נאָכן צווייטן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט און עס זיינען דאָרט איינגעפירט געוואָרן די אַנטי־אידישע געזעצן, האָבן נאָך מער אידן געמוזט זוכן אַ מקום מקלט, אָדער וואַרטן אויף זייער פאַרניכטונג. אין דער צייט, ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן רוסלאַנד, יוני 1941, זיינען אויף דעם רוסישן באָדן שוין געווען צוויי מיליאָן פּוילישע רעפּיודזשיס, און פון זיי זיינען 600 טויזנט געווען אידן.

די פראַגע פון אויסוואַנדערונג איז פּלוצלונג געקומען צו אַן ענדע דורכדעם, וואָס די דייטשן האָבן אין אָקטאָבער 1941 פאַרבאָטן די אידן איבערצוטרעטן די דייטשע גרענעצן. ביז דעמאָלט זיינען די דייטשע רדיפות קעגן אידן הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין מאַסן־גירוש. איצט האָבן די דייטשן געענדערט זייער פּאָליטיק אויף מאַסן־אויסראָטונג. די אידן זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די געטאָס און פאַרמשפט געוואָרן צו לעבן אין נויט, אָדער דערוואַרטן אַ גרויזאַמען טויט. ווען היטלערס מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע איז דער טייוולאָנישער פּלאַן פון זיין פּראָגראַם געוואָרן קלאָר. דורך איינאָרדענען צענטערן פון פייניקונגען און אויסראָטונג זיינען די נאַציס געווען אימשטאַנד פּאַרטיק צו ווערן מיט די אידן דורך גאַז־פאַרגיפטונג, דורך מאַסן־דערשיסונגען און אַנדערע מיטלען. אין אַלע נאַצי־אָקופּירטע לענדער זיינען

די אידן געוואָרן פולשטענדיק אויסגעשלאָסן פון דעם עקאָנאָמישן און סאָ־ציאַלן לעבן פון לאַנד. אָדער זיי געפינען זיך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער זיי ווערן באַנוצט אַלס שקלאַפן־אַרבעטער.

דער גיפט, וואָס די נאַציס האָבן פאַרשפּרייט איז אַדורכגעדרונגען אויך אין דעם ווייטן מזרח. די יאַפּאַנער, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט פון אַ אידן־פראַגע, האָבן איצט, נאָכדעם ווי זיי זיינען געוואָרן שותפים צו היט־לערן, איינגעפירט אין די אָקופּירטע געביטן פון כינע אַנטי־אידישע געזעצן, וועלכע זיינען ענלעך צו די נאַצישע געזעצן.

## 2. הילף פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס.

פיל אידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען אַקטיוו אין דער הילף פאַר די רעפיודזשיס. אין אָנהויב פון דער מלחמה האָבן דער „היצעם“, „דזשאָינט“, „אָרט“ און די אידישע אַגענץ דורך „החלוץ“ און „הדסה“ מיטגעהאָלפן צו פאַרלייכטערן די אויסוואַנדערונג אָדער איינאָרדענען די רעפיודזשיס. ווען דער קריג איז געקומען איז די עמיגראַציע, אומשיכטונג און הילף געוואָרן שווערער, אָבער אויך דרינגענדער. אין פיל פאַלן איז דאָס אַנטלויפן געווען דער איינ־ציקער וועג צו ראַטעווען דאָס לעבן, אָבער די מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן זיינען געוואָרן אַלץ קלענער. דאָך, ניט קוקנדיק אויף די אויסערגעוויינלעכע שטערונגען איז די אַרבעט פון ראַטעווען די געפאַנגענע אידן פאָרטגעזעצט געוואָרן. ווען עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו באַקומען אויף דעם נאָרמאַלן וועג פּלעצער פאַר פּאַסאַזשירן אין די שיפן, האָט מען אָפּגעדונגען גאַנצע שיפן. אַלע פּאַסאַזשירן־פּלעצער אויף די פראַכט־שיפן האָט מען מיט מאָנאַטן פריער אָפּגעקויפט און פאַר זיי איינגעצאָלט פאָרויס. מען האָט אויסגעפאָרשט די מעג־לעכקייטן פון נייע וועגן פון אַנטלויפן מעבר לים און וואו עס איז נאָר מעג־לעך געווען האָט מען מיט די וועגן זיך באַנוצט. אַזוי ווי די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט די פיינדלעכע לענדער זיינען געווען אינגאַנצן אָפּגעבראָכן, זיינען געעפנט געוואָרן אין די נייטראַלע לענדער אָפיסעס פון „היצעם“ און „דזשאָינט“. פיל פּאָליטישע רעפיודזשיס, געלערנטע, רבנים און שטודירנדע זיינען אויך געראַטעוועט געוואָרן צוליב די באַמיאונגען פון אידישן קאָנגרעס, אַרבעטער־קאָמיטעט, ציוניסטישער אַרבעטער־בלאָק, אַגודת חסידי חב״ד און דורך דעם עמערזשענסי קאָמיטעט פאַר די רבנים און ישיבה־סטודענטן אין ליטע.

אין קאָאָפּעראַציע מיט דעם אַמעריקאַנער רויטן קרייץ, אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, די קוויקערס און אַנדערע, האָבן די אידישע אָרגאַניזאַציעס גע־פּרואווט צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אידן וואָס זיינען געבליבן אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. די פעדעראַציע פון פּוילישע אידן אין אַמעריקע האָט דורך ליסאַבאָן און דורך דער שווייץ געשיקט פיל פּעקלעך פון שפּייז

און קליידער פאַר די אידן אין פוילן. די פרויען פון „בני ברית" האָבן געשיקט טויזנטער קאָלדרעס פאַר די אידן אין פוילן דורך דעם רויטן קרייץ. דער אידישער קאָנגרעס האָט דורך דעם רויטן קרייץ געשיקט מעדיקאַמענטן און שפּייז־פּאַקעטן פאַר די רעפיודזשיס פון פוילן. דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט געשיקט אַ מיליאָן פונט קליידער פאַר די רעפיודזשיס אין סאָוועט־רוס־לאַנד און אויך געגעבן דעם רויטן קרייץ אַ גרויסע סומע געלט פאַר אַלגעמיי־נער הילפס־טעטיקייט אין רוסלאַנד. פיל פּאָליטישע רעפיודזשיס זיינען געבליבן שטעקן אין ניט־אָקופּירטן טייל פון פראַנקרייך, ליסאַבאָן און אַנדערע פּלעצער און זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם אַרבעטער־קאָמיטעט. דער „דזשאָינט" האָט געהאָלפן דורך איבערשיקן געלט, שפּייז, מעדיקאַמענטן און מעדיצינישע מכשירים.

די לעגענדע וועגן די קינדער פון טעהעראַן איז געוואָרן דער סימבאָל פון די אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען די אייראָפּעאישע אידן ניט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען. כמעט יעדעס פון די טעהעראַנער קינדער (זיי זיינען אַלע געקומען פון פוילן) איז געוואָרן אַ וואַנדערער זינט דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה. זיי האָבן פריער געוואַנדערט קיין רוסלאַנד און פון דאָרט האָט די פּוילישע רעגירונג זיי געבראַכט קיין איראַן. 851 קינדער האָט מען צונויפגעזאַמלט און זיי איבערגעגעבן צו די פאַרטרעטער פון דער אידישער אַגענץ, וועלכע האָבן דורך אַ קאָמפּליצירטן וועג זיי געבראַכט קיין ארץ ישראל.

## 3. די רעאַקציע פון דער וועלט.

די רעאַקציע פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד אויף דער גרויסער טראַגעדיע פון די אייראָפּעאישע אידן איז אין אַלגעמיין געווען אַ סימפּאַטישע, הגם אַ ווירקונגסלאָזע. עפנטלעכע דעמאָנס־טראַציעס האָבן פאַרלאַנגט די רעטונג פון די אייראָפּעאישע אידן פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען אונטערשטיצט דורך אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „בריטיש קאָונסיל אָוו טשוירטשעס", „באָארד אָוו דעפּיוטיס" פון די ענגלישע אידן, „ענגלישער נאַציאָנאַל־קאָמיטעט פאַר רעטונג פון נאַצי־טעראָר", „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", „דזשואיש קאָמיטע", „טשוירטש פּיעס יוניאָן", „פרי וואָירלד אַסאָסיאיישאָן", „סי. אַי. אָ." און „פעדעראל קאָונסיל" פון די קריסטלעכע קירכן אין אַמעריקע. אין אַלע הויפּט־שטעט פון אַמעריקע זיינען פאָרגעקומען אַ רייע מאַסן־מיטינגען אונ־טער דער אויפזיכט פון „דזשאָינט עמוירדזשענסי קאָמיטע פאַר די אַנגעלעגנהייטן פון די אייראָפּעאישע אידן". אַ פּראָטעסט־מיטינג פון קינדער איז פאָרגעקומען אונטער דער אויפזיכט פון דער „אַמעריקאַנער אַסאָסיאיישאָן" פון אידישער דערציאונג, העברעאישע און רעליגיעזע שולן, ווי אויך דורך דעם לאָקאַלן ביוראָ פון אידישער דערציאונג.

דעם 8טן דעצעמבער 1942 האָט אַ דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון די פּרעזידענטן פון „דזשואיש קאָמיטע", „דזשואיש קאָנגרעס", „בני ברית", אַרבעטער־קאָמיטעט, „סינאַגאָג קאַאונסיל" און אוניאָן פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים פון אַמעריקע, צוגעשטעלט דעם פּרעזידענט רוזוועלט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דער שרעק פון דער נאַצישער אויסראָטונג פון די אייראָפּעאישע אידן און עס ווערט אָנגעוויזן אויף דער דרינגלעכקייט פון באַלדיקער רעטונג. די דעלעגאַטן האָבן געבעטן דעם פּרעזידענט, אַז עס זאָל גלייך געגרינדעט ווערן אַן אַמעריקאַנער קאָמיסיע צו „באַקומען און אויספאָרשן אַלע באַווייזן וועגן די נאַצישע באַרבאַריזמען קעגן דער ציווילער באַפעלקערונג און פאָרלייגן די דאָזיקע באַווייזן פאַר דעם משפּט פון דער עפנטלעכער מיינונג און פאַר דעם געוויסן פון דער וועלט".

אין ענגלאַנד האָבן אָנגעזעענע מיטגלידער פון דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע, וועלכע האָט פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען און וועלכע איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט און לאָרדן־הויז. זיי האָבן פאָרגעשטעלט פאַר די מיניסטאָרן אַ פּראָגראַם פון פיר פּונקטן וועגן באַלדיקער רעטונג. לויט דעם פּראָגראַם האָט מען געדאַרפט דורך אויסלענדישע פאַרטרעטער אָנקניפּן באַציאונגען מיט דער דייטשער רעגירונג און אין נאָמען פון ענגלאַנד פאָדערן פון די נאַציס אַרויסצולאָזן די אידן. אויסערדעם איז אין דעם פּראָגראַם אויך פאַרלאַנגט געוואָרן, אַז ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע מיטגלידער פון די יונייטעד ניישאָנס זאָלן אויפנעמען די רעפיודזשיס, אַז מען זאָל שאַפן פאַרלייכטערונגען פאַר דעם טראַנספּאָרט פון די רעפיודזשיס און אַז מען זאָל העלפן אויסצוהאַלטן זיי נאָכדעם ווי זיי וועלן געראַטעוועט ווערן.

אָבער די אַלע פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס האָבן קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן ניט געבראַכט.

## 4. די בערמודאַ־קאָנפערענץ.

דעם 17טן דעצעמבער, 1942, איז דורך די פאַראייניקטע שטאַטן און די אייראָפּעאישע מיטגלידער פון די פאַראייניקטע פעלקער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ בשותּפותדיקע דערקלערונג, אין וועלכער עס איז באַשטעטיקט געוואָרן דער פאַקט, אַז די דייטשע באַאַמטע „פירן איצט דורך היטלערס אָפט־איבערגעחזרטן פּלאַן צו פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק אין אייראָפּע. אַרום דריי חדשים שפּעטער, האָבן די רעגירונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע באַשלאָסן צו פאַרופן אַ קאָנפערענץ, „וועלכע וועט ברענגען הילף צו אַ באַדייטנדיקע צאָל פליכטלינגע פון אַלע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן". אַזאַ קאָנפערענץ איז דערנאָך פאָרגעקומען אין בערמודאַ, דעם 19טן אַפּריל, 1943.

רעפּרעזענטאַטיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פּרובירט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָנפערענץ צו די באַזונדערע ליידן פון די אידן אונ־

טער דער נאַצי־הערשאַפט. אַ דערקלערונג איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך דעם פאַראייניקטן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט פאַר איראָפּעאישע אידישע אַנגעלעגנ־הייטן, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, בני ברית, אַמעריקאַנער עמוירדזשענסי־קאָמיטעט פאַר ציוניסטישע ענינים, אַגודת ישראל פון אַמעריקע, אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, אידישער אַרבעטער־קאָמי־טעט, סינאַגאָג קאָונסיל אָוו אַמעריקאַ, אגודת הרבנים פון אַמעריקע, האָט פאַר־לאַנגט, ס׳זאָל אָנגענומען ווערן אַ 12־פּונקטן־פּראָגראַם צו ראַטעווען די אידן פון נאַצי־אָקופּירטן איראָפּע.* דער אידישער וועלט־קאָנגרעס האָט צוגעשטעלט דער קאָנפערענץ אַ מעמאָראַנדום, וואָס האָט געשילדערט דעם חורבן פון אידישן לעבן אין איראָפּע, די שטעלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער, און באַטאָנט די נויטיקייט פון באַלדיקער אַקציע. רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון בריטישן אידנטום האָבן געשיקט צו דער קאָנפערענץ ענלעכע דאָקומענטן.

אַ מעמאָראַנדום איז אויך צוגעשטעלט געוואָרן דורך דער אידישער אַגענ־טור פאַר ארץ ישראל. דער דאָזיקער מעמאָראַנדום, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון ד״ר חיים וויצמאַן, פּרעזידענט פון דער אַגענטור, און איז צוגע־שטעלט געוואָרן דורך דער בריטישער אַמבאַסאַדע, האָט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט צום פאַקט, אַז דער ישוב אין ארץ ישראל איז גרייט און איז עקאָנאָ־מיש בכוח גלייך אויפצונעמען אַ גרויסע צאָל אידישע פּליטים. דער מעמאָ־ראַנדום האָט זיך געענדיקט מיטן אַפּיל, אַז די טויערן פון ארץ ישראל זאָלן ברייט געעפנט ווערן פאַר אַ באַלדיקער אימיגראַציע כּדי צו ראַטעווען די אידן אין איראָפּע. די שטעלונג פון דער בערמודאַר קאָנפערענץ צו די אידישע פאָרשלאָגן וועט באַקאַנט ווערן נאָר דעמאָלט ווען די געהיימע פאַרהאַנדלונגען וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן.

דער פאַרלאַנג מצד די בריטישע און אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס צו זיין פאַרטראַטן, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן. מען האָט דער פּרעסע ניט דער־לויבט קיין פרייען צוטריט צו דער קאָנפערענץ. עס איז ענדגילטיק אָנאָנסירט געוואָרן דורך אויסערן־מיניסטער אַנטאָני אידען, אַז קיין פּראַקטישע שריט וועלן ניט גענומען ווערן — אַז די קאָנפערענץ איז בלויז אַן „אויספאָרשערישע אין כאַראַקטער״. פערזאָנען, וועמענס ברייטע דערפאַרונגען און ספּעציאַליזירטע באַקאַנטשאַפט מיט פּליטלינגס־פּראָבלעמען וואָלטן אַ סך געווען בייגעטראָגן צו די דיסקוסיעס, זיינען ניט איינגעלאַדן געוואָרן צו די סעסיעס. פאַרהאַנד־לונגען גייען נאָך אַלץ אָן, און עס איז מעגלעך, אַז אַ נייע קאָנפערענץ וועט איינגערופן ווערן. די דערגרייכונגען פון דער בערמודאַ־קאָנפערענץ זיינען נאָך אַלץ ניט באַוואוסט און די געאייניקטע קערפּערשאַפט פון רעפּרעזענטאַטיווע

---

* דער טעקסט פון דער פּראָגראַם איז אַרויס אין אַ באַזונדערער בראָשור אויף ענגליש.

אידישע אָרגאַניזאַציעס האַלט זיך אָפּ פון קריטיק ביז די פאַרהאַנדלונגען וועלן ניט ענטפּלעך באַקאַנט געמאַכט ווערן.

אַ סך פּראַקטישע פּראָבלעמען שטייען אין וועג פון וועלכן עס איז פּראָגראַם פאַר דער באַלדיקער רעטונג פון די אייראָפּעאישע אידן. עס זיינען פאַראַן טראַנספּאָרטאַציע-שוועריקייטן. די גרעסטע שוועריקייט פון אַלע איז די פאַרהאַנדלונג מיטן „אַקס" און זיינע אונטערגעאָרדנטע שטאַטן וועגן אַרויסלאָזן אידן פון זייערע טעריטאָריעס. פונדעסטוועגן האַלט מען בדרך כלל, אַז אַלע אָנשטרענגונגען מוזן געמאַכט ווערן צו ראַטעווען פון נאַצי-אייראָפּע אַזויפיל אידן וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך. אויב מען זאָל זיי ניט אַרויספירן פון דאָרט איצט, האָט מען מורא, אַז זייער ווינציק פון זיי וועלן בלייבן לעבן ביזן סוף פון דער מלחמה.

## ב. מיטלען פאַר באַלדיקער רעטונג

### 1. שפּייז און מעדיקאַמענטן.

פּראָבלעם: אידן אין די „אַקס"-טעריטאָריעס לעבן אויף הונגער-פּאָרציעס. זיי קריגן 20 פּראָצענט פון דעם נאָרמאַלן טעגלעכן באַדאַרף. די ראַטעס פון טויט און עפּידעמיעס זיינען הויך.

פאָרשלאָג: אַז שפּייז, מעדיקאַמענטן, וויטאַמין-פּילן און אַנדערע מעדיצינישע נויטווענדיקייטן זאָלן גלייך געשיקט ווערן צו די אידן אין אייראָפּע.

דער פאַראייניקטער עמוירדזשענסי קאָמיטעט פאַר אייראָפּעאישע אידישע ענינים דערקלערט אין זיין פּראָגראַם, אַז „אַזוי ווי מאַסן-אויסהונגערונג איז דער ציל פון נאַצי-רעזשים, זאָלן די פאַראייניקטע פעלקער נעמען גלייך די געהעריקע שריט צו אָרגאַניזירן אַ סיסטעם ווי אַזוי צו שפּייזן די קרבנות פון נאַצי-אונטערדריקונג, וואָס קענען זיך ניט אַרויסראַטעווען פון דער יוריסדיקציע און פונם קאָנטראָל פון „אַקס". דער אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם און די פאַראייניקטע רומענישע אידן פון אַמעריקע שטימען איין צו דער דאָזיקער דערקלערונג.

### 2. עוואַקואַציע.

פּראָבלעם: זינט אָקטאָבער, 1941, האָט דייטשלאַנד פאַרבאָטן אידן אויסצוּוואַנדערן פון אירע טעריטאָריעס און אַזוי אַרום זיינען 4 מיליאָן אידן אין געפאַר אויסגעראָטעט צו ווערן.

פאָרשלאָג: אַז די פאַראייניקטע פעלקער זאָלן דורך דער פאַרמיטלונג פון וואַטיקאַן אָדער אַזעלכע נייטראַלע רעגירונגען ווי שווייצאַריע, שפּאַניע, שוועדן, טערקיי אָדער אַרגענטינע, זיך ווענדן צו דער דייטשער רעגירונג און צו די

רעגירונגען, וואָס דייטשלאַנד קאָנטראָלירט אָדער דאָמינירט, מיטן ציל צו באַ־קומען אַ דייטשע הסכּמה אַרויסצולאָזן די אידישע קרבנות.

דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז אַ טייל פון דער פּראָגראַם און איז פאָרמו־לירט געוואָרן דורך דעם פאַראייניקטן עמוירדזשענסי קאָמיטעט....

## 3. פּראָוויזאָרישער מקום־מקלט און פּערמאַנענטע איינאָרדענונג.

פּראָבלעם: עס איז וויכטיק פאַר די פּליטים צו געפינען אַ מקום־מקלט גלייך נאָך דער עוואַקואירונג פון נאַצי־טעריטאָריעס, ווייל זייערע לעבנס וועלן געשטעלט ווערן אין געפאַר אויב זיי וועלן עוואַקואירט ווערן אָן אַן אָרט וואוהין צו פאָרן. בעת אַ צאָל לענדער האָבן געגעבן אַ טייל פּליטים צייטווייליקע און פּערמאַנענטע היימען, זיינען די איצטיקע אימיגראַציע־באַגרענעצונגען אַ שטערונג, אַז זיי זאָלן קענען אַריינפאָרן ערגעצוואו אין גרויסע צאָלן.

פאָרשלאַג: די פאַראייניקטע פעלקער זאָלן אָן אַ פאָרשפּעטיקונג נעמען שריט צו באַשטימען און אויפשטעלן אַ צאָל אַנטרינונג־ערטער אין אַליאירטע און נייטראַלע לענדער צו באַזאָרגן גרויסע צאָלן פון היטלערס קרבנות און צו דינען אַלס היימען פאַר יענע אידן, וואָס זייער באַפרייאונג קען איינגעאָרדנט ווערן אָדער זיי קענען דערגרייכן פרייהייט דורך אייגענע באַמיאונגען... די מעגלעכ־קייטן אין אַ צאָל בריטישע טעריטאָריעס אין אַפריקע און אין קאַריבעאישן טייל זאָל גלייך אויסגעפאָרשט ווערן. טויזנטער פּליטים האָבן שוין באַקו־מען אַ מקום־מקלט אין די דאָזיקע טעריטאָריעס און ס׳איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך אַ סך, אויב ניט פאַר שטענדיקער באַזעצונג, איז אמווינציקסטן פאַרן דויער פון קריג... די פאַראייניקטע פעלקער זאָלן ווירקן אויף די רעפּובליקן פון לאַטיין־אַמעריקע צו מאָדיפיצירן יענע אַדמיניסטראַטיווע רעגולאַציעס, וואָס מאַכן איצט אונטערן געזעץ אויסערגעוויינטלעך שווער די איינוואַנדערונג, און זיי זאָלן זיך באַמיען צו געפינען צייטווייליקע היימען פאַר אַ באַדייטנדיקער צאָל פּליטים״.

עס ווערט אויך פאָרגעלייגט, אַז „ענגלאַנד זאָל געבעטן ווערן אויפצונעמען אַ מעגלעכע צאָל קרבנות, וואָס אַנטלויפן פון נאַצי־אָקופּירטע טעריטאָריעס און זיי איינאָרדענען פאַר דער צייט, וואָס די מלחמה וועט דויערן״.

פּערמאַנענטע באַזעצונג זאָל באַזאָרגט ווערן פאַר אַזוי פיל פּליטים וויפל ס׳וועט נאָר זיין מעגלעך. פאַר דעם צוועק ווערט פאָרגעשלאָגן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן און גרויס־בריטאַניע זאָלן דערלויבן פּליטים אַריינ־צוקומען אין זייערע לענדער אין די מאַקסימום־ראַמען פון זייערע אימיגראַציע־

געזעצן, און באַזונדערס לויט די פּילע מעגלעכקייטן פון די קוואָטעס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.*

דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דעם פּאַראייניקטן עמוירדזשענסי קאָמיטע און אויך פון אינדעפּענדענט ברית אברהם, וועלכער דערקלערט, „אַז דעמאָ־קראַטישע פעלקער זאָלן עפענען זייערע טויערן פאַר אַ מער ליבעראַלער אידי־שער אימיגראַציע". די אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע אידן פאַר־לאַנגט פאַר די אידן פון פּוילן אַ פרייען צוטריט צו די איינוואַנדערונג־לענ־דער.

## 4. טראַנספּאָרטאַציע.

פּראָבלעם: די שטערונגען און נויטן פון מלחמה־צייט, ווי בלאָקאַדעס, קאָנוואָיען, די באַוועגונג פון טרופּן און מלחמה־מאַטעריאַלן, מאַכן אומגעוויינ־לעך שווער טראַנספּאָרטאַציע (באַזונדערס טראַנס־אָקעאַנישע טראַנספּאָרטאַציע). קאָן מען קריגן שיפן און באַנען צו טראַנספּאָרטירן פליכטלינגע אין דער צייט פון דער מלחמה?

פאָרשלאַג: אָן שום שטערונג צו דער מלחמה־פירונג און ניט אָפּציענדיק קיין אַליאירטע שיפן פון מלחמה־דינסט קענען די אייראָפּעאישע אידן טראַנס־פּאָרטירט ווערן מיט שאַסייען און באַנען קיין שפּאַניע, שווייץ, שוועדן און טערקיי. די נייטראַלע שיפן, וואָס שטעלן צו פּראָוויאַנט קיין גריכנלאַנד, קענען טראַנספּאָרטירן צוריקוועגס אייראָפּעאישע פליכטלינגע קיין פּאַלעסטינע אָדער צו די מערב־אַטלאַנטישע האַפענס. יענע שיפן, וואָס מאַכן נאָך רייזעס צווישן אייראָפּע און אַמעריקע, קענען אויפנעמען מערערע פּאַסאַזשירן. לענד־ליס־שיפן קענען פירן אידישע פליכטלינגע, ווי אַ באַלאַסט, אויף זייער צוריקרייזע צו מערב.

די אָרגאַניזאַציעס האָבן לעצטנס זיך ניט אַרויסגעזאָגט וועגן דעם פּראָבלעם, אָבער ביי פריערדיקע געלעגנהייטן האָבן זיי און אַנדערע געמאַכט די אויבנ־דערמאַנטע פאָרשלאַגן.

## 5. פּאַספּאָרטן.

פּראָבלעם: מערערע אידן, וואָס קומען פון די נאַצי־טעריטאָריעס, זיינען

---

* זינט היטלערס קומען צו דער מאַכט אין 1933 ביז יוני 1942 האָט דער סטעיט־דעפּאַרטמענט אַרויסגעגעבן בלויז 547,775 וויזעס, כאָטש די קוואָטע־רעגולאַציעס האָבן פאַר דעם זעלבן פעריאָד דערלויבט דעם אַריינפאָר פון נאָך 1,380,000 אימיגראַנטן. אין די מלחמה־יאָרן 1939—1942 זיינען בלויז אַרויסגעגעבן געוואָרן 228,964 פון די פאַראַנענע 460,000 יונייטעד שטעיטס וויזעס. (זע: קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש רעקאָרד, יוני 1943.

באַרויבט געוואָרן פון זייער דערוואָרבענער אָדער איינגעבוירענער בירגערשאַפט, און זיינען אַזוי אַרום געוואָרן שטאַטנלאָז.

פּאָרשלאַג: כּדי צו געבן לעגאַלע אידענטיפיקאַציעס און פּראָטעקציע צו די פּליכטלינגע, וואָס זיינען איצט שטאַטנלאָז, קען איינגעפירט ווערן אַן ענ־לעכע אַראַנזשירונג, ווי עס האָט עקזיסטירט אונטער דער פעלקער־ליגע, און די שטאַטנלאָזע פּליכטלינגע זאָל געגעבן ווערן אידענטיפיקאַציע־פּאַספּאָרטן, ענלעכע צו די נאַנסען־פּאַספּאָרטן.*

דאָס איז אַ טייל פון פּראָגראַם פון דער דזשאָינט עמוירדזשענסי קאָמיטע.

## 6. אַמעליאָראַציע.

פּראָבלעם: פּליכטלינגע וואָס האָבן געפונען אַ צייטווייליקע היים אין נייט־ראַלע לענדער, ליידן אין גאָר אַ סך פאַלן אָרעמקייט און נויט.

פּאָרשלאַג: „די פאַראייניקטע נאַציעס זאָלן באַווייליקן פינאַנציעלע גאַ־ראַנטיעס צו יענע נייטראַלע לענדער, וואָס האָבן געגעבן צייטווייליקע היימען צו די אידן, וואָס קומען פון די נאַצי־אָקופּירטע טעריטאָריעס — פאַר זייער שפּייזונג, אויפהאַלט און שפּעטערדיקער עוואַקואַציע. צו די נייטראַלע שטאַטן זאָל גאַראַנטירט ווערן, אַז די פּליכטלינגע וועלן ניט ווערן קיין עפּנטלעכע לאַסט און אַז זיי וועלן אַריבערגעפירט ווערן צו פּערמאַנענטע היימען אַזוי גיך ווי מעגלעך.

די דזשאָינט עמוירדזשענסי קאָמיטע האָט דעם אויבן געבראַכטן פּאָרשלאַג אַריינגענומען אין איר פּראָגראַם.

## 7. קינדער.

פּראָבלעם: די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס און פייניקונגען פון אידישע קינדער האָבן געשאַפן נאָך אַ טראַגעדיע, וואָס טראָגט אַן ערנסטע געפאַר פאַרן אידישן

---

* נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט פרידטיאָף נאַנסען געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון דער פעלקער־ליגע צו דער אומגליקלעכער לאַגע פון די פּאַספּאָרטלאָזע פּליכט־לינגע (באַזונדערס פון רוסלאַנד), וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין ספּעציעלע אידענטיפי־קאַציע־קאַרטן און רייזע־דערלויבענישן. אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זשענעווע אין 1921—1922, איז באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן ספּעציעלע סערטיפיקאַטן. פּרעזענטירנדיק אַזאַ „נאַנסען־פּאַספּאָרט“, וואָס האָט פאַר זיך אַליין ניט באַרעכטיקט דעם פּליכטלינג אומצוקערן זיך אין לאַנד, וואָס האָט דעם פּאַספּאָרט אַרויסגעגעבן, האָט ער אָבער געקאָנט אַריינגעלאָזן ווערן אין לאַנד, וואו ער האָט געוואָלט פאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט דערוויייל באַקומען אַ וויזע, אָדער נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַריבערצוגיין דעם גרענעץ. זע: Encyclopedia of the Social Science, vol. XII, p. 76.

קיום. פאַריתומט אָדער צעשיידט פון זייערע עלטערן, אָן עקזיסטענץ־מיטלען, צע־זייט און צעשפּרייט, אַרומוואַנדערנדיק איבער אייראָפּע און אַזיע — דאַרפֿן קינדער גלייך צונויפגענומען און געראַטעוועט ווערן.

פאָרשלאַג: גלייכצייטיק מיט דעם אַלגעמיינעם רעטונגס־פּראָגראַם דאַרף דער באַזונדערס דרינגנדער און הילפלאָזער צושטאַנד פון די אומבאַשיצטע קינדער ציען צו זיך ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. אַ פּראָגראַם דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן פאַר אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג פון זייערע נויטן.

דאָס ווערט פאַרלאַנגט און פאַרטיידיקט פון ציוניסטישן אַרבעטער־קאָנסיל, פון דער נאַציאָנאַלער פרויען־ליגע, פון דער ליגע פון יונייטעד סינאַגאָג, וועלכע דערקלערט, אַז אירע מיטגלידער זיינען גרייט צו אַדאָפּטירן מלחמה־יתומים, אויב אַזאַ באַוועגונג וועט אָרגאַניזירט ווערן, און דאָס ווערט אויך געפאָדערט פון די „יונייטעד רומעניען דזשוס אָוו אַמעריקאַ" וועלכע האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע „צו געפינען און צו באַזעצן אין פּאַסיקע היימען דאָ אין לאַנד און אין קאַנאַדע די קינדער פון רומעניע אָדער פון רומענישע עלטערן. דער אינטערעס פון „הדסה" צו די קינדער ווערט דעמאָנסטרירט דורך דער טעטיקייט פון איר יוגנט־עליה.

די פּיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע, די מזרחי פרויען־אָרגאַניזאַציע האָבן באַוויזן אַקטיוון אינטערעס צו דער פראַגע, אַריינגעבנדיק געראַטעוועטע קינדער אין אַ געהעריקער אינסטיטוציע אין פּאַלעסטינע. דער נאַציאָנאַלער קאָנסיל פון אידישע פרויען פירט שוין לאַנג דורך אַ פּראָגראַם פון באַגעגענען אומבאַקאַנטע פרויען און קינדער אין די איינטריט־האַפענס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדאַ. די אָרגאַניזאַציע האָט אויך געשטיצט די „דזשווירמען דזשואיש אייד אינק.". אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, כאָטש זיי האָבן ניט געמאַכט קיין ספּעציעלע פאַרלאַנגען, זיינען זיי אָבער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַזאַ פּראָגראַם.

## ג. אָפּשרעק־מיטלען

ג. אָפּשרעק־מיטלען

פּראָבלעם: פירנדיקע אַמעריקאַנער אידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען ביי דער מיינונג, אַז די וואָרנונג וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער אונטערזוכונג און וועגן פעסטשטעלן די מלחמה־שולד פון יחידים וועט ווירקן ווי אַן אָפּשרעק־מיטל אויף די נאַציס און זייערע מיטלויפער, זיי זאָלן אָפּשטעלן זייערע אידן־פאַרפאָלגונגען.

פאָרשלאַג: אַז די פאַראייניקטע נאַציעס זאָלן אָנהויבן איינשטעלן זייער אַפּאַראַט אויף דורכצופירן זייער וואָרנונג פון 17טן סעפּטעמבער 1942 צו די

נאַציס און זייערע מיטלויפער, אַז זיי וועלן באַשטראָפט ווערן, קאָלעקטיוו און אינדיווידועל, פאַר די רציחות וואָס זיי באַגייען קעגן אידן; אַז זיי זאָלן צוטרעטן צו דער שאַפונג פון די אינסטרומענטן אויף אָנצוקלאָגן און צו משפטן די נאַצי־אַטאַקירער פון אידן; אַז זיי זאָלן אָנהויבן אַזוי גיך ווי מעגלעך אַרויסצוגעבן ספּעציעלע אָנקלאָגעס און פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע אָנקלאָגעס אין די לענדער וואָס זיינען אָקופּירט פון די דייטשן, אַלס אַ מעטאָד פון אָפּשרעקן זיי פון באַגיין ווייטערע רציחות.

אַ צאָל רעפּרעזענטאַטיווע אַמעריקאַניש־אידישע אָרגאַניזאַציעס, איינשליסנ־דיק די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע, אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, בני־ברית, אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, סינאַגאָג קאָונסיל אָוו אַמעריקע, יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס ראַביים, אַגודת ישראל, עמוירזשענסי קאָמיטע פאַר זייאָניסט אַפערס, און דער דזשענעראַל דזשואיש קאָונסיל, אין אַ פּלאַן צו ראַטעווען די אייראָפּעאישע אידן פון אויסראָטונג, שלאָגען פאַר, אַז שריט זאָלן גלייך גענומען ווערן אויסצואַרבעטן די דעקלאַראַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס צו ברענגען די נאַצי־פאַרברעכער צום משפט; צו באַשטימען אַן אינטערנאַציאָנאַלן געריכט, וואָס זאָל זאַמלען באַווייזן, אויף וועלכע די פּראָצעסן זאָלן געשטיצט ווערן, ווי אויך איינצושטעלן די פּראָצעדור פון אַזאַ טריבונאַל.*

## ד. דער דורכפיר־אַפּאַראַט

### 1. אַפּילו צו דער עפנטלעכער מיינונג פון דער ציוויליזירטער וועלט

פּראָבלעם: דאָס אידישע פּראָבלעם אין אייראָפּע ווערט טעגלעך אַלץ שאַרפער. עס ווערט געשאַצט, אַז צוויי מיליאָן אידן זיינען שוין דערמאָרדעט געוואָרן. כדי צו ברענגען צו אַ באַלדיקער אַקציע פאַר דער רעטונג פון די לעבן־געבליבענע אידן אין אייראָפּע, מוז אויפגעוועקט ווערן די עפנטלעכע מיינונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אויך אין אַלע אַנדערע אַליאירטע נאַציעס.

פאָרשלאָג: אַז אַן אָרגאַניזירטער אַפּיל זאָל אַדרעסירט ווערן צו דער ציוויליזירטער וועלט צו ראַטעווען די אידן פון אייראָפּע פון פולשטענדיקער פאַר־ניכטונג, און אַז אַן אַמעריקאַנער קאָמיסיע זאָל גלייך באַשטימט ווערן אויפ־צונעמען און אויסצופאָרשן אַלע באַווייזן וועגן די נאַצי־באַרבאַרייען קעגן די ציווילע באַפעלקערונגען, און פאַרצולייגן די באַווייזן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג און פאַרן וועלט־געוויסן.

די פאָדערונג איז איינגעשלאָסן אין דער פּרעזענטאַציע פון די דעלעגאַטן

* "Voice of the Unconquered", April 1943, vol. I, No. 2, p. 2.

פון די זעקס אויבן־דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס (סעקציע ג׳). די מזרחי־אָרגאַ־ניזאַציע פון אַמעריקע שלאָגט פאָר, אַז „די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט זאָל זיך פאַראייניקן און העלפן איינהאַלטן דאָס אידישע פאָלק״. די נאַציאָנאַלע פּרויען־ליגע פון יונייטעד סינאַגאָג שלאָגט פאָר אַן אַפּיל צו די פאַראייניקטע נאַציעס.

## 2. אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט

פּראָבלעם: אַ ברייטע אַדמיניסטראַטיווע רעליעף אָרגאַניזאַציע וועט נויטיק זיין דורכצופירן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב דאָס רעטונגס־פּראָגראַם פאַר די אידן פון אייראָפּע. די אָרגאַניזאַציע וועט מוזן זיין אָנגעמבאַר, ווי אויך פעאיק צו האַנדלען מיט אַלע באַטרעפנדיקע רעגירונגס־ און פּריוואַט־אַגענטורן.

פאָרשלאָג: אַז „די פאַראייניקטע נאַציעס דאַרפן אויפגעפאָדערט ווערן איינצושטעלן אַ געהעריקע אינטער־רעגירונג־אַגענטור, וועלכע זאָל האָבן די פולע אויטאָריטעט און מאַכט דורכצופירן דאָס רעטונגס־פּראָגראַם.

דער פּונקט איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דער „דזשאָינט עמוירדזשענסי קאָמיטע״. „אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם״ פאָדערט אַ צענטראַלע אַגענטור אונטער אויפזיכט פון די אַליאירטע, צו שפּייזן די אומגליקלעכע היימלאָזע קרבנות פון דער נאַצי־אונטערדריקונג. דער אָרדען „בני ציון״ פאָדערט די באַלדיקסטע שאַפונג פון אַ יונייטעד ניישאָנס אַגענטור צו ראַטעווען אַזויפיל אידן ווי מעגלעך פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע.

## 3. די פינאַנציעלע מיטלען

פּראָבלעם: די רעטונג פון די אייראָפּעאישע אידן וועט זיין אַ גרויסע פי־נאַנציעלע אונטערנעמונג. פאַר אַ ווירקזאַמען פּראָגראַם וועט זיך פאָדערן אויס־צוגעבן ריזיקע סומען, וואָס וועלן דאַרפן באַזאָרגט ווערן פון באַשטענדיקע און זיכערע קוואַלן. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ אונטערנעמונג קאָן ניט זיין אָפּהענגיק פון די פּרייוואַליקע נדבות פון יחידים אָדער פון די באַגרענעצטע פאָנדן פון די פילאַנטראָפּישע אַגענטורן.

פאָרשלאָג: אַז „די פאַראייניקטע נאַציעס זאָלן נעמען אויף זיך צו שאַפן די פינאַנציעלע גאַראַנטיעס, וואָס וועלן זיך פאָדערן ביי דער דורכפירונג פון אַ (געהעריקן) רעטונגס־פּראָגראַם.

די פאָדערונג קומט פון דער „דזשאָינט עמוירדזשענסי קאָמיטע״. דער אָרדען „בני ציון״ דערקלערט, אַז די יונייטעד ניישאָנס אַגענטור „זאָל האָבן די פינאַנציעלע מיטלען, וואָס זיינען נייטיק פאַר דער שפּייזונג און באַזאָרגונג פון יענע פּליכטלינגע, וואָס וועלן דאַרפן אויפגעהאַלטן ווערן פאַר אַ שטיק צייט

אין די נייטראַלע לענדער. עס ווערט אויך פאָרגעשלאָגן, אַז אַ לענד־ליס־אַראַנ־זשירונג זאָל געמאַכט ווערן מיט דער רעגירונג פון די יונייטעד סטייטס צו פאַרזיכערן די באַלדיקע צושטעלונג פון מעדיקאַמענטן און שפּייז פאַר די אידן אין אייראָפּע.

## אָפּטיילונג צוויי

# דער איבערגאַנג־פּעריאָד

### א. אַלגעמיינע באַדינגונגען פון איבערגאַנג־פּעריאָד

### ב. הילף און ווידעראויפבוי

1. שפּייז, קליידער, וואוינונגען, מעדיצינישע הילף און גייסטיקע היגיענע.
2. פאַראייניקונג פון פאַמיליעס און קינדער־אויפפאַסונג.
3. פאַרגיטיקונג און רעפּאַראַציעס.
4. רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע רעהאַביליטאַציע.

### ג. שטראָף פאַר די שולדיקע

### ד. לעגאַלע רעכט און גאַראַנטיעס

1. די אַנולירונג פון ראַסן־געזעצן.
2. דערקלערן אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ.
3. דאָס רעכט אויף צוריק־באַזעצונג, וואוינערשאַפט און בירגערשאַפט.
4. די באַשיצונג פון אידישע רעכט.

### ה. פינאַנצן און אָרגאַניזאַציע

## אָפּטיילונג צוויי

# דער איבערגאַנג־פּעריאָד

## א. אַלגעמיינע באַדינגונגען פון איבערגאַנגס-פּעריאָד

דער נאָך־מלחמהדיקער איבערגאַנג־פּעריאָד אין די נאַצי־פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס וועט זיך אָנהייבן מיט דער אָקופּאַציע פון די עליִיס־כוחות. דער דאָזיקער פּעריאָד וועט דויערן ביז די פרידנס־באַדינגונגען וועלן אויסגעאַרבעט און אָנגענומען ווערן און שטאַנדהאַפטיקע רעגירונגען וועלן עטאַבלירט ווערן.

די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז די קומענדיקע שלום־דיסקוסיעס וועלן פאַרלענגערט ווערן, נישט ווי עס איז געשען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די פרידנס־קאָנפערענץ איז איינגערופן געוואָרן אין איילעניש.

עס וועלן אפשר אַוועקגיין עטלעכע יאָר ביז דער איבערגאַנג־פּעריאָד וועט דערגרייכן אַ צייט פון רו און פּערמאַנענטע זיכערקייט. דערפון איז צו זען, אַז די לאַגע פון די אידן אין לויף פון דעם איבערגאַנג־פּעריאָד וועט באַשטימט ווערן נישט בלויז פון די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וואָס וועלן הערשן אין די באַפרייטע לענדער, נאָר אויך פון דער פּאָליטיק, וואָס די אַליאירטע אָקופּאַציע־מאַכט וועט אַרויסווייזן אין ספּראַווען זיך מיט דער אַלגעמיינע לאַגע.

עס איז זיך שווער פאָרשטעלן, אַז די פאַשיסטישע און נאַצישע געפילן פון ראַסן־האַס, וואָס זיינען אַריינגעשפּריצט געוואָרן אין די הערצער פון מענטשן אין פאַרלויף פון צוויי צענדליק יאָר, וועלן אויסגעמעקט און אָפּגעווישט ווערן באַלד נאָכדעם, ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן. בירגער־קאַמף, פּלינדערונג און רויב וועלן מסתמא אַנטשטייען, סיידן די אָקופּירטע מאַכט וועט עס אָפּשטעלן באַצייטנס.

מיליאָנען דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן און אַנדערע מענטשן, וואָס וועלן באַפרייט ווערן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער פון די באַטאַליאָנען פון געצוואונגענער אַרבעט, וועלן אַרומוואַנדערן איבער אייראָפּע. פיל פון זיי וועלן נישט קענען געפינען זייערע פריערדיקע היימען און זיי וועלן זוכן נייע וואוינפּלעצער. קאָנפליקטן וועגן מלוכה־גרענעצן און טעריטאָריעלע טענות וועלן פאַראורזאַכן לאָקאַלע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן. און דעמאָלט וועט אויך אַנטשטיין די דרינגענדע אויפגאַבע ווי צו שפּייזן, באַקליידן, שאַפן וואוינ־ערטער און מעדיצינישע הילף פאַר מיליאָנען אויסגעוואָרצלטע מענטשן איבערן גאַנצן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

עס ווערט אָנערקענט פון יעדן איינעם, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט וועגן

אַט־די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, אַז זייער לייזונג וועט דאַרפֿן אונטערגענומען ווערן פֿון אַן אויטאָראַטאַטיווער קערפּערשאַפֿט, וואָס וועט דאַרפֿן געשאַפֿן ווערן פֿון די אַליאירטע פֿעלקער. די פֿאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד האָבן שוין געלייגט דעם פֿונדאַמענט — אַמעריקע דורך דעם „אָפֿיס אָוו פֿאָרעין רעליעף ענד רעהאַביליטיישאָן", אין שפּיץ פֿון וועלכן עס געפֿינט זיך עקס־גאָווערנאָר הוירבערט לעהמאַן, ענגלאַנד צוזאַמען מיט די גלות־רעגירונגען דורך דער קאָמיטע פֿון סער פֿרעדעריק לעיט־ראָס [1].

## ב. הילף און אויפֿבוי

### 1. שפּייז, קליידער, וואוינונגען, מעדיצינישע הילף און גייסטיקע היגיענע.

פּראָבלעם: די אידן פֿון אייראָפּע, וואָס וועלן בלייבן נאָכן נאַצישן אומגליק, וועלן זיין אויסגעמאַרעט פֿון הונגער, זייערע קליידער וועלן הענגען פֿון זיי ווי טראַנטעס, זייער געזונט־צושטאַנד צעשמעטערט און זייערע הייזער — פֿאַרניכטעט [2].

פֿאָרשלאָג: אַז אַ הילף־פּראָבלעם אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב זאָל אָרגאַניזירט ווערן פֿאַר דעם איבערגאַנג־פּעריאָד מיטן צוועק צו שפּייזן די הילפֿלאָזע, דערשלאָגענע אידן און זיי באַזאָרגן מיט קליידער, מעדיצינישער הילף און צייטווייליקע וואוינונגען.

די דאָזיקע הילף, וואָס איז פֿון אַבסאָלוטער נייטיקייט, ווערט געפֿאָדערט פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען אין דער דאָזיקער פֿראַגע.

### 2. פֿאַראייניקונג פֿון פֿאַמיליעס און קינדער־אויפֿפּאַסונג

פּראָבלעם: מיטגלידער פֿון אידישע פֿאַמיליעס, וואָס זיינען אויף אַ געצוואונגענעם אופֿן צעריסן און צעשפּרייט געוואָרן איבער פֿיל לענדער, וועלן זוכן אַ וועג ווי אַזוי זיך צוריק צו פֿאַראייניקן. דאָס וועט זיין אויסערגעוויינלעך שווער צוליב דעם, וואָס פֿיל קינדער, וואָס זיינען מיט געוואַלד אַוועקגעריסן געוואָרן פֿון זייערע עלטערן, זיינען מערסטנס באַרויבט געוואָרן פֿון זייערע געבורטשיינען, אָדער אַנדערע לעגאַלע דאָקומענטן. דאָס אַפּרייסן מענער פֿון פֿרויען וועט שאַפֿן דאָס פּראָבלעם פֿון עגונות.

---

1) „די פּאָזישאָן אָוו די דזשוס אין דהי פּאָסט־וואָר וואָרלד". אַ שטודיר־קורס, וואָס איז צוגעגרייט פֿון דעם פֿאָרשונגס־אינסטיטוט וועגן פֿרידן און נאָך־מלחמה פּראָבלעמען פֿון דער „אַמעריקען־דזשואיש קאָמיטע", יוניט „ווי", רעדאַקטירט פֿון אייברעהעם ג. דרוקער, 1943, זז. 13—16.

---

2) זע „איינפֿירונג".

באַזונדערס שווער וועט זיין די פראַגע וועגן קינדער־אויפפּאַסונג. דאָס וועט נישט קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ פּשוטע פראַגע צו שאַפן הילף פאַר אונטער־פּריווילעגירטע אָדער סוב־נאָרמאַלע קינדער. אַ גאַנצער דור יוגנט איז אויסגעוואַקסן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, אַז ער האָט נישט באַקומען קיין נאָרמאַלן וואוקס און אַנטוויקלונג[3]. אַ ריזיקע צאָל קינדער זיינען געוואָרן יתומים, אָדער אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע נאָענטע קרובים. אפילו די קינ־דער, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו בלייבן מיט זייערע עלטערן, וועלן אַ לאַנגע צייט נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו קריגן אַ פּאַסנדע היים.

**פאָרשלאָג:** אַז באַלד נאָך דער מלחמה זאָלן אַנגענומען ווערן מיטלען צו פאַראייניקן פאַמיליעס און אַריינגעבן יתומים און היימלאָזע קינדער אין אינ־סטיטוציעס (אָדער פּריוואַטע פאַמיליעס), און שאַפן פאַר זיי שולן, פּראָפעסיאָ־נעלע שולן, פאַרוויילונג, מעדיצינישע הילף און מעגלעכקייטן פאַר קולטורעלער און רעליגיעזער אַנטוויקלונג.

דאָס ווערט אָנערקענט אַלס די דרינגנדסטע נויטווענדיקייט פון הילף־אַרבעט פון אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטרייכן באַזונדערס אונטער דאָס ספּע־ציפישע פּראָבלעם פון קינדער־אויפפּאַסונג.

„דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט" דערקלערט: „עס איז באַזונדערס דרינגנד אויפצוריכטן די גרויסע צאָל אידישע יתומים און היימלאָזע קינדער דורך דעם, וואָס באַלד נאָך דער מלחמה זאָלן זיי באַזאָרגט ווערן מיט שפּייז, מעדיצינישע הילף, קליידער און וואוינונגען".

„די נעשאַנעל ווימענס ליג אָוו די יונייטעד סינאַגאָג" וועט „אַדאָפּטירן מלחמה־יתומים, אויב אַזאַ באַוועגונג וועט אָרגאַניזירט ווערן".

„בני ברית" דערקלערט, אַז זיי האָבן אונטערזוכט די אויסזיכטן צו שאַפן היימען פאַר פליכטלינג־קינדער און קריג־יתומים אין זייערע 7 דיסטריקטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זיי זעען אַ מעגלעכקייט צו נוצן אַ פּאָר פון זייערע אינסטיטוציעס פאַר אַ צייטווייליגער היים פאַר די דאָזיקע קינדער".

## 3. פאַרגיטיקונג און רעפּאַראַציעס

**פּראָבלעם:** די אידן, וואָס זוכן זיך אומצוקערן צו זייערע היימען און צוריקקריגן אַלץ וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן פון זייערע געוועזענעם אייגנטום, וועלן זיך אָנטרעפן אויף אַן אַ שיעור שוועריקייטן — פיזישע, פּסיכאָלאָגישע

---

3) „אַפּרוטעד דזשוס אין די אימידיאייט פּאָסט־וואָר וואָרלד" — פון דזשייקאָב ראָבינסאָן, „אינטערנעשאָנעל קאָנסיליאיישען", נומער 389, אַפּריל 1943, ז. 303 און „די פּראָבלעם פון אידישע קינדער הילף נאָך דער מלחמה" פון עמנואל פּאַט און „די אידן נאָך דער מלחמה", אַרויסגעגעבן פון דעם „אידישן אַרבעטער קאָמיטעט", ניו־יאָרק, 1942, זז. 50—40.

און פינאַנציעלע. פאַרטריבן פון זייערע היימען און פאַריאָגט פון זייערע עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס נישט בלויז דורך די דייטשן, נאָר אויך דורך יחידים פון אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן ווילנדיק ניט־ווילנדיק פּראָפּעטירט פון די נאַצישע אַנטי־אידישע געזעצן, וועלן די אידן געפינען, אַז די נייע אייגנטימער וועלן ניט זיין וויליק צוריקקערן זיי, די אידן, זייער אייגנטום, אָדער זייערע שטעלעס. נאָכמער, עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די אָקופּאַציע מאַכט וועט האַנדלען זייער פאַרזיכטיק אין דער פראַגע פון אידישע פאָדערונגען, כדי נישט אָנצו־שטרענגען די אידיש־קריסטלעכע באַציאונגען. די לייזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם וועט פאָדערן גוטן ווילן, אַ קלאָרע פּאָליטיק, אָבער אין דער זעלבער צייט — אַ פעסטע אַקציע צו באַפרידיקן די דאָזיקע פאָדערונגען אויף אַ יושרדיקן אופן.

אידן, וואָס זיינען פאַראָרעמט געוואָרן און אָהן פאַרגיטיקונג, וועלן זוכן רעפּאַראַציעס פאַר זייערע פאַרלוירענע פאַרמעגנס, אָדער אַ נייע באַשעפטיקונג און נייע פּראָפעסיעס. זיי וועלן דאַרפן קאָמפּענסירט ווערן אויף אַ פינאַנציעלן אופן, אָדער מען וועט זיי דאַרפן לערנען נייע פּראָפעסיעס, כדי צו קריגן נייע באַשעפטיקונג. רעפּאַראַציעס וועלן דאַרפן געגעבן ווערן נישט בלויז צו איני־דיווידועלן אידן, נאָר אויך צו זייערע קהילות, וועלכע זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגנס. נאָכמער, עס וועט אַנטשטיין די פראַגע וועגן דעם רעכט פון די אידן צו פאָדערן רעפּאַראַציעס אויף אַ קאָלעק־טיוון אופן פאַר די פאַרמעגנס פון אַזעלכע קרבנות, וואָס האָבן נישט געלאָזט קיין יורשים, און די באַקומענע רעפּאַראַציעס וועלן גיין פאַר די אַלגעמיינע פאָנדן פון אַ אידישן אויפבוי. פון דער לייזונג פון די דאָזיקע פּראָבלע־מען איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק די ווירקזאַמקייט פון אידישע רעקאָנ־סטרוקציע נאָכדעם ווי דער ענדגילטיגער שלום וועט איינגעשטעלט ווערן.

פאָרשלאָגן[4]: עטלעכע אָרגאַניזאַציעס מאַכן ספּעציפישע פאָדערונגען אין באַצוג צו די דאָזיקע פראַגן.

---

4) דעם 5טן יאַנואַר, 1942, האָבן די פאַראייניקטע פעלקער אַרויסגעלאָזן דעם פאָלגנדן סטייטמענט:

„די יוניאָן פון זיד־אַפריקע, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אויסטראַליע, בעלגיע, קאַנאַדע, כינע, די טשעכאָסלאָוואַקיע רעפּובליק, גרויס־בריטאַניע, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, גריי־כענלאַנד, אינדיע, לוקסעמבורג, האָלאַנד, ניי־זעלאַנד, נאָרוועגיע, פּוילן, יוגאָסלאַוויע און די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע קאָמיטע:

געבן דאָ אַרויס אַ פאָרמעלע וואָרענונג צו אַלעמען, וועמען דאָס געהערט, און באַזונדערס צו בירגער אין די נייטראַלע לענדער, אַז זיי קלייבן זיך צו טאָן אַלץ, וואָס זיי קענען, צו באַ־זיגן די מעטאָדן פון רויב, וואָס ווערן פּראַקטיצירט פון די רעגירונגען, מיט וועלכע זיי שטייען אין קריג, קעגן די לענדער און פעלקער, וואָס זיינען אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן באַפאַלן און באַרויבט געוואָרן. די רעגירונגען, וואָס מאַכן די דאָזיקע דעקלעראַציע צוזאַמען מיט דער פראַנ־צויזישער נאַציאָנאַלער קאָמיטע רעזערווירן פאַר זיך אַלע רעכט צו דערקלערן אַלס נישט־גילטיק יעדן סאָרט טראַנספערירן פון פאַרמעגן־רעכט, אָדער אינטערעסן פון יעדן מין, וואָס

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס פאָדערט „קאָמפּענסאַציע און רעפּאַ־ראַציע פאַר די פאַרלוסטן, וואָס די אידן האָבן געליטן אין דייטשלאַנד און אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער“.

„יאַנג איזראַעל“ פאָדערט, „אַז גלייכע רעפּאַראַציעס זאָלן געמאַכט ווערן פאַר אַלע טויטן־פאַלן, וואונדן און פאַרניכטנטע פאַרמעגנס, איינשליסנדיק קאָ־מערציעלע פאַרמעגנס, אַלס רעזולטאַט פון די אומלעגאַלע אַקטן און גוואַלד־טאַטן קעגן די פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע רעכט“.

דער אידישער אַרבעטער קאָונסיל שליסט־איין אין זיין פּראָגראַם די „ווידער־אויפשטעלונג, אָדער צוריקקער... פון אידישע פּאָזיציעס, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן פון נאַצי־אינספּירירטע געזעצן, דעקרעטן, אָדער אַנדערע פאָרמען פון רויבעריי, דירעקט אָדער אומדירעקט, לעגאַל אָדער עקסטראַ־לעגאַל“.

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט גיט־צו: „אויב די קרבנות פון די נאַצי־פאַשיסטישע פאַרברעכער האָבן נישט געלאָזט קיין לעגאַלע יורשים, זאָלן זייערע פאַרמעגנס, אָדער די קאָמפּענסאַציע פאַר זיי טראַנספערירט ווערן צו דער „אידישער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע“ פון יענער געגנט, וואו דער פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן“.

„די יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקע“ באַציט זיך באַזונדערס אויף „דעם רעסטאַוראַציע פון די רעליגיעזע געביידעס אָדער פאַרמעגנס פון כל המינים“, וועלכע דאַרפן אונטערגענומען ווערן באַלד און אויפן מעגלעך־פּראַקטישסטן שטייגער אויפן חשבון פון די אַקס־לענדער אונטערן אויפזיכט און אָנפירונג פון די פאַראייניקטע פעלקער“.

רעפּאַראַציעס אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער ווערן אויך געפאָדערט פון די „מזרחי“, פון „פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די וועסט“.

„בני־ברית פאַרלאַנגט „די רעסטאַוראַציע פון פאַרמעגנס צו יחידים און דאָרט וואו עס איז נישט מעגלעך צו דערגרייכן, זאָלן געמאַכט ווערן סעטעלמענטס פון רעפּאַראַציעס צו אָרגאַניזאַציעס אויפן געביט פון הילף און רעהאַבילי־טאַציע — דערביי זאָל פאַרשטאַנען ווערן, אַז די אַקס־לענדער דאַרפן דעקן די אויסגאַבן“.

---

ווערן געמאַכט, אָדער זיינען געמאַכט געוואָרן אין די טעריטאָריעס, וואָס זיינען אָקופּירט גע־וואָרן פון די רעגירונגען, מיט וועלכע זיי זיינען אין קריג, אָדער וואָס געהערן, אָדער האָבן געהערט צו מענטשן, וואָס וואוינען אין די דאָזיקע טעריטאָריעס. די דאָזיקע וואָרנונג איז גילטיק אַלצאיינס, צי די דאָזיקע טראַנספערירונגען און אָפּמאַכן זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער פאָרם פון פשוטער רויבעריי, אָדער פּלינדערונג, אָדער דורך אַזוי־גערופענע לעגאַלע פאַר־מען, אַפילו ווען זיי ווייזן, אַז זיי זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אַ פריייוויליקן אופן“.

### 4. רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע רעהאַביליטאַציע

**פּראָבלעם איינס:** די גרויזאַמע פאַרניכטונג פון סינאַגאָגעס און אַנדערע אידישע הייליקע פּלעצער אָדער געגנשטאַנדן וועלן נאָך דער מלחמה שאַפן אַזאַ לאַגע, אַז אידן וועלן נישט קענען דורכפירן זייערע רעליגיעזע גאָטעס־דינסטן. אויך די צעשטערונג, קאָנפיסקאַציע און פּלינדערונג פון אידישע געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגנס וועלן שאַפן גרויסע שוועריקייטן פאַר דער נאָך־מלחמהדיקער אויפריכטונג פון אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

**פאָרשלאָג:** אַז אַלע, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרניכטונג, אָדער קאָנפיסקאַציע פון אידיש רעליגיעזע אינסטיטוציעס, הייליקע זאַכן און געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגנס, זאָלן צוריק־אויפבויען און צוריק־אויפשטעלן די דאָזיקע אינסטיטוציעס און זאַכן אויף זייער חשבון און דורך זייער אייגענער אַרבעט.

„די יוניטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקע״ פאָדערט: „די צוריקאויפשטעלונג פון די רעליגיעזע געביידעס און פאַרמעגנס מכל המינים. די אידן, צוזאַמען מיט אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס, זיינען געווען די קרבנות פון דעם וואַנדאַליזם פון די טאָטאַליטאַרישע מלוכות, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די צעשטערונג פון טויזנטער קלויסטערס, שולן, סעמינאַרן, ביבליאָטעקן, מוזייען, יתומים־הייזער און ענלעכע פאַרמעגנס. די ווידער־אויפשטעלונג און ווידער־אויפבויאונג פון די דאָזיקע פאַרמעגנס זאָל באַלד אונטערגענומען ווערן און אויף דעם מעגלעך־פּראַקטישסטן שטייגער אויפן חשבון פון די אַקס־לענדער אונטער דעם אויפזיכט און אויפפירונג פון די פאַראייניקטע פעלקער״.

אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אין זייערע דערקלערונגען וועגן רעליגיעזער פרייהייט זיך אַרויסגעזאָגט אויפן זעלבן שטייגער.

## ג. שטראָף פאַר די שולדיקע

**פּראָבלעם:** דעם 17טן דעצעמבער, 1942, האָבן די פאַראייניקטע פעלקער אַרויסגעגעבן אַ סטייטמענט וועגן די מאַסן־הינריכטונגען און וועגן אַנדערע גרוילטאַטן, וואָס די נאַציס האָבן דורכגעפירט קעגן די אידן פון אייראָפּע און ווידער באַשטעטיקט „זייער פעסטן באַשלוס צו פאַרזיכערן, אַז יענע, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָזיקע פאַרמעגנס, וועלן זיך נישט אויסדרייען פון שטראָף צוצוגרייטן אַלע נויטיקע פּראַקטישע מיטלען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל״.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אין אַ פריערדיקער אָפּטיילונג (וועגן רעטונג), אַז די וואָרענונג פון די פאַראייניקטע פעלקער צום דייטשן פאָלק און צו זיינע פירער, אַז זיי וועלן זיין אינדיווידועל און קאָלעקטיוו פאַראַנטוואָרטלעך

פאר אלע אידישע לעבנס, האט מעגלעך געווירקט אלס אן אפשרעקונג קעגן וויטערדיקער נאצישער אויסראטונג פון אידן. נאך דער מלחמה דארף די דאזיקע פאראנטווארטלעכקייט אויסגעפירט ווערן אין פולער מאס פון געזעץ. פון א מאראלישן שטאנדפונקט און אלס א פארזיכערונג אויף וויטערדיקע דורות דארפן די נאצישע מערדער נישט בלייבן אומבאשטראפט. אנדערש וועלן אלע געזעצן צו פארזיכערן די אידישע רעכט אין דער נאך־מלחמהדיקער אייראפע פארבלייבן אן א ווירקונג.

פארשלאג: אז אלע, וואס זיינען שולדיק אין מארדן אידן, אדער באגיין וועלכע עס איז אנדערע פארברעכנס קעגן זיי, זאלן נאכן קריג געבראכט ווערן צום געריכט און באשטראפט ווערן.

די דאזיקע פאדערונג איז איינגעשלאסן אין די דערקלערונגען, וואס זיינען געמאכט געווארן פון פיל ארגאניזאציעס.

## ד. לעגאלע רעכט און גאראנטיעס

### 1. די אנולירונג פון ראסן־געזעצן.

פראבלעם: כדי צו שאפן א לעגאלן באזיס פאר זייער אויסראטונג פון די אידן האבן די נאציס איינגעפירט לעגיסלאטיווע מיטלען, וואס זיינען באקאנט אלס „ראסן, אדער אריער־געזעצן". די דאזיקע געזעצן דערקלערן, אז אידן זיינען א מינדערווערטיקע ראסע און דעריבער מוזן זיי אויסגעשלאסן ווערן פון באטייליקן זיך אין דעם ציווילן, פאליטישן, עקאנאמישן און קולטור־רעלן לעבן פון לאנד. מיט די נאצישע זיגן אין מערב און מזרח־אייראפע און מיט דער פארשפרייטונג פון דער נאצישער הערשאפט איבער איטאליע, רומעניע, און אונגארן, בולגאריע, סלאוואקיע זיינען די ראסן־געזעצן אנגענומען געווארן אין יעדן לאנד פון קאנטינענטאלער אייראפע, חוץ די נייטראלע לענדער.

פארשלאג: אז באלד נאכדעם, ווי די אליאירטע פעלקער וועלן אקופירן די נאצי־פארכאפטע, אדער נאצי־באהערשטע לענדער און טעריטאריעס, זאלן אלע אנטי־אידישע געזעצן און אלע אנדערע ראסן־געזעצן אפגעשאפט ווערן.

עטלעכע ארגאניזאציעס שטרייכן באזונדערס אונטער דעם דאזיקן פארשלאג, אנדערע ווידער שליסן־איין דעם פארשלאג אין זייער אלגעמיינער דערקלערונג וועגן גלייכע אידישע רעכט און גאראנטיעס.

### 2. דערקלערן אנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ

פראבלעם: עס זיינען געווען אנטי־אידישע געזעצן און פארפאלגונגען נישט נאר אין דייטשלאנד, נאר אויך אין אנדערע אייראפעאישע לענדער, ווי,

למשל, אין פוילן, רומעניע און אונגאַרן. דאָס האָט אָפּגעהאַלטן דאָס עקאָנאָ־מישע, קולטורעלע און רעליגיעזע לעבן פון די אידן.

די נאַציס האָבן באַרויבט די אידן פון אַלע זייערע לעגאַלע און נאַטירלעכע רעכט, באַשטימענדיק זיי פאַר טאָטאַלער אויסראָטונג. כאָטש עס זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז סימפּאַטיע און הילף זיינען געגעבן געוואָרן צו די אידישע קרבנות מצד זייערע קריסטלעכע שכנים אין דענעמאַרק, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, פוילן און אין אַנדערע לענדער, איז דאָך נישט באַקאַנט די רעאַקציע פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אויף דער אידישער טראַגעדיע. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אַ גאַנצער דור, וואָס איז דערצויגן געוואָרן צו האָסן דעם איד און אַרויפוואָרפן אויף אים די שולד פאַר אַלע צרות, וואָס ער האָט געמוזט ליידן, אַזאַ דור וועט נישט קענען מיטאַמאָל אָננעמען אַ פריינטלעכע שטעלונג צו די אידן, באַזונדערס ווען די צרות זיינען נאָך ווייט נישט פאַראיבער.

ווי אַזוי צו צוימען אַנטיסעמיטישע געפילן און מעגלעכע אויסברוכן און צו מאַכן זיכער פאַר די אידן אין אייראָפּע אָנצוהויבן זייער ווידער־אויפבוי, דאָס וועט זיין איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס וועלן דאַרפן געלייזט ווערן פון דער אַליאירטער אָקופּאַציע־מאַכט.

פאָרשלאָג: אַ פאָדערונג צו גאַראַנטירן און באַשיצן די ציווילע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע רעכט פון די אידן איז געמאַכט געוואָרן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. דאָך האָבן עטלעכע גרופּעס באַזונדערס פאָרגעשלאָגן צו דערקלערן דעם אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ, אַלס אַ פאַרברעכן, און זיי האָבן דערביי פאָרגעשלאָגן געוויסע מיטלען, ווי אַזוי דאָס צו באַפעסטיקן.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס זוכט „צו דערקלערן דעם אַנטי־סעמיטיזם אויסערן געזעץ דורך אינטערנאַציאָנאַלע רעזולוציעס". דער דאָזיקער סטייטמענט ווערט אויך אונטערשטיצט פון דעם „פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די וועסט", אינדעפּענדענט אָרדער ברית־אברהם, פאַראייניקטע גאַליציאַנער אידן פון אַמעריקע, דעם קאָונסיל פון אידישע פראַטערנאַלע אָרדנס און פון הפועל המזרחי.

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט באַהויפּטעט: „אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַ־גאַנדע פון וועלכער ניט איז פאָרם, וואָס איז געצילט קעגן יעדער ראַסע, אָדער נאַציאָנאַלער, אָדער רעליגיעזער גרופּע, דאַרף דערקלערט ווערן אַלס אַ פאַר־ברעכן קעגן דער מלוכה און דאַרף באַשטראָפט ווערן דורך געזעץ".

דער ציוניסטישער אַרבעטער־ראָט דערקלערט אויף אַן ענלעכן אופן: „די פּראָקלאַמאַציע אַז אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע וועט פון היינט אָן און ווייטער באַטראַכט ווערן אַלס אַ העצע צו פאַרברעכן און וועט באַשטראָפט ווערן אַלס אַזעלכע".

די „מזרחי" נעמט אָן ענלעכע שטעלונג, צוגעבנדיק: „אַז אַלע אָרגאַני־

זירטע און אָפיציעלע רעגירונגס־מיטלען דאַרפן אָנגעווענדט ווערן צו באַ־קעמפן עס".

די „בני־ברית" שלאָגט־פאָר, „אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן אַזוינע געזעצן, וואָס זאָלן מאַכן די פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס ווערט באַשטראָפט דורכן געזעץ".

**3. דאָס רעכט פון צוריק־באַזעצונג, וואוינערשאַפט און בירגערשאַפט**

**פּראָבלעם:** דער גרויסער גירוש און די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום האָבן געשאַפן אַ לאַגע, אין וועלכער אַ ריזיקע צאָל אידן זיינען פאַריאָגט געוואָרן פון זייערע היימען. אין פאַרלויף פון דעם איבערגאַנג־פעריאָד, ווען עס וועלן געמאַכט ווערן פאַרזוכן צונויפצוברענגען די דאָזיקע יחידים, וועט אויפשווימען די פראַגע, צי זאָלן זיי קריגן דאָס רעכט צו פאַר־בלייבן אין זייערע גלות־פּלעצער, צי זאָלן זיי זיך צוריקקערן אין זייערע פריער־דיקע היימען, אָדער געפינען פאַר זיי נייע היימען אין אַנדערע לענדער. עס וועט אויך אַנטשטיין די פראַגע, צי זאָל מען געבן די דאָזיקע אידישע פּליטים די פרייהייט פון עמיגראַציע[5]), באַזאָרגנדיק זיי מיט צייטווייליקע דאָקומענטן און עטאַבלירנדיק זייערע בירגערשאַפט־רעכט.

**פאָרשלאָג:** אַז די אייראָפּעאישע אידן, וועלכע זיינען איצט צעוואָרפן איבער די פאַרשיידענע טעריטאָריעס פון אייראָפּע, אין געגנטן פון אַזיאַטישער רוסלאַנד, אָדער אין וועלכן עס איז אַנדער טייל פון דער וועלט, זאָלן קריגן דאָס רעכט אויסצוקלייבן זייערע וואוינערטער אין פאַרלויף פון דעם נאָך־מלחמה־דיקן איבערגאַנג־פעריאָד; אַז בירגערשאַפט זאָל צוריקגעגעבן ווערן צו אַלע אידן, וואָס זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייער נאַציאָנאַליטעט פון די אַקס־מלוכות, אָדער ביי וועלכער עס איז אַנדער מלוכה פאַר דער מלחמה, אָדער אין צייט פון קריג.

די דאָזיקע פאָדערונגען ווערן געמאַכט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן סטייטמענטס וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם.

וועגן דער פראַגע פון עמיגראַציע זיינען פאַראַן עטלעכע פאַרשיידענע פאָרמולירונגען.

די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע דערקלערט: „אין פאַל, אַז די עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען אין לענדער, וואָס זיינען פאַרוויסט געוואָרן פון דער מלחמה, וועלן מאַכן נייטיק, אַז די בירגער פון יענע לענדער זאָלן דאַרפן עמיגרירן, פאָדערן מיר, אַז די, וואָס וועלן שאַפן די פרידן־באַדינגונגען, זאָלן באַשאַפן אַזאַ פּראָגראַם, וואָס זאָל אונטער אינטערנאַציאָנאַלן אויפזיכט פאַרלייכטערן די מעגלעכקייט פאַר פרייוויליגער באַזעצונג פון די עמיגראַנטן אין אַנדערע לענ־דער אונטער די גינסטיקסטע באַדינגונגען".

---

5) פאַר דעטאַלירטער דיסקוסיע וועגן עמיגראַציע זע אָפּטיילונג פינף.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס זוכט ענלעכע „מעגלעכקייטן פאַר עמיגראַציע און באַזעצונג אין אַנדערע לענדער פאַר אידן, וואָס קענען נישט, אָדער ווילן זיך נישט צוריקקערן אין זייערע געוועזענע וואוין־ערטער".

דיזעלבע פאָדערונג ווערט געמאַכט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, הדסה, ציוניסטישער אַרבעטער קאָונסיל, נאַציאָנאַלן קאָונסיל פון יאַנג איזראַעל און פון דעם פּראָגרעסיוון אָרדן פון דער וועסט:

דער אינדעפּענדענט אָרדן ברית־אברהם באַהויפּטעט, אַז „די דעמאָקראַטישע לענדער זאָלן עפענען זייערע טירן פאַר אַ מער ליבעראַלער אידישער אימיגראַציע, כדי צו העלפן דער אויפריכטונג פון די פליכטלינגען".

און דער אָרדן בני־ציון גיט־צו, אַז „קיין איינציגער פליכטלינג טאָר נישט געצוואונגען ווערן צוריק צו קערן זיך צו זיין געוועזענעם היימלאַנד, כדי דאָרט צו לעבן אין שרעק און טראָגן אין זכרון די דערמאָנונג פון זיינע ליבסטע און נאָענטסטע".

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט דערקלערט, אַז „די אידן דאַרפן קריגן אַלס גאַראַנטיע דאָס רעכט פון פרייער עמיגראַציע און אימיגראַציע". און אין דערזעלבער צייט דערקלערט ער אויך:

„מיר זיינען... איבערצייגט, אַז מאַסן־אימיגראַציע קען נישט לייזן די אידישע פראַגע. מיר וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ אַלע פּראָיעקטן פאַר אַ געצוואונגענער אידישער עמיגראַציע, אָדער עוואַקואַציע".

## 4. די באַשיצונג פון אידישע רעכט

**פּראָבלעם:** כאָטש דער אַנטיסעמיטיזם וועט דערקלערט ווערן אויסערן געזעץ און וועט קענען באַשטראָפט ווערן אַלס אַ פאַרברעכן קעגן דער מלוכה און די אידן וועלן קריגן פולע ציווילע גלייכהייט פאַרן געזעץ, וועלן דאָך מעגלעך פאָרקומען אַ סך אַקטן פון דיסקרימינאַציע דורך לאָקאַלע און צענטראַלע הילף־ און רעקאָנסטרוקציע־אַגענטורן. גאַראַנטיעס קעגן דיסקרימינאַציע וועלן זיין פון גרויס וויכטיקייט ביים סאַמע אָנהייב פון דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, ווען די פאַרשיידענע מלוכות וועלן אָנהויבן צוריק אויפצולעבן זייער עקאָנאָמיש לעבן. אידן וועלן מעגלעך באַזייטיקט ווערן פון באַשטימטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דורך דעם, וואָס מען וועט זיי נישט געבן קיין באַשעפטיקונג אין געוויסע אינדוסטריעס און רעגירונג־אַמטן, אָדער זיי וועלן באַרויבט ווערן פון פרייען צוטריט צו פּראָפעסיעס און האַנדלס־מעגלעכקייטן.

**פאָרשלאָג:** אַז די אידישע רעכט זאָלן גאַראַנטירט און באַשיצט ווערן פון די פאַראייניקטע פעלקער און אַז די זעלבע פאַרזיכערונג זאָל אויך געגעבן ווערן מצד די נאַציאָנאַלע רעגירונגען, צי זיי זיינען צייטווייליקע צי שטענדיקע רעגירונגען.

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט דערקלערט דעם פאָרשלאָג אין טער־מינען פון מינדערהייט־רעכט:

„דער ווירקזאַמסטער וועג, ווי אַזוי מינדערהייט־רעכט קענען באַשיצט ווערן, איז דורך דער אָרגאַניזירונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע, וואָס זאָל קריגן עקזעקוטיווע מאַכט און דורך אַ ספּעציעלן געריכט, וואָס זאָל קריגן די פולשטענדיקע יוריסדיקציע אין ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט מינדערהייט־רעכט".

דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָונסיל שלאָגט באַזונדערס פאָר, אַז „מען זאָל אַריינשטעלן אַ פּונקט וועגן לעגאַלע גאַראַנטיעס קעגן אַנטי־אידישער דיסקרי־מינאַציע און אַלע רעגולאַציעס, וואָס וועלן דאַרפן באַזאָרגן מיט שפּייז, הייזער, קליידער און מעדיצינישע הילף פאַר דער באַפעלקערונג פון אייראָפּע".

## ה. פינאַנצן און אָרגאַניזאַציע

**פּראָבלעם:** אַזוי ווי קיינער קען איצט נישט אויסרעכענען די פינאַנציעלע אויסגאַבן, וואָס וועלן נייטיק זיין פאַר הילף און אויפבוי פון דעם אייראָ־פּעאישן אידנטום אין פאַרלויף פון דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, קען מען זיך דאָך פאָרשטעלן, אַז עס וועלן נייטיק זיין הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר.

אין שאַצונג, וואָס איז באַזירט אויף די ציפערן פון דעם ערשטן וועלט־קריג און פון דעם נאָך דער מלחמה פּעריאָד, שטעלט אַוועק די דאָזיקע ציפערן אַן ערך פון 200 ביז 250 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר [6].

די אידישע רעליעף־אַגענטורן זיינען זיכער נישט ביכולת צו געבן אַזאַ פינאַנציעלע הילף [7].

די הויפּט־זאַך פון אידישער הילף און אויפבוי וועט דעריבער ווערן אַ טייל פון די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטורן.

דאָך וועלן די ספּעציפישע אידישע פּראָבלעמען אין דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, ווי זיי זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויבן, פאָדערן דירעקטע הילף, פירערשאַפט און וואַכזאַמקייט מצד אַן אָרגאַניזירטער אידישער פאַרטרעטער־שאַפט.

עס וועט זיין די אויפגאַבע צו שאַפן פינאַנציעלע הילף פאַר רעליגיעזע און קולטורעלע נויטן, צו העלפן אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן און דער־

6) „פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישער רעקאָנסטרוקציע" פון א. מענעס אין „אידן נאָך דער מלחמה", אַרויסגעגעבן פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1943, ז. 24.

7) אין צווייי יאָרצענדליקער, נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג (1919—1939) האָבן אַלע אַמע־ריקאַנער אידישע רעליעף־אַגענטורן און אָרגאַניזאַציעס, איינגעשלאָסן די לאַנדסמאַנשאַפטן, אויס־געגעבן אַן ערך 120 מיליאָן דאָלאַר פאַר רעליעף אין אייראָפּע, פון וועלכע 100 מיליאָן דאָ־לאַר זיינען דורכגעגאַנגען דורכן „דזשאָינט". זע: א. מענעס, זז. 24—25.

ציאונג־אינסטיטוציעס, אָנצופירן דעם געזעלשאַפטלעכן וואוילזיין און שאַפן רעקרעאַציע־אַגענטורן פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

נאָכמער, אַ אידישע פאַרטרעטערשאַפט וועט זוכן צו באַטייליקן זיך אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון אינטערנאַציאָנאַלער הילף און זיין אויף דער וואַך צו זען, אַז די אידישע רעכט זאָלן נישט פאַרבויגן ווערן. דאָס וועט אויך פאָדערן אַ קוואַליפיצירטן פערסאָנאַל, וואָס זאָל ספּעציפיש צוגעגרייט ווערן פאַר דעם דאָזיקן צוועק און וואָס זאָל זיין גוט אינפאָרמירט וועגן דעם לעבן, די מנהגים און געוואוינהייטן פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום, וועלכן ער וועט זיך אונטער־נעמען צו דינען.

אַ צווייטע זייט פון דער פּראָבלעם איז דר גייסט, אין וועלכן די הילף־אַרבעט וועט אונטערגענומען ווערן. מען דאַרף זיך באַמיען, אַז דער, וואָס וועט קריגן די הילף, זאָל זיך נישט פילן דעגראַדירט, נאָר פאַרקערט, מען דאַרף אויפהייבן זיין זעלבסט־ווערדע דורך דעם, וואָס מען וועט אים דערלויבן צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרטיילונג פון דער הילף און פירן אים צום גע־דאַנק פון זעלבסט־הילף.

**פאָרשלאָג איינס:** אַז די פאַראייניקטע פעלקער, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע נאַציאָנאַלע מאַכט, בשעת זיי וועלן שאַפן אַגענטורן פאַר הילף און אויפבוי אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע, זאָלן נעמען אין אַכט די ספּע־ציעלע נויטן פון די אידן אין אייראָפּע און זיי זאָלן צושטעלן די נייטיקע פאָנדן פון זייער הילף און אויפבוי.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס רופט „איינצושטעלן אַ פּאַסיקע אַגענטור פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אויפבוי פון די אידן".

דאָס ווערט אונטערשטיצט פון דעם „פּראָגרעסיוון אָרדן פון דער וועסט" און אַן ענלעכער סטייטמענט איז געמאַכט געוואָרן פון דעם „אינדעפּענדענט אָרדן ברית־אברהם" און פון דעם אָרדן בני־ציון".

„די יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגיישאָנס" דערקלערט: „די דאָ־זיקע אויפגאַבע וועט זיין פון אַזאַ גרויס, אַז מען וועט זי קענען לייזן בלויז דורך דער פאַראייניקטער באַמיהונג און מיט דער פאַראייניקטער הילף פון אַלע פעלקער פון דער וועלט".

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט דערקלערט ספּעציפיש, אַז „אַלע מלוכות זיינען פאַרפליכטעט צוריק אויפצובויען דאָס אידישע לעבן אין די ראַמען פון זייער אייגענעם פּראָגראַם פון דער נאָך־מלחמה־רעקאָנסטרוקציע", און אַז „ספּעציעלע אינטערנאַציאָנאַלע קרעדיטן דאַרפן איינגעשטעלט ווערן פאַר דעם איינציקן צוועק צוריק אויפצובויען דאָס עקאָנאָמיש, געזעלשאַפטלעכע און פּאָ־ליטישע לעבן פון די אידישע מאַסן אין אייראָפּע".

דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָונסיל דערקלערט: „עס דאַרף אָנערקענט

ווערן דער פּרינציפּ, אַז די אַקטיוויטעטן פון הילף און רעקאָנסטרוקציע פאַר דער אידישער באַפעלקערונג דאַרפן פינאַנסירט ווערן פון די געזעלשאַפטלעכע פאָנדן אויף דעמזעלבן אופן, ווי די ענלעכע אַקטיוויטעטן פאַר אַלע אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג״. ער גיט אויך צו, אַז „די ספּעציעלע פּראָבלעמען, וואָס די אידישע באַפעלקערונג וועט פאַר זיך האָבן, און פאַר וועלכע די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאָנדן וועלן אין פיל פאַלן זיך אַרויסווייזן צו זיין נישט אַדעקוואַט גענוג, מאַכן אַבסאָלוט נייטיק צו שאַפן אַ אידישן פינאַנציעלן אינסטרומענט פאַר הילף און רעקאָנסטרוקציע״.

די „בני־ברית באַהויפּטן: „די פיר פרייהייטן דאַרפן פאַרבעסערט ווערן דורך דער באַשאַפונג פון אַ צענטראַלער אַגענטור פון די פאַראייניקטע פעל־קער, וואָס זאָל אונטערנעמען אַ פּראָגראַם פון הילף און אויפבוי פאַר אַלע, אָן אונטערשיד פון ראַסע און געבורט. אין אַזאַ אַגענטור דאַרפן די אידישע אינטערעסן באַשיצט ווערן דורך פאַרטרעטערשאַפט״.

**פאָרשלאָג צוויי**: אַז אַן אָנערקענטע אידישע רעפּרעזענטאַנץ זאָל גע־געבן ווערן די מעגלעכקייט צו רעפּרעזענטירן די אידישע נויטן אין יענע אינטערנאַציאָנאַלע אַגענטורן, וואָס וועלן באַשאַפן ווערן פאַרן צוועק פון הילף און אויפבוי פון מלחמה־קרבנות.

דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז געמאַכט געוואָרן פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער־קאָונסיל.

## אָפּטיילונג דריי

# פּאָליטישער סטאַטוס

### א. היסטאָרישער הינטערגרונט

1. אידישע עמאַנסיפּאַציע אי אייראָפּע
2. נאָך דעם ווערסאַלער טראַקטאַט
3. אונטער נאַצישע הערשאַפט

### ב. פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם

### ג. רעכט פון רעפּאַטריאַציע, פון וואוינען און בירגערשאפט

### ד. אינדיווידועלע און קהילה־רעכט

1. בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכקייט
2. רעליגיעזע רעכט
3. קולטורעלע און סאָציאַלע רעכט

### ה. מינאָריטעטן־רעכט

### ו. גאַראַנטיע און באַוואָרעניש פון אידישע רעכט

# דריטער געביט

# פּאָליטישער סטאַטוס

## אָפּטיילונג דריי

### 1. אידישע עמאַנסיפּאַציע אין איראָפּע

די פּאָליטישע עמאַנציפּאַציע פון מערב־איראָפּעאישן אידנטום, וואָס איז געקומען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע,[1] האָט פון איין זייט געבראַכט גלייכבאַרעכטיקונג ווי אויך פליכטן, און פון דער אַנדער זייט — אַ צוזאַמענ־ברוך פון דעם אידישן אויטאָנאָמען גרופּן־לעבן. אין דער מיטלאַלטערלעכער איראָפּע, האָבן די אידן אויפגעשטעלט אַ מין זעלבסט־רעגירונג, וואָס איז געווען באַשטעטיקט דורך די פאַרשיידענע שטאַטן, און האָט דערלויבט די אידישע קהילות צו פירן זייערע אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן ווי אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט אוי לויט זייערע אייגענע רעליגיעז־סאָציאַלע געזעצן. דאָס האָט געקענט געשען צוליב דעם וואָס אין מיטלאַלטער איז די גאַנצע געזעלשאַפט געווען פּאַרטיילט אין קאָרפּאָראַציעס און אויך די אידישע גרופּע איז געווען אַזאַ קאָרפּאָראַציע.

דאָס לעבן פון דעם אידן אין מיטלאַלטער איז אין אַלע זיינע שטחים — רעליגיעזן, געזעלשאַפטלעכן אָדער עקאָנאָמישן — געווען רעגולירט דורך געזעצן, כללים און תקנות וואָס עס האָבן איינגעשטעלט די פירער פון זיין געמיינדע. עמאַנציפּאַציע האָט, אין דעם פּאָליטישן זינען, באַדייט די ענדערונג פון רער אידישער קהילה־אָרגאַניזאַציע און דאָס אויפגעבן געוויסע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן לויט וועלכע די קהילה האָט זיך געפירט. אויף אַזאַ אופן איז יעדער אידישער יחיד באַפרייט געוואָרן פון דעם דירעקטן קאָנטראָל פון זיין אייגענער גרופּע. אויפגעבן אָט די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן — איז געווען די ספּעצי־פישע פאָדערונג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט פאַרלאַנגט פון דער אַסעמבלי, פון אידישע נאָטאַבלען (יולי, 1806) און שפּעטער פון דעם סנהדרין (פעברואַר, 1807), וואָס ער האָט צונויפגערופן כדי צו באַהאַנדלען די באַציאונגען פון דעם אידן צום שטאַט און צו דער ניט־יידישער געזעלשאַפט. דער עמאַנסי־פּירטער איד איז געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער פון דעם שטאַט אין וועלכן ער האָט געלעבט. אַלס אַזעלכער איז ער געווען דירעקט אונטערגעוואָרפן צו די לאַנד־גזעצן אויף דעם זעלבן באַזיס ווי די אַנדערע טיילן פון דער באַפעל־קערונג.[2]

„אידישע רעכט" פאַר דער עמאַנציפּאַציע זיינען געווען ספּעציעלע גרופּן־

„פריווילעגיעס״. צוליב דעם וואָס די אידישע קיהלה אַלס גאַנצע האָט זיי באַקומען פון די רעגירונגען, האָבן די פריווילעגיעס געהאַט באַגרעניצונגען און שוואַכע זייטן. די רעכט פון די אידן נאָך דער עמאַנציפּאַציע זיינען געווען אינדיווידועלע בירגער־רעכט.

אין צענטראַל־איראָפּע איז אידישע עמאַנציפּאַציע געקומען מיט לאַנג־זאַמערע טריט. ערשט אין 1867 איז זי פאַרגעקומען אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אימפּעריע, 1871 אין איטאַליע און אין דייטשלאַנד, און אין 1874 אין שווייצאַריע. דאָס מזרח־איראָפּעאישע אידנטום האָט באַקומען פולשטענ־דיקע עמאַנציפּאַציע אין רוסלאַנד ערשט נאָך די רעגולאַציעס פון 1917, און אין רומעניע, פּוילן, ליטע, לאַטוויע (לעטלאַנד), עסטאַניע און פינלאַנד — ביים סוף פון דעם ערשטן וועלט־קריג.

## 2. נאָך דעם ווערסאַלער טראַקטאַט

דאָס וואָס די פאַרשיידענע מינדערהייטן לויט ראַסע, שפּראַך און רע־ליגיע זיינען אַזוי שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן אין צענטראַל־ און מזרח־איראָ־פּע און אין טערקיי פאַר און בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט ביי די אַליאירטע מאַכטן ביי דער שלום־קאָנפערענץ אַרויסגערופן אַ צווייפל צי וועלן די נייע און פאַרגרעסערטע מלוכות, וואָס זיי שטעלן אויף אין די געביטן אָפּהיטן די קאָנסטיטוציאָנאַלע רעכט פון די מינדערהייטן־בירגער. די אידישע דעלעגאַציעס („קאָמיטע דע דעלעגאַסיאָן זשוויוו״) ביי דער קאָנפערענץ זיינען בעיקר געווען באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון זייערע ברידער אין אַט די נייע לענדער. געדענקענדיק גוט די דערפאַרונג, איבערהויפּט אין רומעניע, וואו ניט קוקענדיק אויף אַ צוזאָג פון דער רומענישער רעגירונג ביי דער בער־לינער קאָנפערענץ (1878), האָבן אידן בשום־אופן ניט באַקומען קיין בירגער־שאַפט, האָט דער קאָמיטעט געוואָלט אַרויסבאַקומען ספּעציפישע גאַראַנטיעס פאַר די רעכט פון מינדערהייטן.

די פּאַריזער שלום־קאָנפערענץ האָט אויפגעשטעלט ספּעציעלע אינטער־נאַציאָנאַלע אינסטרומענטן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן באַדינגונגען צו באַשיצן די מינדערהייטן. די אינסטרומענטן זיינען בדרך־כלל באַקאַנט אונטערן נאָמען מינדערהייט־אָפּמאַכן. פאַר די ניי־געגרינדעטע אָדער פאַרגרעסערטע שטאַטן האָט מען דאָס אַוועקגעשטעלט ווי אַ תנאי: פאַר אומאָפּהענגיקייט אָדער פאַר אַריינגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער פעלקער־ליגע. אייניקע פון אַט די שטאַטן האָבן אונטערגעשריבן ספּעציעלע מיטדערהייט־אָפּמאַכן ביי דער שלום־קאָנפערענץ, אַנדערע האָבן אַריינגעשריבן באַזונדערע קאַפּיטלען וועגן דעם אין זייערע פרידנס־אָפּמאַכן און אַנדערע ווידער האָבן דערלאַנגט אַ דעק־

לאַראַציע צום ראַט פון דער פעלקער־ליגע, אָדער האָבן איינגעשלאָסן ספּעציעלע פּונקטן אין אָפּמאַכן מיט אַנדערע מלוכות.

אין לויף פון דער צייט זיינען אָט די פאַרפּליכטונגען אָנגענומען געוואָרן דורך פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע, פינלאַנד, בולגאַריע גריכנלאַנד און טערקיי. אָט די לענדער האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון 125,000,000, וואָס זיינען געווען איינגעטיילט אין אַמווינציקסטנס צוואַנציק פאַרשיידענע גרופּן לויט ראַסע, שפּראַך און רעליגיע. פון זיי זיינען אַרום 30 מיליאָן (איינשליסנדיק פינף מיט דריי־פערטל מיליאָן אידן) געווען גרעסערע אָדער קלענערע מינדער־הייטן, יעדערע אין זייער לאַנד.

יעדער שטאַט האָט אָט די פאַרפּליכטונגען אין די מינדערהייטס־אָפּמאַכן אָנערקענט ווי אַ „פונדאַמענטאַלן געזעץ", וואָס קען ניט געענדערט ווערן דורך אַן אַנדער געזעצגעבונג אָדער אַדמיניסטראַציע. יעדער שטאַט האָט אַלזאָ אָנערקענט אָט די פאַרפּליכטונגען אַלס אַן „אינטערנאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייט", וואָס איז אונטערוואָרפן דער אויפזיכט פון דער פעלקער־ליגע, און ענדערונגען אין די אָפּמאַכן קענען נאָר געמאַכט ווערן מיט דער צושטימונג פון אַ מערהייט אין דעם ליגע־ראַט.

אידן פון מזרח־צענטראַל־איירָאָפּע האָבן אַזוי אַרום אַלס אַ מינדערהייט־גרופּע, באַקומען די זעלבע אינטערנאַציאָנאַלע שוץ ווי אַלע אַנדערע מינאָרי־טעטן אין יענעם געביט. אַזוי ווי די מינאָריטעט־אָפּמאַכן האָבן צווישן אַנ־דערע גרופּן געהאַט אין זינען צו העלפן די אידן איינצושטעלן זייערע רעכט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין יעדן פון די אויבן־דערמאָנטע לענדער, איז כדאַי צו באַשרייבן דאָ וואָס אַזוינס האָבן אָט די אָפּמאַכן פאַרזיכערט און ווי אַזוי האָבן זיי אָפּערירט אונטער דער פעלקער־ליגע.

אין ברייטע טערמינען, האָבן די מינאָריטעט־אָפּמאַכן גאַראַנטירט פינף „אַלגעמיינע" און אייניקע „ספּעציעלע" רעכט, וואָס קענען סומירט ווערן אַזוי:

**אַלגעמיינע רעכט**: א) שטאַטס־בירגערשאַפט פאַר יעדן מיטגליד פון אַ מינאָריטעטן־גרופּע וואָס וואוינט צו יענער צייט אין דעם שטאַט, אָדער איז דאָרט געבוירן; אָדער בירגערשאַפט אין אַ שטאַט לויט זיין אויסוואַל, אויב נאָר ער ווערט דאָרט אויפגענומען; ב) די שוץ פון שטאַט פאַרן לעבן, פרייקייט און פרייקייט פון רעליגיע; ג) גלייכע באַהאַנדלונג פאַרן געזעץ און פולע ציווילע און פּאָליטישע רעכט; ד) פרייהייט צו באַנוצן די מינאָריטעט־שפּראַכן אין פּריוואַטן און עפנטלעכן לעבן, אין דער פּרעסע, אין די געריכטס־הייזער; ה) די באַשטימונג פון מלוכה־פאָנדן אויפצוהאַלטן די בילדונגס־רעליגיעזע און צדקה־אינסטיטוציעס פון די מינדערהייטן.

די **ספּעציעלע רעכט** זיינען אָנגעווענדט געוואָרן פאַר געוויסע גרופּעס אין איינקלאַנג מיט זייערע באַזונדערע קולטורעלע, רעליגיעזע און טעריטאָריאַלע

פאָדערונגען. אַזוי, למשל, האָבן די מוסלמענער אין אַלבאַניע, גריכנלאַנד און יוגאָסלאַוויע באַקומען דאָס רעכט צו באַנוצן זייערע אייגענע געזעצן בנוגע זייער פאַמיליע־לעבן און פערסאָנאַלן סטאַטוס. אידן האָט מען גאַראַנטירט דאָס שמירת שבת און זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט אויפצושטעלן בילדונגס־קאָמי־טעטן און קריגן דערצו שטאַט־פאָנדן און אויפצוהאַלטן אידישע שולן אין פוילן, ליטע, טערקיי, און עווענטועל אויך אין דאַנציג און אין דייטשישן אויבער־שלעזיע. די קאַרפּאַטאָ־אוקראַינער אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט מען צוגעטיילט „טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע", אונטערגעוואָרפן צו די געזעצן פון שטאַט און אָנגעפירט דורך אַ גאָווערנאָר, וואָס איז באַשטימט דורך דעם פּרעזידענט פונם שטאַט. די ניט־גריכישע מאָנאַסטישע געמיינדעס אין גריכנלאַנד האָבן געמעגט בלייבן ביי זייערע טראַדיציאָנעלע רעכט און פריהייטן.

די פּראָצעדור פון דערליידיקן פּראָגעס פון אַ געוויסן ברוך אין די מינ־דערהייט־געזעצן איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַרן דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דעם מינאָריטעטן־אָפּמאַך אין אַ געוויסן לאַנד. די מינדערהייט האָט ניט געהאַט דאָס רעכט אָנצוקלאָגן איר רעגירונג פאַר דער פעלקער־ליגע. נאָר אַ מיטגליד פון ליגע־ראַט האָט געהאַט דאָס רעכט פון „ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט" פון ראַט יעדן ברוך אָדער געפאַר פון אַ ברוך אין די מינאָ־ריטעטן־רעכט. די מינדערהייט, אָדער אַפילו יעדע פּערזאָן, האָט געהאַט דאָס רעכט צו דערלאַנגען אַ „פּעטיציע" (צוליב צוזעקן פון אינפאָרמאַציע) צום גענעראַל־סעקרעטער פון דער פעלקער־ליג. אויב ער האָט געהאַלטן, אַז זי איז „אָננעמבאַר", האָט ער די פּעטיציע איבערגעגעבן צו דער באַטרעפנדער רעגי־רונג פאַר דערקלערונגען. די פּעטיציע מיט די דערקלערונגען פלעגט דאַן איבערגעגעבן ווערן צו דעם מינאָריטעטן־קאָמיטעט (וואָס איז באַשטאַנען פון פּרעזידענט פונם ראַט און נאָך צוויי מיטגלידער וואָס ער האָט באַשטימט) וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגעבן איר מיינונג, צי זאָל מען די פּעטיציע פאָרלעגן דעם ראַט צו באַטראַכטן און אָנצונעמען מיטלען. אויב דער ראַט האָט באַשלאָסן אָנצו־נעמען מיטלען, פלעגט די פּראַגע געוויינטלעך דערליידיקט ווערן דורך גע־שפּרעכן מיט דער באַטרעפנדיקער רעגירונג. אויב מען איז ניט געקומען צו קיין אויסגלייך, האָט מען דעם ענין געקענט ברענגען צום פּערמאַנענטן געריכט פון אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט.

מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכן, אַז אין געוויסע פאַלן האָבן די גרויס־מאַכטן אַרויפגעצוואונגען די מינאָריטעט־אָפּמאַכן אויף רעגירונגען אין מזרח־צענטראַל־איראָפּע קעגן זייער ווילן. די לעצטע האָבן אין דעם געזען אַ באַ־גרעניצונג אין זייער סואווערעניטעט.[3] זיי האָבן אויך ניט געוואָלט פאַרטראָגן דעם פאַקט, וואָס אַנדערע לענדער (דייטשלאַנד און איטאַליע) האָבן ניט געדאַרפט אונטערשרייבן אַזעלכע אָפּמאַכן. אין געוויסע פאַלן זיינען אָט די אָפּמאַכן געוואָרן אַ געצייג אין די הענט פון „אירעדענטישע" גרופּעס (אַזוי ווי די דייטשן

אין סודעטן און רומעניע, די אוקראַינער און ווייסרוסן אין פּוילן), וואָס האָבן זיי אויסגענוצט, אונטער דער ווירקונג פון שכנותדיקע לענדער, אַרויסצורופן שטענדיקע אומרוען אָדער אַלס אַ מיטל צו באַקומען (און פאַרהיטן) דעם שוץ פון די דערבייאיקע שטאַטן. דאָס לעצטע, אַשטייגער, האָט געבראַכט דערצו, אַז נאַצי-דייטשלאַנד זאָל זיך אַריינמישן אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַז די מינאָריטעט-אָפּמאַכן זיינען אומפאַרשעמט געבראָכן געוואָרן, איבער-הויפּט בנוגע אידישע בירגער, דורך אייניקע שטאַטן, וואָס האָבן זיי פייערלעך אָנגענומען, דאָס איז איצט אַן אַלגעמיין-באַקאַנטער ענין. סיי די אינדיווידועלע און ס יידי גרופּן-רעכט פון אידן זיינען באַגרענעצט געוואָרן. אונטער פאַרשידענע אויסריידן האָט מען אָנגענומען אַנטי-אידישע מאָסמיטלען, אַרויסגעשטויסן די אידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און מען האָט דערשטיקט זייערע קהילה-אָרגאַניזאַציעס. כאָטש אָפיציעל האָט מען די אידישע רעכט ניט אָפּ-געשאַפט, האָבן אָבער געוויסע שטאַטן אָנגענומען קעגן זיי פּראַקטישע מאָס-מיטלען.

אין קעגנזאַץ צו דער לאַגע אין צענטראַל-מזרח-איראָפּע, איז די עמאַנ-ציפּאַציע פון אידן אין מערב-איראָפּעאישע לענדער געבליבן אומפאַרענדערט. אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און שווייצאַריע האָבן אידן געהאַט פולשטענדיקע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכקייט. אונטער דער ווימאַר-רעפּובליק האָט דייטשלאַנד אויך געגעבן אידן פולע בירגערלעכע און פּאָלי-טישע רעכט, ניט קוקנדיק אויף אַנטי-אידישע פאָראורטיילן אין פיל איינפלוס-רייכע קרייזן. די אידן אין איטאַליע אונטער דער פאַשיסטישער הערשאַפט האָבן געהאַט דעם זעלבן סטאַטוס ווי די איבעריקע באַפעלקערונג ביז 1938, ווען די נאַציסטישע אידעאָלאָגיע האָט זיך דאָרט אַלץ מער אָנגעהויבן פילן. די ערשטע אַנטי-אידישע געזעצגעבונג איז דאָרט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ קעניגלעכן דעקרעט דעם 5טן סעפּטעמבער, 1938, וואָס האָט באַזייטיקט אידן פון בילדונגס-אינסטיטוציעס. נאָך דעם זיינען שוין אין איטאַליע אָנגענומען געוואָרן אַנטי-אידישע מאָסמיטלען, ענלעך צו די נאַצישע נירנבערגער געזעצן.

## 3. אונטער נאַצישער הערשאַפט

דער באַזונדערער פאַל פון צורויבן די רעכט פון אידן אין נאַצי-דייטש-לאַנד האָט ניט קיין פאַרגלייך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער געזעצגעבערישער דיסקרי-מינאַציע (אַפּריל 1833 ביז סעפּטעמבער 1935) זיינען אידן אין דייטשלאַנד, בלייבנדיק נאָך אַלץ דייטשישע בירגער, באַזייטיקט געוואָרן פון רעגירונגס-אַמטן, פון פרייע פּראָפעסיעס און פון קולטור-לעבן. עס זיינען נאָך געוועזן קאַטעגאָריעס אידן (אַשטייגער, וועטעראַנען פון ערשטן וועלט-קריג) וואָס אויף

זיי זיינען אַט די געזעצן ניט חל געוועזן און מען האָט זיי געלאָזט ביי זייערע רעגירונגס־אַמטן אָדער דערלויבט צו פּראַקטיצירן זייערע פּראָפעסיעס. אַלע דייטשע אידן, כאָטש נאָך אַלץ „שטאַטס־אַנגעהעריקע", זיינען באַרויבט גע־וואָרן פון זייער בירגערשאַפט, און אַלס רעזולטאַט דערפון — פון זייערע פּאָליטישע־ און בירגער־רעכט. דאָס זיינען געווען די נידערטרעכטיקע נירנ־בערגער געזעצן פון דעם 15טן סעפּטעמבער, 1935.

ווייטערדיקע געזעצן האָבן רעגולירט דעם סטאַטוס פון דער אידישער געמיינדע אַלס אַ פּריוואַטע קאָרפּאָראַציע. פאַר אַט דעם דעקרעט האָבן אידישע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד געהאַט דעם סטאַטוס פון עפנטלעכע קערפּערשאַפטן און האָבן גענאָסן פון געוויסע פּריווילעגיעס ווי אַנדערע רעלי־גיעזע גרופּעס, אַ שטייגער ווי זיין באַפרייט פון שטייערן. אַנדערע פאַראָרד־נונגען האָבן געצוואונגען אידן צו רעגיסטרירן זייערע פאַרמעגנס, האָבן באַ־גרענעצט עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען פון אידן, און האָבן אָפּגעזונדערט אידן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג דורך ספּעציעלע אידישע פּאַספּאָרטן און אידענטיפיקאַציע־קאַרטן, וואָס זיינען געווען פאַרצייכנט מיט אַ רויטן "J" ("Jude"). נאָך אַ געזעץ ווידער האָט באַפוילן אידן צו ענדערן זייערע פּריוואַט־ און פאַמיליע־נעמען (דורך צוגעבן „ישראל" צו אַ מענלעכן נאָמען און „שרה" צו אַ פרויען־נאָמען).

די דריטע סטאַדיע, די טאָטאַלע ליקווידאַציע, האָט זיך אָנגעהויבן אין נאָוועמבער, 1938, נאָך דעם ווי הערשל גרינשפּאַן, אַ יונגער פּוילישער איד, האָט דערמאָרדעט ערנסט פאָן ראַטה, דעם דריטן סעקרעטאַר פון דער דיי־טשער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. די מאַסמיטלען, וואָס די נאַציס האָבן אָנגע־נומען, האָבן די אידן פולשטענדיק באַזייטיקט פון עקאָנאָמישן לעבן, איינ־שליסנדיק געלט־שטראָפן (פון אַ ביליאָן רייכסמאַרק, דעם 12טן נאָוועמבער, 1938), דאָס קאָנפיסקירן אידישן פאַרמעגן און דאָס איינפירן צוואַנגס־אַרבעט. גלייך נאָך דעם זיינען געקומען גירושים, דעפּאָרטאַציעס און פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון אידן אין אַלע טעריטאָריעס וואָס די נאַציס האָבן פאַרנומען זינט דעם אויסברוך פון קריג. ענלעכע געזעצן, כאָטש ניט באַגלייט דורך אַקטן פון דירעקטער פאַרניכטונגען זיינען איינגעפירט געוואָרן אין די פאַר־היטלעריזירטע לענדער פון איטאַליע, אונגאַרן, בולגאַריע און ווישי־פראַנק־רייך ³)

דאָס פּראָבלעם פון אידישע רעכט אין דער נאָך־מלחמה־אייראָפּע איז ניט קיין פראַגע פון ענדערן אָדער אויסבעסערן עקסיסטירנדיקע געזעצן, נאָר פון צוריקשטעלן און איינפעסטיקן אַ געזעצגעבונג, וואָס וועט פאַרזיכערן פאַר אידן פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכקייט אין אַלע לענדער פון דער נאָך־מלחמה־וועלט. נאָך מער, ס'איז אַ פראַגע פון געבן אַ גאַראַנטיע, אַז אידישע רעכט זאָלן ניט ווערן באַגרענעצט אָדער פאַרלעצט.

## ב. פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם

אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ צו פאַרזיכערן אידישע רעכט איז די באַזייטיקונג פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס וועט אַן צווייפל פאָדערן אַ לענגערן פּראָצעס פון דערציאונג, פון האַמעווען און קאָנטראָלירן, ווי אויך פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג צווישן איד און ניט־איד אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער, מען קען גלייך דערקלערן, אַז די יעניקע וואָס וועלן איינשטעלן די פרידנס־באַדינגונגען, וועלן מוזן מאַכן דעם ערשטן שריט אין אָט דער ריכטונג און דערקלערן דעם אַנטיסעמיטיזם, אָדער יעדע פאָרם פון ראַסן־דיסקרימינאַציע און פאַרפאָלגונג אַלס אומגעזעצלעך.

דער ענין איז אויספירלעך אויפגענומען געוואָרן אין אַ פריערדיקער אָפּטיילונג (זע: אָפּטיילונג צוויי).

## ג. רעכט פון רעפּאַטריאַציע פון וואוינען און בירגערשאַפט

די פּראָבלעמען זיינען אַרומגערעדט געוואָרן אין דעם קאַפּיטל וועגן איבער־גאַנגס־פּעריאָד. די זעלבע רעכט בנוגע צוריקקערן זיך אויף די ערטער, דאָס רעכט פון וואוינען און בירגערשאַפט, וואָס ווערן געפאָדערט פאַר אידן אין דעם פּעריאָד, מוזן אָנגעווענדט ווערן צו אַלע לענדער נאָך דעם ווי זיי וועלן איינשטעלן פּערמאַנענטע רעגירונגען און אָנהייבן זייערע נאָרמאַלע פונקציעס.

## ד. די אינדיווידועלע און קהילה־רעכט

### 1. בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכקייט

**פּראָבלעם איינס:** די רעכט וואָס אידן וועלן פאָדערן ווען אייראָפּע וועט איבערגעבויט ווערן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, איז די זיכערקייט פון לעבן און פרייהייט און פרייע מעגלעכקייטן זיך צו פאַרנעמען מיט זייערע באַשעפטיקונגען אויף דעם זעלבן באַזיס ווי די איבעריקע באַפעלקערונג. אין מערב־אייראָפּע פאַר דעם קריג און אין דער פּרע־נאַצי־דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע האָבן די אידן געהאַט אָט די רעכט אונטער שטאַט־קאָנסטיטוציעס, וואָס זיינען אויטאָמאַטיש אָנגעווענדט געוואָרן אויף אַלע בירגער. אין אָט די לענדער זיינען ניט געווען קיינע געזעצלעכע אָדער פאַקטישע באַגרעניצונגען אויף אידישע אינדיווידועלע רעכט. אָבער, ווי עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אין אַ פריערדיקער אָפּטיילונג (היסטאָרישער הינטערגרונט), זיינען אין געוויסע צענטראַל־אייראָפּעאישע לענדער אָט די רעכט פאַרלעצט געוואָרן אין דער

פּראַקטישער אַנווענדונג כּלפּי אידן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זיי זיינען געווען גילטיק פאַר אַלע איינוואוינער אָן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיע.

דער זעלבער ציווילער סטאַטוס פאַר אַ אידן איז ניט נאָר אַ פראַגע פון קאָנסטיטוציאָנעלן געזעץ, נאָר אויך אַ פּראַקטישער פּראָצעס וואָס דאַרף דורכ־געפירט ווערן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס מיינט, צווישן אַנדערע, פרייהייט פון רעליגיע, פרייהייט אין אַלע פעלדער פון עקאָנאָמישער אונטערנעמונג, ניט פאַרשוועכן די אידישע היים, שוץ פון פאַרמעגן, פּאָליציי־ און געריכט־שוץ. דאָס מיינט די גלייכע אַנווענדונג פון מלוכהשע און מוניציפּאַלע געזעצן און פאַראָרדנונגען, ווי אַ שטייגער, באַשטייערונג אָדער דאָס באַקומען דערלויבע־נישן, אָדער באַקומען מלוכה־קרעדיטן. דאָס שליסט אויך איין באַשעפטיקונג אין ציווילן און מיליטערישן דינסט, אַ צוטריט צו עפנטלעכע אַנשטאַלטן (ווי גאַז, עלעקטריע, טעלעפאָן), אַ געהעריקן חלק אין מלוכהשע און מוניציפּאַלע בענעפיטן און די פאַרזיכערונג קעגן אַ באַיקאָט־דראָהונג.

דאָס מיינט אויך די פרייהייט צו באַזוכן פאָלקס־שולן און העכערע בילדונגס־אינסטיטוציעס און דאָס אומבאַגרעניצטע פּראַקטיצירן פון פרייע פּראָפעסיעס. גלייכהייט און בירגערלעכע רעכט מיינט אויך, אַז אידן זאָלן זיין פריי צו אָרגאַניזירן געזעלשאַפטן, אַסאָציאַציעס, בילדונגס־אינסטיטוציעס און קהילה־אָרגאַניזאַציעס לויט זייער אייגענעם אויסוואַל, און אַז די אָרגאַניזאַציעס זאָלן ניט געשטעלט ווערן אונטער אַ דיסקרימינירנדיקער רעגירונגס־אויפזיכט.

**פּראָבלעם צוויי:** פּאָליטישע רעכט שליסט איין בירגערשאַפט און אַק־טיווע און פּאַסיווע וואַל־רעכט (דאָס רעכט צו שטימען און קאַנדידירן). דאָ קען אויך אויפשווימען די פראַגע פון גלייכקייט ביים באַשטימען וואַל־דיסטריקטן (אין קעגנזאַץ פון פאַרקלענערן די אידישע שטימען דורך אַ ספּעציעלער אייב־אָרדנונג פון דיסטריקטן) ווי אויך דאָס רעכט פון דיזעלבע געלעגנהייטן אויס־צווילן אידישע קאַנדידאַטן.

**פאַרשלאָגן:** כאָטש די אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך ניט פאָרמולירט קיין דעטאַלירטע פאַרשלאָגן מכּוח די פאַרשיידענע פאַזן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די פּראָבלעמען פון ציווילע און פּאָליטישע רעכט, פאָדערן זיי אָבער אַלע (אין די סטייטמענטס, וואָס זיי האָבן ארויסגעגעבן), אַז אין אַלגעמיין זאָלן אָט די רעכט גאַראַנטירט ווערן פאַר אידן אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע.

די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע „בעט די פאַראייניקטע לענדער און די וואָס וועלן איינשטעלן די שלום־באַדינגונגען, צו באַשטעטיקן דעם פונדאַמענ־טאַלן פּרינציפּ, אַז די אידישע בירגער אין יעדן לאַנד, וואָס דערפילן זייער פאַרפליכטונג פון פולשטענדיקער לאָיאַליטעט צו די לענדער וואו זיי וואוינען, זאָל מען גאַראַנטירן די קעגנזייטיקע רעכט פון פולשטענדיקער גלייכקייט“. „פולשטענדיקע בירגערלעכע גלייכקייט... פאַר אידן“, ווי איינע פון די הנחות פאַר אַ דויערנדיקן שלום, פאָדערן די יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגיי־

שאַנס און אירע אַפיליאירטע, די נעשאַנעל פעדערײשאַן אָוו טעמפּל סיסטערהודס און די נעשאַנעל פעדערײשאַן אָוו טעמפּל בראַדערהודס.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס פאָדערט: „די פאַרזיכערונג פון די זעלבע בירגערלעכע רעכט, אַזוי ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ווי זיי זיינען איינגעשטעלט אין די פיר פרייהייטן און דעם אַטלאַנטיק טשאַרטער, פאַר יעדן אינדיווידועלן אידן אין אַלע לענדער איבער דער וועלט.״ דאָס פאָדערן אויך דער פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו דהי וועסט און דער נעשאַנעל קאַונסיל אָוו יאָנג איזרעאַעל.. אַן ענלעכע פאָדערונג שטעלט אויך דער אָרדער סאָנס אָוו זיאָן. דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט דערקלערט: „די קומענדיקע פרידנס־קאָנפערענץ דאַרף פּראָקלאַמירן פולע בירגערלעכע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע רעכט פאַר אידן איבער דער גאַנצער וועלט.״ די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע דערקלערט: „אין נאָמען פון די אידן אין אייראָפּעאישע לענדער פאָדערן מיר פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן ווי יחידים אַקוראַט ווי זייערע מיטבירגער. אין די לענדער וואו אַנדערע ווערן באַקומען גרופּן־רעכט און וואו די דאָרטיקע אידישע באַפעלקערונג וועט פאָדערן אַזעלכע רעכט, פאָדערן מיר דעם זעלבן פולן סטאַטוס.״ דער ציוניסטישער אַרבעטער־קאַונסיל (לייבאָר זייאָניסט קאַונסיל) פאָדערט „אַן אינטערנאַציאָנאַלן ׳ביל אָוו ראַיטס׳ וואָס זאָל זיכערן די פולע רעכט פון יעדן יחיד אויף לעבן, פרייהייט און וואוילזיין, די פרייהייט פון וואָרט און פרידלעכע פאַרזאַמלונג, די גלייכקייט פון עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן און סאָציאַלע פאַרזיכערונג.״ הדסה — די ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע פאָדערט „צוריקשטעלן אַלע פונדאַמענטאַלע רעכט צו אידן אַלס יחידים אומעטום״. בני ברית דערקלערט: „כאָטש אידישע בירגער אין פאַרשיידענע לענדער האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט באַקומען גאַראַנטיעס פאַר פּאָליטישע און ציווילע רעכט, איז די גאַראַנטיע אָפט נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אידן דאַרפן האָבן די זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע בירגער, הגם עס איז זייער מעגלעך אַז אידישע רעכט וועלן דאַרפן באַשיצט ווערן דורך אַ געהעריקער אידישער פאַרטרעטערשאַפט אין אַן אַגענטור פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס זאָל אויפגעשטעלט ווערן מיטן צוועק איינצושטעלן גאַראַנטיעס פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלעמען, אַזוי אַז די אומגעזעצלעכע פּראַקטיק וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אַ קורצער צייט נאָך דעם ווערסאַלער טראַקטאַט (ניט געקוקט אויף דער דערקלערונג פון אירע הויכע פּרינציפּן) זאָל זיך מער ניט איבערחזרן.״

## 2. רעליגיעזע רעכט

**די פּראָבלעם:** די רעליגיעזע רעכט שליסן איין די פרייהייט פון גאָטעס־דינסט און די מעגלעכקייט פריי דורכצופירן דעם רעליגיעזן אידישן שטייגער

אין דער היים, אין סינאַגאָגע, אין האַנדל און אין געזעלשאַפט. רעליגיעזע רעכט מיינט, אַז דער איד זאָל קענען פריי אָפּהיטן שבת און די דינים וועגן כשרות. שומרי־שבת דאַרף מען דערלויבן צו אַרבעטן זונטיק און מען טאָר פאַר קיין פאַל זיך ניט אַריינמישן אין שחיטה אָדער אין אַנדערע דינים פון כשרות. רעליגיעזע רעכט מיינט אויך, אַז שולן, בתי־מדרשים און אַנדערע הייליקע פּלעצער מוזן זיין באַשיצט קעגן פאַרשוועכונג און קעגן צושטערונג דורך כוליגאַנעס. דאָס מיינט אויך, אַז אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן רעליגיעזע געמיינדעס און אָנהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט זייערע גלויבנס־ברידער אין אויסלאַנד; אַז אידישע רעליגיעזע שולן און אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיין פריי פון שטייערן און געניסן פון אַלע אַנדערע מלוכה־פּריווילעגיעס ווי די פון ניט־אידישע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן.

אפילו נאָך פאַרן קריג זיינען אַט די רעליגיעזע רעכט פאַרלעצט געוואָרן דורך אַנטי־אידישע עקסצעסן, סיי מיט און סיי אָן דער סאַנקציע פון רעגירונגען אין פיל לענדער פון צענטראַל־מזרח אייראָפּע ווי אויך אין נאַצי־דייטשלאַנד.

פאָרשלאָג: אַז אידן זאָלן באַקומען פולע פרייהייט אָפּצוהיטן זייער רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, אָן קיינע באַגרענעצונגען מצד רעגירונגען, און אָן יעדע אַריינמישונג פון אַ יחיד אָדער אַ גרופּע.

דאָס פאָדערן, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַלע אָרגאַניזאַציעס.

די יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס דזשוּאיש קאָנגרעגיישאָנס אָוו אַמעריקאַ פאָדערט, אַז „פולע פּריווילעגיעס (פאַר אידן) אָפּצוהיטן זייער רעליגיע אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציעס פון דער תורה... זאָלן געשיצט ווערן דורכן געזעץ.” די מזרחי־אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע און די מזרחי פרויען־אָרגאַניזאַציע פאָדערן קלאָר „שוץ פאַר זייער ספּעציפירן לעבנס־שטייגער, איינשליסנדיק דאָס אָפּהיטן שבת און כשרות.” אָן ענלעכע דערקלערונג האָט אויך געמאַכט דער נעשאָנעל קאָונסיל אָוו יאָנג איזראַעל. די ראַבביניקעל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ דערקלערט: „די אידן אין דער דיאַספּאָראַ דאַרפן באַקומען דעם שוץ פון אַזאַ פעדעראַציע (פון דעמאָקראַטישע לענדער), וואָס זאָל אָפּהיטן די פרייהייט, וועלכע אַט די פעדעראַציע וועט גאַראַנטירן פאַר אַלע רעליגיעזע און קולטור־געמיינדעס.” די יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ שטרייכט אונטער „דאָס רעכט פון יעדן יחיד, לויט זיין געוויסן נאָך, צו דינען גאָט, אָפּהיטן זיין רעליגיע און מחנך־זיין זיינע קינדער אין אַט דער רעליגיע.” די יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגיישאָנס און אירע אַפיליאירטע שטעלט אַוועק אַט דעם פאָרשלאָג ווי אַ „גאַראַנטיע פון דאָס רעכט צו דינען דעם אויבערשטן.” ענלעכס פאָדערט אויך די אַמעריקען דזשוּאיש קאָמיטע „די פולשטענדיקע צוריקשטעלונג און די שוץ פון גלייכע... רעליגיעזע רעכט... פון מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט גראַניט פאַרזינדיקט, ספּעציעל אידן... [וואָס האָבן געליטן פון דעם

חורבן וואָס [עס האָט אויף זיי] געבראַכט דער אַקס־באַרבאַריזם.״ דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט פאָדערט, אַז „די קומענדיקע שלום־קאָנפערענץ ...זאָל פּראָקלאַמירן [צווישן אַנדערע רעכט פאַר אידן איבער דער וועלט] פולשטענדיקע רעליגיעזע פרייהייט.״ די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמע־ריקע, הדסה, דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס און דער פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו דהי וועסט פאָדערן רעליגיעזע רעכט פאַר אידן ווי איינער פון די פּרינציפּן, וואָס זיינען איינגעשטעלט אין די פיר פרייהייטן. דער ציוניס־טישער אַרבעטער־קאָונסיל פאָדערט די זעלבע פרייהייט ווי אַ טייל פון „אַן אינטערנאַציאָנאַלן ׳ביל אָוו ראַיטס׳״. בני ברית פאָדערט די גאַראַנטיע פון די אידישע רעליגיעזע רעכט אין אַן אַגענטור פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס זאָל אויפגעשטעלט ווערן מיטן צוועק פון דורכפירן די זעלבע רעליגיע־פרייהייט פאַר אַלעמען.

## 3. קולטורעלע און סאָציאַלע רעכט

**פּראָבלעם איינס**: אין יעדן לאַנד אין אייראָפּע האָבן אידן, אין פאַרלויף פון יאָר הונדערטער, אַנטוויקלט זייערע פאָרמען פון קולטורעלן לעבן. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אידיש, העברעאיש, אדער אין דער שפּראַך פון דער באַפעלקערונגס־מערהייט. זיי האָבן געהאַט זייערע קולטורעלע אָרגאַ־ניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אַ טעגלעכע פּרעסע און צייטשריפטן, וויסנשאַפט־לעכע, ליטעראַרישע און רעליגיעזע פּובליקאַציעס, טעאַטערס און ישיבות, ראַבינערס־סעמינאַרן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

דאָס רעכט פון דעם אידן צו אַנטוויקלען זיין קולטור־לעבן מיינט, אַז עס קענען ניט אָנגעווענדט ווערן קיינע באַגרעניצונגען ביים באַנוצן זיין שפּראַך אָדער שפּראַכן עפנטלעך, איבער דער ראַדיאָ, אָדער אויף פאַרזאַמלונגען. דאָס מיינט אויך, אַז אידן זאָלן האָבן דאָס רעכט אויפצושטעלן אַ בילדונגס־סיסטעם מיט אידיש אָדער העברעאיש אַלס לערן־שפּראַך. דאָס מיינט אויך, אַז די פּרעסע און אַנדערע פּובליקאַציעס אין אידיש, לאַדינאָ אָדער העברעאיש זאָלן ניט זיין אונטערגעוואָרפן אונטער אַ דיסקרימינירנדיקער רעגירונגס־אויפזיכט און אַז אַלע אידישע קולטור־ און בילדונג־אינסטיטוציעס זאָלן האָבן די זעלבע פּריווילעגיעס (אַ שטייגער, ווי פריי זיין פון שטייערן אדער באַקומען סובסידיעס) ווי די זעלבע אינסטיטוציעס פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג.

**פאָרשלאָג איינס**: אַז אידן זאָל גאַראַנטירט ווערן די פולע פרייהייט דורכצופירן און צו אַנטוויקלען זייער אייגנטלעכן קולטורעלן לעבנס־שטייגער אין זייער אייגענער שפּראַך, אָדער שפּראַכן, און דורך אַלע אינסטיטוציעס וואָס זיי וועלן געפינען פאַר נויטיק צו אָרגאַניזירן, אין יעדן אָרט און לאַנד וואו נאָר זיי וועלן וואוינען.

אַט די פאָרשלאָגן זיינען בדרך־כלל איינגעשלאָסן צווישן די רעכט פאַר אידן, וועלכע עס האָבן געפאָדערט אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט דערקלערונגען וועגן דעם ענין.

די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע פאָדערט „אויפצוהיטן די אידישע געמיינדע ווי אַ רעליגיעזער כוח." דער אידישער ארבעטער־קאָמיטעט לייגט פאָר, אַז אַט די רעכט זאָלן גאַראַנטירט ווערן ווי אַ טייל פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט, איינשליסנדיק „פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער אידישער שפּראַך אין די אַדמיניסטראַטיווע, געזעצגעבערישע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון לאַנד" און נאָך מער, אַז „רעגירונגס־פאָנדן פאַר קולטור־ און בילדונגס־צוועקן... זאָל אויך פאַרטיילט ווערן דער אידישער באַפעלקערונג אין פּראָפּאָרציע צו איר צאָל." ענלעכס פאָדערט אויך דער ציוניסטישער ארבעטער־קאָונסיל, אַז די „מינדערהייטן [זאָל מען פאַרזיכערן] די געהעריקע באַדינגונגען אויפצוהיטן און פריי אַנטוויקלען זייער קולטור, [און] ... אַז אידישע שולן זאָלן באַקומען אַ גלייכן חלק פון די פאָנדן פאַר אַלגעמיינער בילדונג." די ראַבביניקעל אַסעמבלי אָוו אַמעריקא דערקלערט: **יעדערער... דאַרף זיין** באַרעכטיקט אויסצודריקן זיין פּערזענלעכקייט אין זיינע אייגענע קולטור־וועגן. ער דאַרף זיין פריי צו קולטיווירן יעדע שפּראַך, לויט זיין אייגענעם אויסוואַל, אַלס צוגאָב צו דער שפּראַך פון דער הערשנדער קולטור, אָפּצוהיטן זיינע טראַדיציאָנעלע מנהגים און פאָלקס־שטייגער, און זיך פאַרבינדן מיט אַלע אַנדערע, וואָס האָבן די זעלבע ראַסן־, קולטור־ און רעליגיעזע טראַדיציעס אין געהעריקע פאָרמען פון געמיינדע־אָרגאַניזאַציעס."

**פּראָבלעם צוויי:** ווי נאָר נאַצי־הערשאַפט איז אויפגעקומען זיינען אידן אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער ספּעציעלע דיסקרימינירנדיקע געזעצן. מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגן אַ געלע לאַטע, ספּעציעלע פּאַספּאָרטן און אידענטיפיציר־קאַרטן מיט אַ רויטן „דזש", ווי אויך בייטן זייערע נעמען. מען האָט זיי באַזייטיקט פון עפנטלעכע פּאַרקן, ביבליאָטעקן, טעאַטערס און אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער, און זיי זיינען בדרך־כלל געשטעלט געוואָרן אין אַ קאַטעגאָריע פון מינדערוועריקע מענטשן.

**פאָרשלאָג צוויי:** אַז די געזעצן זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן און אַז עס זאָלן געגעבן ווערן גאַראַנטיעס, אַז עס זאָל אויף להבא ניט זיין מעגלעך אַזאַ געזעצגעבונג פון אַ דיסקרימינירנדיקן כאַראַקטער קעגן אידן אָדער קעגן יעדע אַנדער רעליגיע אָדער ראַסע.

דאָס איז איינגעשלאָסן אין די דערקלערונגען וועגן דיסקרימינאַציע.

## ה. מינאָריטעטן־רעכט

**פּראָבלעם:** די מינאָריטעט־אָפּמאַכן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, זיינען אינטערנאַציאָנאַלע אינסטרומענטן מיטן צוועק צו

באַשיצן די בירגערלעכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע רעכט פון מינדערהייט־גרופּעס. די מינדערהייטן וועלן, אָן שום ספק, פאָדערן די זעלבע אָדער ענלעכע גאַראַנטיעס נאָך דעם איצטיקן קריג. צי מען וועט יאָ אדער ניט באַנייען דעם זעלבן באַגריף וועגן מינאָריטעטן־רעכט נאָכן קריג, איז אַ פראַגע פון ספּעקולאַציע.[5] אין דיסקוסיעס וועגן ווידעראויפבוי נאָך דער מלחמה, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָפיציעלע און אומאָפיציעלע קרייזן פון מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, איז די רייד געווען מער וועגן רעגירונג־פעדעראַציעס פון גרע־סערע אָדער קלענערע געביטן. אָבער, די מינאָריטעטן־רעכט וואָס זיינען גאַראַנטירט געוואָרן דורך פאַרשיידענע אָפּמאַכן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, זיינען נאָך געזעצלעך אין קראַפט און קיין לאַנד קען זיי ניט אָפּשאַפן אויף אייגענער האַנט. דאָס פּראָבלעם וועט מען מוזן פאַרענטפערן אין דער אָדער אַנדער פאָרם, און דאָס וועט באַשלאָסן ווערן דורך די רעגירונגען, וואָס וועלן איינשטעלן די שלום־באַדינגונגען נאָך דער מלחמה.

פאָרשלאָגן: דריי אָרגאַניזאַציעס האָבן געמאַכט ספּעציפישע פאָרשלאָגן בנוגע מינאָריטעטן־רעכט פאַר אידן אין אייראָפּע נאָך דער מלחמה. דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט שלאָגט פאָר: „(1) אין אייראָפּעאישע לענ־דער מיט גרויסע און קאָמפּאַקטע אידישע ישובים, זאָל די אידישע שפּראַך זיין גלייכבאַרעכטיקט אין אַדמיניסטראַטיווע, געריכט און פּאָליטישע אינסטי־טוציעס פון לאַנד. (2) אידן זאָל אין אַזעלכע לענדער פאַרזיכערט ווערן דאָס רעכט זיך צו קאָנסטיטואירן אין אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, פאַר דער פאַר־וואַלטונג פון זייערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע ענינים. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן האָבן אַן עפנטלעך־רעכטלעכן כאַראַקטער און זאָלן באַרעכטיקט זיין ארויפ־צולייגן שטייערן אויף זייערע מיטגלידער. (3) די אידישע שולן פון אַלע טיפּן און גראַדן זאָלן אָנערקענט ווערן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע מיט די שולן פון דער מאַיאָריטעט־נאַציע פון די זעלבע טיפּן און גראַדן. פון די מלוכהשע און שטאָטישע פאָנדן פאַר קולטור און דערציאונג זאָלן אויסגעטיילט ווערן אנט־שפּרעכנדיקע סומעס פאַר אידן און איבערגעגעבן ווערן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער אידישער באַפעלקערונג־צאָל.” די מזרחי־אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע דערקלערט: „אין די לענדער וואו מען וועט איינפירן מינאָריטעטן־רעכט, פאָדערן מיר, אז אויך אידן זאָלן קריגן די זעלבע רעכט, וואָס זאָל שיצן זייער ספּעציפישן לעבנס־שטייגער, איינשליסנדיק דאָס אָפּהיטן שבת און כשרות, און אז זייערע שפּראַכן־רעכט זאָלן ק ריגן די פולע אָנערקענונג, אזוי אז ניט נאָר זאָל יעדער איד האָבן די זעלבע געלעגנהייט ווי זיין שכן, נאָר אַז די אידישע גרופּע אַלס אַזעלכע זאָל האָבן די רעכט פון אַנדערע גרופּן אין אַ באַשטימטן לאַנד.” דער ציוניס־טישער אַרבעטער־קאָונסיל לייגט פאָר דאָס פאָלגנדע: „(1) אין באַצוג צו דער אידישער באַפעלקערונג האַלטן מיר פאַר וויכטיק דאָס רעכט (א) צו אָרגאַ־

ניזירן זיך נאַציאָנאַל און לאָקאַל ווי אַן עפנטלעכע קאָרפּאָראַציע, וואָס זאָל געהערן צו, און קאָאָפּערירן מיט, אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן; (2) אויפ־צוהאַלטן אַן אייגענע בילדונגס־סיסטעם מיטן צוועק פון אויפהיטן די אידישע קולטור. (ב) אין באַצוג צו לענדער, וואו די אידישע באַפעלקערונג פאַרלאַנגט עס, און וואו דאָס איז ניט אין סתירה מיט דער סטרוקטור פונם לאַנד, פאָדערן מיר: (א) אַז די אידישע באַפעלקערונג, וואָס איז אָרגאַניזירט אין אַן עפנטלעכע קערפּערשאַפט, זאָל האָבן דאָס רעכט ארויפצולייגן שטייערן אויף אירע מיט־גלידער; (ב) די אידישע שולן זאָלן באַקומען אַ גלייכן חלק פון די פאָנדן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר אַלגעמיינער בילדונג".

אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאָרמולירט זייער צוגאַנג אין טערמינען פון גרופּע־רעכט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, דערקלערט: „אין יענע לענדער, וואו אַנדערע ווילן באַקומען גרופּן־רעכט און וואו די אידישע באַפעלקערונג וועט פאָדערן אַזעלכע רעכט פאַר זיך, פאָדערן מיר אַ פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטן סטאַטוס." ענלעכס פאָדערט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס „די אָנערקענונג פון אידישן גרופּן־רעכט אין אַלע לענדער וואו אַנדערע האָבן אַזעלכע רעכט." די מזרחי פרויען־אָרגאַניזאַציע שלאָגט פאָר צו באַשיצן די רעכט פון אידן „ניט נאָר אַלס יחידים, נאָר אַלס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע "אין אַלע לענדער.

אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מעגלעך רעזערווירטע אָדער אַנדערע מיינונגען וועגן אָט די פראַגן, האָבן נאָך ניט אַרויסגעבראַכט זייער שטאַנדפּונקט.

## ו. גאַראַנטיע און באַוואָרעניש פון אידישע רעכט

**פּראָבלעם:** די דערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט באַוויזן, אַז פאַקטן און אָפּמאַכן אַן די געהעריקע אינסטרומענטן זיי צו באַוואָרענען, האָט מען פאַרלעצט אָדער זיינען ניט גענומען געוואָרן אין אַכט דורך דער אָדער יענער רעגירונג. דאָס זעלבע איז געווען בנוגע אָפּמאַכן וואָס האָבן אַנגערירט אידישע רעכט אין מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אפילו די רעכט, וואָס זיינען געווען פאַרויסגעזעצן אין די לאַנד־קאָנסטיטוציעס, האָט מען גאָר אָפט אָפּגע־שאַפט אָדער זיי זיינען פאַרבויגט געוואָרן מיט פאַרשידענע תירוצים, ווי נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אידישע בירגער. וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע וועט זיין אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג וואָס אידן וועלן באַקומען, וועט אָפּגעהיט ווערן דורך די געהעריקע רעגירונגס־אָרגאַנען אַקוראַט אין גייסט און אינהאַלט פונם געזעץ?

**פאָרשלאָג:** אַז די רעגירונגען וואָס וועלן איינשטעלן די פרידנס־באַדינ־גונגען אויף דער וועלט, ביים פעסטשטעלן די ציווילע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע רעכט פון אַלע מינדערהייטן, איינשליסנדיק אידן ,אין דער נאָך־

מלחמהדיקער אייראָפּע, זאָלן אָננעמען ספּעציפישע אינטערנאַציאָנאַלע און שטאַט־גאַראַנטיעס דורכצופירן אָט די רעכט און זאָלן אויך שאַפן עפעקטיווע אינסטרומענטן כדי זיי צו באַוואָרענען.

אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ארויסגעגעבן דערקלערונגען מיט דער פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פאר אידן, האָבן איינגעזען די נויטיקייט אין גאַראַנטיעס פאַר אָט־די רעכט.

די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע פאָדערט „מען זאָל פולשטענדיק צוריקשטעלן און אויפהיטן זייערע בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט.” די „ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, פאָדערט „געהעריקע גאַראַנטיעס פון די פאַראייניקטע פעלקער” צו באַשיצן די רעכט פון אידן. אַן ענלעכע פאָדערונג האָבן אויך ארויסגעשטעלט דער אָרדער סאָנס אָוו זייאָן און די פרי סאָנס אָוו איזראַעל. דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט דערקלערט: „עס מוז באַוואָרנט ווערן, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן פון די מלוכות לגבי דער אידישער באַפעלקערונג און לגבי די מינאָריטעטן־נאַציעס בכלל זאָלן ניט מער זיין בלויז צוזאָגונגען פון די מלוכות, וואָס זייער דערפילונג זאָל אָפּהענגיק זיין פון דעם גוטן ווילן פ ון די רעגירונגען, נאָר אז די דאָזיקע התחייבותן זאָלן אויך אָפּגעהיט ווערן. דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דאַן, ווען עס וועלן געשאַפן ווערן אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן האַלטן אַ שטרענגע וואַך איבער דער רעספּעקטירונג פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען, סיי אַ קאָמיסיע מיט עקזעקוטיווער מאַכט, סיי אַ געריכט מיט אַ בסאָלוטער יוריסדיקציע אין אַלע פראַגן פון מינאָריטעטן־רעכט.” דער יצוניסטישער אַרבעטער־קאָונסיל אַפּעלירט פאַר „אַן אינטערנאַציאָנאַלן 'ביל אָוו ראַיטס', וואָס זאָל זיכערן די פולע רעכט פון יעדן יחיד.” ער פאָדערט אויך, אז „עס זאָלן געשאַפן ווערן נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אינסטרומענטן (אַ) צו זיכערן דעם שוץ פאַר אלע מינדערהייטן קעגן רדיפות אדער דיסקרימינאַציע קעגן די אויבנדערמאָנטע רעכט און פרייהייטן פון יעדן יחיד; (2) צו זיכערן די געהעריקע באַדינגונגען, אַז די מינדערהייטן זאָלן קענען פריי אַנטוויקלען זייער קולטור.” די ראַבביניקעל אסעמבלי אָוו אַמעריקא דערקלערט: „אַ וועלט־פעדעראַציע פון דעמאָקראטישע פעלקער מוז האָבן אַלע נויטיקע לעגיסלאַטיווע, יורידישע און עקזעקוטיווע פולמאַכטן אויפצוהיטן דעם שלום, צו רעגולירן אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און צו שטאַרקן אינטערנאַציאָנאלע צוזאַמענאַרבעט און די געמיינזאַמע אינטערעסן פון דער מענטשהייט... די אידן אין דער דיאַספּאָראַ מוזן האָבן דעם שוץ פון אַזאַ פעדעראַציע פאַר זייער פרייהייט, וואָס זאָל פון איר גאַראַנטירט ווערן פאַר אַלע רעליגיעזע און קולטורעלע געמיינדעס.” בני־ברית דערקלערט: „די פאַראייניקטע פעלקער דאַרפן אויפ־

שטעלן אַן אַגנעטור, וואָס זאָל האָבן די פולמאַכט צו האַנדלען וועגן יעדן ברוך אין די גאַראַנטיעס פאַר גלייכע בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט.״

1) דאָס געזעץ פון געבן אידן פולשטענדיקע בירגער־רעכט אין פראַנקרייך איז דורכגעגאנגען דורך דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער אַסעמבלי דעם 27טן סעפּטעמבער, 1791.

2) זע דאָס בוך „איי סאָשעל ענד רעלידזשיאָוז היסטאָרי אָוו דהי דזשוז״ פון סאַלאָ וו. באַראָן, קאָלאָמביא יוניווערזיטי פּרעס, ניו־יאָרק 1937, צווייטער באַנד, זז. 230־245. זע אויך „היסטאָרי ענד דעסטיני אָוו דהי דזשוז״, פון דזשאָזעף קאַסטעין, גאַרדען סיטי פּאַבלישינג קאָ., גאַרדען־סיטי, נ. י. 1936, פערטער טייל; און „דזשואיז עמאַנסיפּעישאָן אַנדער עטעק״ פון ב. וויינריב, דעם אריינפיר־קאַפּיטל פון אייבערהעם דזשי. דוקער, ארויסגעגעבן פון דעם אינסטיטוט פאַר פרידן און נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען, ביי דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי, ניו־יאָרק, 1942, ז. 8־30.

3) פּוילן האָט צוריקגעוואָרפן דעם מינאָריטעטן־אָפּמאַך פאַר דער אַסעמבלי פון דער פעלקער־ליג אין סעפּטעמבער, 1934.

4) די דאָקומענטן וועגן די נאַצישע אַנטי־אידישע געזעצן זיינען צונויפגעקליבן און אַנאַליזירט געוואָרן דורך ב. וויינריב, אין דער אויבנדערמאָנטער בראָשור.

5) זע „מיינאָריטיס אין איי פרי וואָרלד״, פון דזשייקאָב ראָבינסאָן, אין „פרי וואָרלד״, באַנד 5, נומ. 5, מאַי, 1943.

# אָפּטיילונג פיר

# עקאָנאָמישער ווידער־אויפבוי

## א. דער הינטערגרונט און דער איצטיקער סטאַטוס.

1. מערב־אייראָפּע.
2. צענטראַל מזרח־אייראָפּע.
3. די אָקופּירטע געביטן אין סאָוועט־רוסלאַנד.
4. דייטשלאַנד.

## ב. די הויפּט־פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישן אויפבוי.

1. די אָנערקענונג פון דער ספּעציעלער אידישער נויט.
2. אומשיכטונג און ווידער־באַשעפטיקונג.
3. פינאַנציעלע הילף און אָרגאַניזאַציע.

## אָפּטיילונג פיר

# עקאָנאָמישער ווידער־אויפבוי

## א. דער הינטערגרונט און דער איצטיקער סטאַטוס

די עקאָנאָמישע פּאָזיציע, וועלכע אידן האָבן פאַרנומען אין מערב און אין צענטראַל־אייראָפּע פאַר דער מלחמה, און ספּעציעל איידער די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט, איז געווען גאַנץ אַנדערש פון דער פּאָזיציע וואָס אידן האָבן געהאַט אין צענטראַל־מזרח־אייראָפּע. ווידער אין די מערב־טעריטאָריעס פון סאָוועט־רוסלאַנד איז די אידישע עקאָנאָמישע לאַגע געווען נאָך מער פאַרשידן.

דאָס פּראָבלעם פון ווידעראויפבוי פון די אייראָפּעאישע אידן וועט דעריבער זיין אַנדערש אין די מערב־לענדער און אַנדערש אין מזרח־אייראָפּע און אין די סאָוועטישע טעריטאָריעס, וועלכע זיינען איצט אָקופּירט דורך די נאַציס. אַחוץ דעם וועט נאָך זיין אַ באַזונדערע פּראָבלעם, ווי אַזוי ווידער אויפצובויען די אידן פון דייטשלאַנד, וואָס איז דער הויפּט־קוואַל פון אַ מאַסן־שנאה קעגן אידן.

אָבער הגם די אידישע נויט איז אַ ספּעציפישע און איז נישט ענלעך צו דער נויט פון אַנדערע גרופּן מוז דער אויפבוי פון די אידן באַטראַכט ווערן אַלס אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון אויפבוי נאָך דער מלחמה. די די ליניעס פון אונדזער פּראָגראַם וועלן פעסטגעשטעלט ווערן דורך די, וואָס וועלן באַשליסן די באַדינגונגען פון אַ דויערנדיקן שלום. עס איז איצט כמעט אַן אָנ־גענומענע אַקסיאָמע, אַז דער אויפבוי פון דער חרובדיקער אייראָפּע מוז זיין באַזירט אויף אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער קאָאָפּעראַציע און עקאָנאָמישער מיטאַרבעט צווישן די פעלקער.

### 1. מערב־אייראָפּע

אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק, איטאַליע און נאָרוועגיע זיינען די אידן געווען נאָר אַ קליינער פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעל־קערונג. די אַלגעמיינע צאָל פון די אידן אין די אַלע אויבנדערמאָנטע לענדער האָט אויסגעמאַכט אַן ערך 600 טויזנט. אַזוי ווי די אידן אין יענע לענדער זיינען זייט דורות געווען גלייכבאַרעכטיקט און נישט געליטן פון געזעצלעכע אָדער פּראַקטישע באַגרענעצונגען, זיינען זיי געוואָרן אַ אָרגאַנישער טייל פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור. אין די דאָזיקע שטאַרק־אינדוסטריאַליזירטע לענדער זיינען אידן געווען שטאַרק פאַרטרעטן אין דעם מיטלקלאַס, אין די פּראָפעסיאָ־נעלע גרופּן, און אין אַ קלענערער צאָל זיינען זיי געווען פאַרטרעטן אין די

העכערע קלאַסן. זיי האָבן אויך געהאַט אַ שטאַרקן געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט מיט דער נישט־אידישער באַפעלקערונג. און זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די קולטורעלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען פון לאַנד אַלס גלייכע בירגער.

עס איז אונמעגלעך פאָרויסצוזען, וויפל אידן עס וועלן בלייבן אין יענע לענדער ביים סוף פון דער מלחמה, אָדער וויפל פון זיי וועלן בלייבן לעבן אין די געביטן וואוהין מען האָט זיי דעפּאָרטירט. קיינער קען אויך נישט פאָרויס זאָגן, וויפל פון די אידן, וועלכע האָבן עמיגרירט אָדער עוואַקואירט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד, וועלן וועלן זיך אומקערן אין זייערע פריערדיקע היימען.

פאַר די אידן, וואָס וועלן בלייבן אין זייערע לענדער און אויך די וואָס וועלן צוריק קומען פון די ערטער, וואוהין זיי זיינען אַנטלאָפן אָדער וואוהין מען האָט זיי דעפּאָרטירט, וועט דאָס פּראָבלעם פון אויפבוי אפשר זיין נישט פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די באַציאונג פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג צו די אידישע ליידן איז אין אַלגעמיין געווען אַ סימפּאַטישע; עס זיינען געווען פיל פאַלן, ווען נישט־אידן האָבן געהאָלפן ראַטעווען אידישע לעבנס. מען דאַרף ערוואַרטן, אַז אין אַלגעמיין וועט די קריסטלעכע באַפעלקערונג זיך באַציען מיט מער סימפּאַטיע צו די אידן וואָס וועלן צוריקקערן אין זייערע היימען.

נאָך מער, פאַר די אידן וועט זיין לייכט זיך צו צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען אין די דאָזיקע לענדער. די קאָמערציעלע ערפאַרונג און די טעכנישע פעאיקייטן פון די אידן וועלן זיין אַ געווינס פאַר דעם עקאָנאָמישן אויפבוי. אַז די קריסטן פאַרשטייען אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די אידן פאַר דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד פון לאַנד, דאָס קען מען זען, צום ביישפּיל, פון די באַמיאונגען פון די אויטאָריטעטע אינסטאַנצן אין בעלגיע, אַז נאָך דער מלחמה זאָלן די אידישע דימאַנטן־סוחרים צוריק קומען קיין בעלגיע.

איינע פון די וויכטיקסטע זאַרגן אין מערב־איראָפּע וועט זיין, ווי אַזוי צונויפצונעמען די אידן פון די לענדער, וואוהין מען האָט זיי פאַרשיקט און דאָן זיי רעפּאַטרירן. נאָך אַ שווערערע אויפגאַבע וועט זיין די רעפּאַטראַציע פון די נישט־בירגער, וועלכע זיינען אין איניקע לענדער געווען אַ גרויסער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַר דער מלחמה. אַזוי ווי די דאָזיקע אידן נישט־בירגער האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט אַ סך יאָרן אין די דאָזיקע לענדער, וועלן זיי וואַרשיינלעך וועלן צוריקקערן זיך צו זייערע היימען און באַשעפטיקונגען. ווייטערדיקע קאָמפּליקאַציעס וועלן אַנטשטיין ויען מען וועט דאַרפן צוריקקערן די אידישע פאַרמעגנס וואָס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן.

## 2. צענטראַל־מזרח־איראָפּע

די אידן פון צענטראַל־מזרח־איראָפּע זיינען געווען קאָנצענטרירט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי, סערביע, בולגאַריע,

גריכנלאַנד, ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע. אין די מערסטע פון די דאָזיקע לענדער האָבן אידן אויסגעמאַכט אַ גרויסן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג (אין פּוילן זיינען אידן געווען גאַנצע 10 פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג). פאַר דער מלחמה האָבן אין יענע לענדער געלעבט פינף און האַלב מיליאָן אידן צווישן 100 מיליאָן פון דער אַלגעמיינער צאָל (ד. ה. פינף און האַלב פּראָצענט).

אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון די אידן אין מערב־אייראָפּע זיינען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די אידן אין צענטראַל־מזרח־אייראָפּע געווען אויף אַ נידעריקער שטופע. אַזעלכע לענדער ווי פּוילן, רומעניע, אונגאַרן און סערביע, הגם זיי זיינען רייך אין נאַטירלעכע אוצרות, זיינען אינדוסטריעל און קאָמערציעל געווען שוואַך אַנטוויקלט. זיי זיינען נישט געווען אומשטאַנד מיט אייגענע כוחות צו עקספּלאָאַטירן אין פולער מאָס זייערע נאַטירלעכע אוצרות און די אינוועס־טירונגען פון פרעמדן קאַפּיטאַל זיינען געווען נישט גרויס. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג (צווישן 65 און 80 פּראָצענט) איז געבליבן אַגראַריש. פאַר דערפאַלגרייכע שטאָטישע אונטערנעמונגען זיינען געווען קליינע מעגלעכ־קייטן. דער אינדעקס פון ריינער פּרנסה פון די באַשעפטיקטע אין דער צייט פון 1925 ביז 1934 איז געווען: 359 אין אונגאַרן, 352 אין פּוילן, 243 אין רומעניע, ווערענד אין ענגלאַנד, צ. ב. איז דער אינדעקס געווען 1069, אין פראַנקרייך 684 און אין דייטשלאַנד 646. עס זיינען געווען זייער נייטיק אין יענע לענדער אַגראַר־רעפאָרמען (צעטיילונג פון באָדן), אָבער דאָס איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם, ספּעציעל אין פּוילן און אין אונגאַרן. פון די אַלע דערמאָנטע מלוכות האָט נאָר טשעכאָסלאָוואַקיי געהאַט אַ גוט אַנטוויקלטן מיטלקלאַס.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען כמעט אינגאַנצן אַ שטאָטישע, געמוזט באַגעגענען פיל עקאָנאָמישע שוועֵ־ריקייטן. אין טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטאָניע, בולגאַריע און גריכנלאַנד, וואו די רעגירונגען האָבן געפירט אַ מער ליבעראַלע פּאָליטיק, זיינען די אידן צוזאַמען מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג געווען אַקטיוו באַטייליקט אין די פאַרשידענע עקאָנאָמישע טעטיקייטן. אין אַנדערע לענדער — פּוילן, רומעניע, אונגאַרן און ליטע — האָבן די אידן באַגעגנט פאַרשיידענע שטערונגען אין זייער קאַמף פאַר אַ פּאָזיציע אין דער עקאָנאָמישן לעבן.

אַחוץ אַ קליינער צאָל וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט האָבן אידן זיך פאַרנומען מיט האַנדל, מלאָכות און געשעפט־אונטערנעמונגען. זיי זיינען געווען אַרבעטער, האַנטווערקער, קליינע קרעמער און אין פרייע פּראָפעסיעס. זיי זיינען אויך געווען פאַרטרעטן אַלס קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע אונטער־נעמער. דאָס סיסטעם פון מלוכה־מאָנאָפּאָל און רעגירונגס־קאָנטראָל איבער דעם האַנדל מיט אויסלאַנד האָט זייער שווער געמאַכט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די אידן. אין נישט־אידישע אונטערנעמונגען איז די צאָל פון אידישע

אַרבעטער געווען אַ מינימאַלע און די אידן זיינען פּאַקטיש געווען אויסגעשלאָסן פון אַדמיניסטראַטיוון דינסט.

די פּאָליטיק און די אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק פון די אויבנדערמאָנטע רעגירונגען, צוזאַמען מיט דעם פאַקט וואָס פון די דערפער איז געגאַנגען אַ גרויסער שטראָם פון פּויערים, וואָס האָבן געזוכט אַרבעט אין שטאָט, דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געפירט דערצו, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין יענע לענדער זאָל זיין אומהיילבאַר. סיסטעמאַטיש איז אַ גרויסער טייל פון דער אידי־שער באַפעלקערונג געוואָרן עקאָנאָמיש רואינירט. זייענדיק אויסגעוואָרצלט פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון לאַנד זיינען פיל אידן געווען געצוואונגען צו עמיגרירן און אַ גרויסע צאָל אידן איז געוואָרן אָנגעוויזן אויף געזעלשאַפטלעכע הילף.

דער ווידער־אויפבוי פון די אידן אין צענטראַל־מזרח־אייראָפּע, ספּעציעל אין פּוילן, רומעניע און אונגאַרן, וועט זיין מער ווי אַ פּראָבלעם פון צוריקפירן די אידן צו זייערע פריערדיקע פּאָזיציעס; דאָס אַליין איז נישט גענוג. מען וועט מוזן זאָרגן וועגן אויפבויען דאָס עקאָנאָמישע לעבן אויף נייע יסודות. די געזעצ־לעכע און פּאָליטישע זייטן פון דעם דאָזיקן פּראָגראַם זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל (זע אָפּטיילונג דריי). ביי גוטע פּאָליטישע באַ־דינגונגען אונטער אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג וועט דאָס פּראָגראַם באַשטיין פון אומשיכטן אידן צו נייע פּרנסות, פאַרגרעסערן די מעגלעכקייטן פון באַשאַפ־טיקונג און פון פינאַנציעלע הילף פאַר קאָמערציעלע אונטערנעמונגען.

די לענדער פון צענטראַל־מזרח־אייראָפּע, וואָס וועלן דאַרפן אויפבויען זייערע חורבות וועלן נאָך מער ווי די לענדער פון מערב־אייראָפּע זיך נויטיקן אין דער טעכנישער אינטעליגענץ פון די אידן און זייער ערפאַרונג אין האַנדל, אינ־דוסטריע אין אויסלענדישן האַנדל, די טעקסטיל־אינדוסטריע אין פּוילן, וועלכע אידן האָבן אַנטוויקלט צו אַ הויכער מדרגה וועט נאָך דער מלחמה ווידער קענען באַשעפטיקן אידן און דאָס וועט זיין אַ ברכה פאַר דעם גאַנצן לאַנד. דאָס זעלבע מיט די רומענישע אידן, וועלכע זיינען אַ צייט לאַנג געווען אַ פינפטל פון גאַנצן האַנדלס־קלאַס. די אידן קענען ווידער אויפהייבן און אַנטוויקלען דעם רומענישן היימישן און אויסלענדישן האַנדל, וואָס איז אין אַ צושטאַנד פון ירידה.

די אידן האָבן ערוואָרבן געוויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע ערפאַרונגען אין פּוילן, רומעניע און ליטע, ספּעציעל אין דער צייט צווישן דער ערשטער מלחמה און דער צווייטער, ווען זיי זיינען דורך רעגירונגס־באַגרענעצונגען געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן די ערד.* ווען מען זאָל די אידן צוריקקערן צו זייערע

* נאָך דער ערשטער מלחמה האָבן אידן פאַרמאָגט 386,392 אַקער לאַנד אין פּוילן, 50 טויזנט אַקער אין בעסאַראַביע און 20 טויזנט אין ליטע.

לאַנדווירטשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען וועט דאָס זיין אַ ברכה פאַר די אידן, אָבער אויך אַ טובה פאַר דעם לאַנד.

ווי שוין געזאָגט אין פריערדיקן קאַפיטל (אָפטיילונג דריי) וועט דאָס צופּאַסן זיך פון די אידן צו די נייע באַדינגונגען פון נאָך דער מלחמה קודם כל זיין אָפּהענגיק פון דער באַציאונג פון די רעגירונגען און פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג צו דעם ווידעראויפבוי פון די אידן אין זייערע היימאַט־לענדער. אויב מען וועט די אידן געבן די פרייהייט פון גלייכע מעגלעכקייטן צוזאַמען מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג וועלן אידן געפינען זייער פּלאַץ אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישער טעטיקייט, איינשליסנדיק האַנדל, אינדוסטריע, פרייע פּראָפעסיעס, ציווילער דינסט און לאַנדווירטשאַפט.

## 3. די אָקופּירטע געביטן אין סאָוועט־רוסלאַנד

העכער צוויי דריטל פון די סאָוועטישע אידן, אָדער צוויי מיליאָן נפשות האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט אין ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע און קרים. זייט דעם זומער 1941 זיינען די אַלע טעריטאָריעס אָקופּירט דורך די דייטשן. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט אין די שטעט. אַן ערך 80 טויזנט אידן זיינען געווען פאַרטיילט אין פאַרשידענע אַגראַר־סעקציעס און 60 טויזנט זיינען געווען קאָנצענטרירט אין די פינף לאַנדווירטשאַפטלעכע „נאַציאָנאַלע תחומים". דריי אין אוקראַינע און צוויי אין קרים.

די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן צוזאַמען מיט דער וואַקסנדער אינדוסטריאַליזירונג פון רוסלאַנד, זיינען געווען אָפן פאַר אידן אויף דעם זעלבן באַזיס ווי פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. אידן זיינען געווען באַשעפטיקט אַלס באַאַמטע און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס (37,2%), אַלס פאַבריקס־אַרבעטער (21,5%), בעלי מלאכות (14,3%), פּראָפעסיאָנאַליסטן (12,8%), פּויערים (7,1%), און אין אַנדערע באַשעפטיקונגען (7,1%).

די איצטיקע לאַגע פון די דאָזיקע אידן איז שוין געווען געשילדערט אין פריערדיקן קאַפּיטל (זע די אַריינפירונג). די וואָס וועלן איבערלעבן די נאַצישע אָקופּאַציע, צוזאַמען מיט אַנדערע וואָס וועלן צוריקקערן פון זייערע פּלעצער נאָך דער מלחמה, וועלן ווירטשאַפטלעך ווידער זיך איינאָרדענען, געניסנדיק פון די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וועלכע סאָוועט־רוסלאַנד וועט שאַפן אין יענע געביטן פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג עס איז אונמעגלעך פאָרויסצוזאָגן, ווי עס וועט זיין די שטעלונג פון דער סאָוועט־רעגירונג צו אויסלענדישער הילף ביים ווידעראויפבוי. נאָך דער ערשטער מלחמה האָט די רוסישע רעגירונג ערלויבט דער „אַמעריקאַנער רעליף אַדמיניסטריישאַן", דעם „דזשאָינט", דער „דזשואיש קאָלאָניזיישאָן אַסאָסיאיישאַן" און דעם „אַגראָדזשאָינט", אַז אונטער

דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג מעגן זיי זיך פאַרנעמען מיט הילף פאַר די רוסישע אידן, באַזונדערס אויף דעם געביט פון באַזעצן אידן אויף ערד.

### 4. דייטשלאַנד

פאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפע זיינען די אידן פון דייטשלאַנד, גלייך מיט די אידן פון גאַנץ מערב־אייראָפּע, געווען גוט איינגעאָרדענט אויף די עקאָנאָמישע, קולטורעלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע געביטן פון לאַנד. פון די 525 טויזנט אידן וואָס האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד פאַר 1933 וועט ביים סוף פון דער מלחמה וואַרשיינלעך קיין איינציקער נישט בלייבן. די רעפּאַטראַציע פון די דייטשע אידן, וועלכע זיינען איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, וועט זיין אויסערגעוויינלעך שווער. די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די נאַציס אין דייטשלאַנד אין פאַרלויף פון די לעצטע 10 יאָר וועלן וואַרשיינלעך נאָך אַ לאַנגע צייט בלייבן אַלס מחיצה צווישן די אידן און ניט־אידן. אַלס אַ באַזיגט פאָלק וואָס וועט זיין ביטער אַנטוישט וועלן די דייטשן אפשר ווייטער באַטראַכטן די אידן אַלס זייער כפרה־הינדל. דעריבער וועלן אפשר נאָר ווייניק דייטשע אידן וועלן זיך אומקערן אין דעם לאַנד, וואָס האָט זיי געבראַכט אַזוי פיל ליידן. דאָך זיינען דאָ אייניקע וואָס האַלטן, אַז די דייטשע אידן דאַרפן פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיי צוריקקערן צו די פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען פאַר דעם נאַצי־רעזשים. די וואָס וועלן זיך אומקערן וועלן זיך גויטיקן אין אַ ספּעציעלער שוץ פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט און מען וועט זיי מוזן העלפן פינאַנציעל, כדי זיי זאָלן קענען האָבן אַ באָדן אונטער די פיס.

## ב. די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון ווידעראויפבוי

הגם יעדער געביט, ווי שוין אויבן געזאָגט, וועט האָבן זיינע ספּעציעלע דאגות אין דעם ווידעראויפבוי נאָך דער מלחמה, זיינען דאָך דאָ אייניקע אַל־געמיינע פּראָבלעמען און פאַרלאַנגען.

### 1. די אָנערקענונג פון ספּעציעל אידישע נויטן

דאָס פּראָבלעם: צום אונטערשייד פון אַנדערע גרופּן האָבן די נאַציס אויס־געקליבן פאַר פולשטענדיקער אויסראָטונג בלויז די אידן. זיי זיינען געוואָרן אויסגעוואָרצלט פון זייערע היימען, דעפּאָרטירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פאַרשלעפט אין די געטאָס. זייער פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן און זייערע קערפּערס זיינען געבראָכן געוואָרן דורך צוואַנגס־אַרבעט און הונגער. ווען די

מלחמה וועט זיך ענדיקן וועלן די אידן וואָס וועלן בלייבן לעבן זיך געפינען אין זייער אַ ביטערן מצב. זיי וועט זיין זייער שווער זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, ספּעציעל אין די לענדער, וואו זיי האָבן עקאָנאָמיש געליטן שוין פאַר דער מלחמה. זייער פּראָבלעם מוז באַטראַכט ווערן אין דער ליכט פון די ספּעציפישע באַדינגונגען, וואָס האָבן געשאַפן די איצטיקע לאַגע.

פּאָרשלאַג: אַז די ספּעציעלע אידישע נויטן זאָלן אָנערקענט ווערן דורך די אויטאָריטעטן, וועלכע וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון אייראָפּע.

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט ערקלערט: „די אייראָפּעאישע אידן ליידן שרעקלעך אין דער איצטיקער מלחמה. קעגן אַן אַנדער פאָלק פירט ניט די נאַצי־פאַשיסטישע אַקס אַזאַ גרויזאַמען קריג פון אויסראָטונג. עס איז קיין ספק נישט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן די אידישע מאַסן פון אייראָפּע זיין עקאָנאָמיש רואינירט און דעקלאַסירט. עס וועלן מוזן אָנגעווענדעט ווערן ריזיקע מיטלען כדי אויפצוריכטן און ווידער אויפבויען דאָס אידישע לעבן". דער ציוניסטישער אַרבעטער־בלאָק ערקלערט: „שאַפנדיק די אינסטרומענטן פון הילף און רע־קאָנסטרוקציע... מוז מען נעמען אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז די אידישע באַפעלקערונג האָט פון דער מלחמה־קאַטאַסטראָפע געליטן אומפאַרגלייכלעך מער ווי אַנדערע פעלקער סיי לויט דער צאָל פון די קרבנות און סיי לויט דעם כאַראַקטער פון זייערע ליידן". די דזשואיש קאָמיטי פאַרלאַנגט „רעפּאַט־ראַציע, אויפריכטיקן און פאַלקאָמען ווידער־אויפבוי פון די מיליאָנען אומבאַשיצ־טע מענטשן, און ספּעציעל פון די אידן, וועלכע האָבן געליטן פון די גרויזאַמקייטן און חורבנות, וואָס דער נאַצישער באַרבאַריזם האָט געבראַכט".

## 2. אומשיכטונג און ווידער־באַשעפטיקונג

דאָס פּראָבלעם: נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלוירן די פּאָזיציעס אין דעם האַנדל און באַשעפטיקונגען, וועלכע זיי האָבן געהאַט פאַר דער מלחמה וועט פאַר פיל אידן זיין שווער זיך איינצואָרדענען אין זייערע פריערדיקע פּרנסות. אַחוץ דעם וועלן די נייע באַדינגונגען וואָס וועלן געשאַפן ווערן דורך דער רעקאָנסטרוקציע־פּראָגראַם פאַרלאַנגען אַ סך אינדוסטריעלע ספּעציאַליסטן און אויף דעם געביט האָבן אידן ווייניק ערפאַרונג. אין באַשטימטע סעקציעס וועט זיין אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. וועלכע מעג־לעכקייטן פון באַשעפטיקונג עס זאָלן נישט געעפנט ווערן מוזן די אידן זיין גרייט צוזאַמען מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג צו קענען געניסן פון די דאָזיקע מעגלעכקייטן. ווייטער, אויב מען זאָל איבערלאָזן די אידן, אַז זיי זאָלן אַליין מוזן זוכן באַשעפטיגונג אויף דעם אַלגעמיינעם אַרבעטס־מאַרק, אָן דער הילף פון פאַראַנטוואָרטלעכע אַגענטורן, קען אַמאָל קומען צו אַזאַ לאַגע, אַז אין

פיל לענדער זאָלן די אידן אויסגעשאַלטעט ווערן פון דער הויפט־סטרוקטור פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי.

פאָרשלאַג: אַז אַ אויטאָריטעטע אַגענץ, אָדער עטלעכע אַגענצן, זאָלן אונטער־נעמען אַ פּראָגראַם פון איבערשיכטונג, כּדי פאַרצוברייטן די אידן פאַר די באַשעפטיקונגען, וועלכע וועלן פאַרלאַנגט ווערן ביי די נייע באַדינגונגען און פאַר וועלכע די אידן זיינען אינדיווידועל וויניק צוגעפּאַסט. ווייטער, דאַרף געשאַפן ווערן אַ אַגענץ, אָדער אַגענצן, וואָס זאָלן העלפן אידן צו זוכן באַשעפטי־קונג אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישער טעטיקייט.

אין זייערע ערקלערונגען וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָבן די אָרגאַניזאַציעס נישט אַרויסגעזאָגט זיך וועגן דעם, וועלכן ספּעציעלן כאַראַקטער עס דאַרפן האָבן די אויבן דערמאָנטע אַגענצן.

דער ציוניסטישער אַרבעטער־בלאָק ערקלערט: „עס מוזן געשאַפן ווערן מעגלעכקייטן פאַר די אייראָפּעאישע אידן, אַז זיי זאָלן קענען אומקערן זיך צו זייערע פריערדיקע פּרנסות אָדער ערווערבן נייע פּאָזיציעס אין דער נאָך־מלחמהדיקער ווירטשאַפט". דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט פאַרלאַנגט: אַז „אין דעם פּעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע זאָלן געמאַכט ווערן ספּעציעלע באַמיאונגען אַריינצוציען די אידישע מאַסן אין אַלע צווייגן פון דער מלוכה־ווירטשאַפט". די בני ברית פאַרלאַנגט „די אומשיכטונג פון די מלחמה־קרבנות, ספּעציעל פון די יונגע מענטשן". אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן וועגן דער פראַגע זיך נישט אַרויסגעזאָגט.

## 3. פינאַנציעלע הילף און אָרגאַניזאַציע

דאָס פּראָבלעם: דאָס פּראָגראַם פון ווידעראויפבויען דאָס אידישע לעבן אין אייראָפּע נאָך דער מלחמה וועט זיין נאָך קאָמפּליצירטער, ווי דאָס פּראָגראַם פון הילף און אויפריכטונג אין דעם ערשטן פּעריאָד פון איבערגאַנג. אַזאַ פּראָ־גראַם קען אונטערגענומען ווערן נאָר דורך אַ מלוכה און אונטערנאַציאָנאַלע אַגענצן, וועלכע האָבן די פינאַנציעלע מיטלען פאַר דער אַלגעמיינער רעקאָנס־טרוקציע. אַ דערפאָלגרייכע ליזונג פון דעם פּראָגראַם וועגן אַנטשיידיקונג וועט שפּילן די הויפּט־ראָלע אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג. אין דער אָנערקענונג פון די ספּעציעלע אידישע נויטן וועלן מוזן אָנגענומען ווערן די געהעריקע מיטלען, כּדי צו פאַרזיכערן, אַז די דאָזיקע נויטן זאָלן ריכטיק באַהאַנדלט ווערן. די אידישע אַגענצן וואָס וועלן געגרינדעט ווערן פאַר רעקאָנסטרוקציע־צוועקן וועלן מוזן פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם.

ערשטער פאָרשלאַג: אַז די רעגירונגען און אינטערנאַציאָנאַלע אויטאָריטעטן, וועלכע וועלן פינאַנסירן און אָנפירן מיט דער רעקאָנסטרוקציע אין אייראָפּע

זאָלן באַטראַכטן די אידישע נויטן פון פון רעקאָנסטרוקציע אַלס אַן אינטעגראַלן טייל פון זייער פּראָגראַם.

צווייטער פאָרשלאַג: אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ אידישע אויטאָריטעטע קערפּערשאַפט אָדער קערפּערשאַפטן, וועלכע זאָלן רעפּרעזענטירן די אידן פון אייראָפּע ביי די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אַגענצן פאַר רעקאָנס־טרוקציע און העלפן צו באַפרידיקן די ספּעציעלע נויטן פון דער אידישער באַפעלקערונג.

דער אַמעריקאַנער דזשואיש קאָנגרעס לייגט פאָר, אַז „די יונייטעט ניישאָנס זאָלן שאַפן אַן אַגענץ, וועלכע זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רעקאָנס־טרוקציע פון די אידן". דער קאָנגרעס לייגט אויך פאָר, אַז דאָס דאָזיקע פּראָ־גראַם פון רעקאָנסטרוקציע זאָל אויפגענומען ווערן דורך דעם אידישן קיבוץ אין אַמעריקע אין קאָאָפּעראַציע מיט די אָנערקענטע פאַרטרעטער פון וועלט־אידנטום". די אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון די פּוילישע אידן פאַרלאַנגט, אַז „די פּוילישע רעגירונג זאָל שאַפן אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט פאַר אידישע ענינים און אַז די דאָזיקע רעגירונג זאָל אַרייננעמען אידן אין די אַלגעמיינע רעפּאַטראַציעס און העלפן זיי זיך איינצואָרדענען אין פּוילן"... דער אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט לייגט פאָר, אַז „עס זאָלן געשאַפן ווערן ספּעציעלע אינטער־נאַציאָנאַלע קרעדיטן, כדי אויפצובויען דאָס עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע לעבן פון די אידישע מאַסן אין אייראָפּע". דער ציוניסטישער אַרבעטער־בלאָק ערקלערט, אַז „עס מוז אָנערקענט ווערן אַלס פּרינציפּ, אַז די רעקאָנסטרוקציע און הילף פאַר דער אידישער באַפעלקערונג מוזן פינאַנסירט ווערן דורך גע־זעלשאַפטלעכע פאָנדן אויף דעם זעלבן אופן ווי עס ווערט פינאַנסירט די רע־קאָנסטרוקציע־אַרבעט פאַר אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. אַזוי ווי די אידישע באַפעלקערונג וועט האָבן פאַר זיך ספּעציעלע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע די עפנטלעכע פאָנדן וועלן זיין אונגעניגנד, איז דרינגענד נויטיק צו שאַפן אַ אידישן פינאַנציעלן אינסטרומענט פאַר הילף און רעקאָנסטרוקציע".

## אָפּטײלונג פינף

# אויסוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע

### א. עמיגראַציע.

1. אויסשפּרייטונג און אויסטיילונג.
2. די סיבות פֿון אימיגראַציע.

### ב. קאָלאָניזאַציע.

1. קאָמפּאַקטע באַזעצונג.
2. צעשפּרייטע באַזעצונג.
3. קאָלאָניזאַציע־פּלענער.

### ג. אויסזיכטן פֿאַר אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

1. עמיגראַציע־ריכטונגען נאָכן קריג.
2. פּלענער פֿאַר נייער קאָלאָניזאַציע.

# אָפּטיילונג פינף
# אויסוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע
## א. עמיגראַציע.
### 1. אויסשפּרייטונג און אויסטיילונג.

אין דעם קורצן פּעריאָד פון 35 יאָר, פון 1880 ביז 1914, האָט אַ פערטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג, אַן ערך דריי מיליאָן אידן, עמיגרירט פון אייראָפּעאישע לענדער אין אַלע טיילן פון ערד־קוגל.[1] די דאָזיקע שפּרינגענ־דיקע צאָל איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (ביז 1932) פאַרגרעסערט געוואָרן מיט נאָך 736 טויזנט און האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און אין אייראָפּע ביז 1941.

אַזוי אַרום איז עס געשען, אַז אין פאַרלויף פון 60 יאָר אָדער אין צוויי דורות (פון 1880 ביז 1940) האָבן פיר און אַ האַלב מיליאָן אידן געביטן זייערע אָריגינעלע וואוינערטער.

אין דער צייט, ווען פיל פון זיי האָבן געפונען נייע היימען אין דעם מערבדיקן וועלט־טייל, אין דרום־אַפריקע, ענגלאַנד און ארץ ישראל, האָבן פיל אַנדערע פאַרלוירן זייערע לעבנס אויף די וועגן פון וואַנדערונג. דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן זיינען אומגעקומען אונטער די הענט פון די נאַציס און פינף מיליאָן אידן געפינען זיך נאָך אַלץ אָן אַ שטענדיקן וואוינאָרט, אונטער דער נאַצי־הערשאַפט, אָדער אין צייטווייליקע מקום מקלט.

אין דעם פריען פּעריאָד פון אידישער עמיגראַציע, אָנהייבנדיק מיט די 80ער יאָרן, האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן געהאַט אַ ליבעראַלע אימיגראַציע־פּאָליסי און געקענט אַריינגעמען די גרויסע מערהייט פון די אידישע אימיגראַנטן.

אין 42 יאָר, ביז דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען באַגרענעצטע אימיגראַ־ציע־געזעצן אין 1921, האָט אַמעריקע אַריינגעלאָזט צוויי מיליאָן מיט 200 טויזנט אידן, אָדער 9 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

זינט דעמאָלט, און באַזונדערס נאָך דעם קוואָטע־געזעץ פון 1924, איז די אידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער מיט יעדן יאָר.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, באַזונדערס נאָך 1921, ווען די מעגלעכ־קייטן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע זיינען קלענער געוואָרן, האָבן די מזרח־

---

[1] „אידישער גלויבן און צוקונפט" פון אַרטור רופּין, מעקמילען ענד קאָ. לאָנדאָן, 1940, קאַפּיטל 3: עמיגראַציע.

אייראָפּעיאישע אידן, וואָס האָבן מיט זיך נאָך אַלץ פאַרגעשטעלט די הויפּט־צאָל פון אידישער עמיגראַציע, געפונען אַ וועג צו אַנדערע לענדער, ווי דרום־אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע, מערב־אייראָפּע און ארץ ישראל.

אַזוי אַרום האָט אַרגענטינע אַליין אין די יאָרן צווישן 1921 און 1932 אַריינגענומען נאָך 79,000 אידישע אימיגראַנטן אַחוץ דער צאָל פון 100,000 אידן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט פריער, פון 1881 ביז 1921. אין דער זעלבער צייט האָט קאַנאַדע אַריינגענומען 48 טויזנט אידן; בראַזיל — 33 טויזנט; מעקסיקע, קובאַ, אורוגוואַי און אַנדערע לענדער האָבן אַריינגענומען אַן ערך 37 טויזנט אידישע אימיגראַנטן. דרום־אַפריקע האָט אַריינגענומען 15 טויזנט אידן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריינגעקומען פאַר דער צייט 348 טויזנט אידן.[2]

אין מערב־אייראָפּע האָט פראַנקרייך געגעבן פּלאַץ פאַר 80 טויזנט אידן. די דייטשע רעפּובליק האָט אויך אַריינגעלאָזט אַרום 80 טויזנט אידן. בעלגיע — 25 טויזנט אידן, און האָלאַנד, דענעמאַרק, די שוועיץ און די סקאַנדינאַווישע לענדער האָבן יעדע באַזונדער אַריינגענומען אַ קליינע צאָל אידן.

דער גרויסער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע קיין ארץ ישראל נאָכן ערשטן וועלט־קריג, איז אַנגעפירט געוואָרן אַלס טייל פון אַ פּראָגראַם פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין יענעם לאַנד, און ווערט באַזונדער באַהאַנדלט אין אַן אַנדער טייל פון דעם דאָזיקן איבערזיכט (זע אָפּטיילונג זעקס).

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און נאָך דער נאַצי־שער אָקופּאַציע פון צענטראַל־ מזרח־ און מערב־אייראָפּע, האָט די אידישע עמיגראַציע זיך ווידער אַ קער געטאָן צום מערבדיקן וועלט־טייל און צו ארץ ישראל. פון אָנהויב 1933 ביז מיט־יוני 1942 האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן אַריינגעלאָזט 204,327 אידן, פון וועלכע 42,189 זיינען געווען ניט־אימיגראַנטן.[3] אַנדערע לענדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָבן אַריינגעלאָזט 85,000 אידן, און ארץ ישראל האָט אַריינגענומען 280 טויזנט אידן.

## 2. די סיבות פון עמיגראַציע.

די דאָזיקע קורצע באַשרייבונג אין ציפערן דערציילט די געשיכטע פון אידישע וואַנדערונגען בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן. עס וואָלט אונז געפירט צו ווייט צו אַנאַליזירן אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אין די לעצטע 60 יאָר גע־טריבן און געפירט די כוואַליעס פון אידישער מאַסן־עמיגראַציע פון לאַנד

[2] דאָרטן — ז׳ 46, טאַבעלע 6.
[3] „היברו אימיגריישאַן טו דהי יונייטעד סטייטס, יאַנואַרי 1, 1933 טו דזשון 30, 1942״ — אַרויסגעגעבן פון „נעשאַנעל רעפיודזשי סורוויס, אינק.״, דעצעמבער, 1942 (מימיאָגראַפירט).

צו לאַנד. דאָך, כּדי צו קענען אַריינקוקן טיפֿער אין די פּראָבלעמען, וועלכע דאָס אייראָפּעאישע אידנטום וועט פֿאַר זיך האָבן נאָך דער איצטיקער מלחמה, איז נויטיק דאָ אָנצוצייכענען אַ פּאָר בולטע שטריכן פֿון דעם הינטערגרונט פֿון אָט־דער מאַסן־עמיגראַציע.

עמיגראַציע פֿון אייראָפּע איז געווען אַ פֿענאָמענאַלע דערשיינונג, וואָס האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז אויף אידן, נאָר האָט אויך געווירקט צווישן אַנדערע פֿעלקער אויף יענעם קאָנטינענט. אין לויף פֿון אַ גאַנצן יאָרהונדערט (פֿון 1820 ביז 1925) האָבן 50 מיליאָן מענטשן עמיגרירט פֿון אייראָפּע אין אַנדערע קאָנטינענטן. כאָטש די עמיגראַציע פֿון אַנדערע פֿעלקער איז געקומען אַלס רעזולטאַט הויפּטזעכלעך דערפֿון, וואָס די באַפֿעלקערונג פֿון אייראָפּע איז אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן פֿאַרגרעסערט געוואָרן (פֿון 187 מיליאָן אין 1800 ביז 406 מיליאָן אין 1900), האָבן אין דער עמיגראַציע פֿון אידן אויך מיטגע־שפּילט ספּעציפֿישע אידישע פֿאַקטאָרן.

נאָכמער, די אידישע עמיגראַציע האָט זיך אונטערשיידעט פֿון דער עמי־גראַציע פֿון אַנדערע פֿעלקער דערמיט, וואָס זי האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַ־ראַקטער אין גאָר אַ קורצן צייט־פּעריאָד; אין פֿיל פֿאַלן איז זי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסן־בהלה. דער פּראָצענט פֿון אידישע עמיגראַנטן אין פֿאַר־גלייך מיט דער גאַנצער אידישער באַפֿעלקערונג איז געווען פֿיל העכער ווי ביי אַלע אַנדערע גרופּעס. אַזוי, למשל, האָבן די אידישע עמיגראַנטן פֿון איי־ראָפּע אין די יאָרן 1920 — 1925 פֿאַרגעשטעלט מיט זיך 20.6 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער אידישער באַפֿעלקערונג אין אייראָפּע, ווען די איטאַליענישע עמיגראַנטן זיינען געווען בלויז 11.3 פּראָצענט, די ענגלענדער — בלויז 3.1 פּראָצענט און די דייטשן — בלויז 2.3 פּראָצענט פֿון זייערע באַפֿעלקערונגען.[4]

עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז אומגעפֿער ביזן מיטן פֿון דעם 17טן יאָר־הונדערט, האָבן די אידן עמיגרירט פֿון מערב־אייראָפּע צו מזרח־צו, וואו זיי זיינען געוואָרן פּיאָנערן אין דער האַנדלס־אַנטוויקלונג פֿון אַזעלכע לענדער, ווי פּוילן און ליטע. די ענדערונג איז געקומען אינמיטן פֿון 19טן יאָרהונדערט, ווען די אידן פֿון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע האָבן אָנגעהויבן צו עמיגרירן צו מערב־צו און אין לענדער מעבר לים. די דאָזיקע באַוועגונג איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסן־עמיגראַציע נאָך 1881, ווען דאָס לעבן אין מזרח־אייראָפּע איז געוואָרן שטאַרק פֿאַרערגערט פֿאַר אידן.

דער „תּחום המושב", אין וועלכן די אידן פֿון רוסלאַנד זיינען פֿאַרשפּאַרט געוואָרן, איז געווען צו פֿיל באַפֿעלקערט און די פּרנסות, וואָס זיינען דערלויבט געווען פֿאַר די רוסישע אידן, האָבן קוים זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט פֿאַר אַ

[4] „אידישע עמיגראַציע און אידישע עמיגראַציע פּאָליטיק" פֿון אריה טאַרטאַקאָווער, ווילנע, 1939, זז' 6־7.

שטיקל ברויט. די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג, די פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען האָבן געטריבן די אידן צו זוכן נייע היימען אין אַנדערע לענדער.

אין גאַליציע האָט זיך די אידן געלעבט נישט פיל בעסער, כאָטש זיי זיינען געווען עמאַנציפּירט אונטער דער עסטרייך־אונגאַרישער הערשאַפט. צו־ליב דער אַלגעמיינער אָרעמקייט פון יענער געגנט, אויך צוליב דעם גרויסן נאַטירלעכן צוואוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג, זיינען די עקאָנאָ־מישע געלעגנהייטן באַגרענעצט געוואָרן פאַר אידן. אין רומעניע זיינען די אידן געווען נאָך ווייניקער זיכער, ווייל זיי זיינען באַרויבט געווען פון בירגער־רעכט.

די אידישע עמיגראַציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דער רעזולטאַט פון ניט־סטאַבילע באַדינגונגען אין אייראָפּע, וואָס זיינען געקומען נאָך דער מלחמה, רעוואָלוציע און בירגער־קריג, איז פּאַקטיש געווען דער רעזולטאַט פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס האָבן פריער געהערשט אין מזרח־אייראָפּע. מיט דער אויפשטעלונג פון נייע, פאַרגרעסערטע מלוכות אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע, זיינען די באַ־דינגונגען נישט צופיל פאַרבעסערט געוואָרן, ווייל פיל פון די דאָזיקע נייע לענדער זיינען אינדוסטריעל נישט געווען אַנטוויקלט.

די אידן האָבן געקענט פיל מיטהעלפן צו דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע לענדער און אין דער זעלבער צייט אויך פאַרבעסערן זייער אייגענע לאַגע. אָבער דאָס האָט נישט צוגעלאָזט די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק, וועלכע פיל פון די רעגירונגען פון די דאָזיקע לענדער האָבן פּראַקטיצירט מיט אַ וואַקסנדיקער גרויזאַמקייט. די אידן האָבן ווידער געמוזט זוכן אַ פּלאַץ וואוהין צו עמיגרירן. זינט 1933 ביז היינט־צו־טאָג איז די אידישע עמיגראַציע פון אייראָפּע געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער נאַצי־הערשאַפט איבערן קאָנטינענט.

## ב. קאָלאָניזאַציע

### 1. קאָמפּאַקטע באַזעצונג.

אין אַ ברייטערן זין נעמט קאָלאָניזאַציע אַרום אַלע פאַזן פון עקאָנאָמישע אַקציעס, וועלכע ווערן אונטערגענומען פון אַ גרופּע, וואָס קלייבט זיך צו באַ־זעצן אין אַ באַשטימטער געגנט אָדער לאַנד. אין דעם זינען איז ארץ ישראל דער בולטסטער ביישפּיל אין דער אידישער געשיכטע.[5] אויך אַ פיל קלענערן מאָסשטאַב און אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדן געהערט בירא־בידזשאַן אויך צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. דאָך ווערן מערסטנס אַלע פאַרזוכן צו קאָלאָ־ניזירן אידן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט באַגרענעצט צו אַגריקולטורעלער באַזעצונג.

[5] זע אָבטיילונג זעקס.

קאָמפּאַקטע אַגריקולטורעלע באַזעצונג איז געשטיצט געוואָרן פֿון דער צאַרישער רעגירונג נאָך אין 1804. די אידן, וועלכע זיינען פֿון דער רוסישער רעגירונג באַרויבט געוואָרן פֿון זייער קוואַל פֿון חיונה — דער פֿאַרקויף פֿון אַלקאָהאָלישע געטראַנקען — זיינען דערמוטיקט געוואָרן צו נעמען זיך צו ערד־אַרבעט. אַזוי אַרום זיינען אין יענער צייט אויסגעוואַקסן גרויסע אידישע אַגריקולטורעלע ישובים לעבן כערסאָן און יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער איצטיקער מלחמה, ביז יענער צייט האָט די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון יענע אידישע ישובים דערגרייכט ביז 40 טויזנט נפֿשות.

אין 1924, האָט די סאָוועט־רעגירונג אָנגעהויבן צו דערמוטיקן אַ מאַסן־באַזעצונג פֿון אידן אויף לאַנד אין אוקראַינע און אין קרים. מיט דער צייט זיינען דאָרטן אויסגעוואַקסן פֿינף נאַציאָנאַלע געגנטן מיט אַ אידישער באַפֿעלקערונג פֿון 60 טויזנט נפֿשות. די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן אויך באַקומען פֿינאַנציעלע שטיצע פֿון דער „איקאַ", „דזשאָינט", „אַגראָ־דזשאָינט" און פֿון דער „אַמעריקען רעליעף אַדמיניסטריישאָן".

בירָאָ־בידזשאַן, אַ געגנט אין ווייט־מזרחדיקער סיביר, איז דערקלערט געוואָרן פֿון דער סאָוועט־רעגירונג אַלס אַ טעריטאָריעלער צענטער פֿאַר אידישע קאָלאָניזאַציע. אין 1928, ווען בירָאָ־בידזשאַן איז דערקלערט געוואָרן אַלס אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע, איז די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג דאָרט באַשטאַנען פֿון 33 טויזנט נפֿשות. אין די ערשטע פֿינף יאָר פֿון קאָלאָניזאַציע זיינען 19,635 אידן געקומען קיין בירָאָ־בידזשאַן פֿון פֿאַרשיידענע טיילן פֿון מערב־ און צענטראַל־רוסלאַנד. אָבער בלויז 8,185 (41.6 פּראָצענט) פֿון זיי זיינען פֿאַרבליבן אין בירָאָ־בידזשאַן. די איבעריקע האָבן זיך צוריקגעקערט אַהין, פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען.

די סאָוועט־רעגירונג האָט אויסגעגעבן גרויסע סומען געלט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון בירָאָ־בידזשאַן און האָט זיך באַמיט צו דערמוטיקן נאָך מער אידן צו באַזעצן זיך דאָרטן. איין מאָל האָט די סאָוועט־רעגירונג אַפֿילו געלאָזט וויסן, אַז טויזנט אידישע פֿאַמיליעס פֿון פּוילן וועט דערלויבט ווערן צו באַזעצן זיך אין בירָאָ־בידזשאַן, אָבער אַזאַ דערלויבעניש איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. אין 1938, ווען די טעריטאָריע איז דערקלערט געוואָרן אַלס „אַדמיניסטראַטיווער איינס" פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָבן דאָרטן שוין געוואוינט העכער 20 טויזנט אידן, וואָס האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט איין זעקסטל פֿון דער גאַנצער אָרטיקער באַפֿעלקערונג.[6] פֿון זיי האָבן 2,000 אידן געלעבט אויף ערד און די איבעריקע האָבן געוואוינט אין די שטעט.[7]

---

[6] „דאָס סאָוועטישע אידנטום" פֿון יעקב לעשטשינסקי, אַרויסגעגעבן פֿון פּועלי ציון־צעירי ציון, ניו־יאָרק 1941, זז' 220—243.

[7] רופּין, ז' 173.

אין 1940 האָט מען אָנגעהויבן דורכפירן אַ פּראָיעקט צו באַזעצן אידישע, ווי אויך ניט־אידישע פליכטלינגע אין סאָסוּאַ, אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק פון דרום־אַמעריקע. די „דאָמיניקען רעפּאָבליק סעטלמענט אַסאָסיאיישאָן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר דער דורכפירונג פון אָט־דעם פּראָיעקט, האָט ביז איצט באַוויזן צו באַזעצן אויף ערד 600 מענטשן אין סאָסוּאַ. אַ שטח פון 26 טויזנט אַקער לאַנד איז באַשטימט געוואָרן פון דעם פּרעזידענט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק. פינאַנציעלע שטיצע איז צוגעשטעלט געוואָרן פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט". כאָטש דער פּראָיעקט איז פאַר אידן און ניט־אידן, זיינען די מערסטע „סעטלערס", וואָס זיינען ביז איצט דאָרט באַזעצט געוואָרן, אידן.

## 2. צעשפּרייטע באַזעצונג.

אין לויף פון לעצטן יאָרהונדערט זיינען אידן באַזעצט געוואָרן אויף ערד אין קליינע גרופּעס און אַלס אינדיווידועלע פאַרמערס אין פיל טיילן פון דער וועלט. כאָטש זיי האָבן געוואוינט אויפן לאַנד, האָבן די דאָזיקע „סעטלערס" נישט שטענדיק באַאַרבעט די ערד. אייניקע פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קולטיווירן אַגראַרישע ביי־פּראָדוקטן, אָדער קאָמבינירן אַגריקולטור געמישט מיט שטאָטישע אונטערנעמונגען.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך די דאָזיקע פאַרשיידענע טיפּן פון אידישע פאַרמער איבערן גאַנצן לאַנד. זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ באַפעל־קערונג פון אַ 100 טויזנט פאַרשוין. די מערהייט פון זיי זיינען פון דעם האַלב־שטאָטישן טיפּ.

אַ צווייטע קאָמפּאַקטע אַגריקולטורעלע באַזעצונג פון אידן אויף ערד איז אָנגעהויבן געוואָרן אין אַרגענטינע נאָך אין 1881 דורך באַראָן מאָריס דע הירש פון פּאַריז. באַראָן הירש האָט געהאָפט אַריבערצופירן דריי מיליאָן אידן פון רוסלאַנד קיין אַרגענטינע. דער פאָנד, וואָס ער האָט באַשאַפן פאַר דעם דאָזיקן צוועק און וואָס איז פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך דער „אידישער קאָלאָניזאַ־ציע־אַסאָציאַציע" („איקאַ"), האָט ביז 1935 באַוויזן צו באַזעצן אַרום 15,000 אידן אויף ערד אין אַרגענטינע. די דאָזיקע אונטערנעמונג האָט געעפנט אַ וועג פאַר אַ פערטל מיליאָן ניט־אַגריקולטורעלע אידישע אימיגראַנטן אַריינ־צוקומען קיין אַרגענטינע. דער פאָנד פון באַראָן הירש האָט אויך געשטיצט אַגריקולטורעלע באַזעצונג פון אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנ־דערע לענדער.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָפּגעזען פון די נאָענטע „סעטלמענטס" אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פון אוקראַינע, קרים און בירא־בידזשאַן, זיינען אידן אויך באַזעצט געוואָרן אויף ערד אין די דאָרפישע געגנטן פון דער סאָוועטישער

ווייס־רוסלאַנד.[8] אַנדערע אידישע „סעטלערס" געפינען זיך אין קאַווקאַז, אין אוזערקיסטאַן און אין אַנדערע געגנטן, וואו זיי לעבן דורכאויס, אָדער טיילווייז פון ערד־אַרבעט. פאַר דער איצטיקער מלחמה זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען 200 טויזנט אידן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אַגריקולטור־אַרבעט.

אַ באַדייטנדע צאָל אידישע פאַרמערס — אַרום 50,000 — האָבן זיך גע־פונען פאַר דער מלחמה (1938) אין פוילן. אין רומעניע זיינען געווען 30 טויזנט אידישע פאַרמערס, אין קאַרפּאַטישער אוקראַינע און אין סלאָוואַקיע — אַרום 20 טויזנט. אין ליטע — 15 טויזנט. לאַטוויא האָט פאַרמאַגט 1,000 אידן אויף פאַרמס. אַ צאָל אידישע פאַרמערס געפינען זיך אין קאַנאַדע און אין דרום־אַפריקע — אַן ערך 4,000 און אַרום 500 אין בראַזיל.[9]

## 3. קאָלאָניזאַציע־פּלענער.

אידישע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען קענען איינגעטיילט ווערן אין דריי קאַטעגאָריעס:

1. אַזעלכע, וואָס ווערן געשטיצט פון דער מלוכה, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד;
2. פילאַנטראָפּישע, ווי למשל, די פּראָיעקטן פון באַראָן הירש אין אַרגענ־טינע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן;
3. אַזעלכע, וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון אַ מאַסן־באַוועגונג, ווי די קאָ־לאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

אין לויף פון מער ווי אַ יאָרהונדערט זיינען געבוירן געוואָרן אומצייליקע פּלענער צו קאָלאָניזירן אידן אין קאָמפּאַקטע מאַסן כמעט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. אָנהויבנדיק מיט מרדכי עמנואל נח'ס פּלאַן צו שאַפן אַ אידישע אויטאָנאָמע „סעטלמענט" אויף גרענד איילענד, לעבן באַפאַלאָ, נ. י. אין 1825, האָט מען זיך שוין געקליבן צו באַזעצן אידן אין אוגאַנדע, טאַנגאַניאַיקע, קעניאַ, מאַדאַגאַסקאַר, דרום־קאַליפאָרניע, אַלאַסקאַ, אַנגאָלאַ, בריטיש גוויאַנאַ און אין אַנדערע ערטער.

אייניקע פון די דאָזיקע פּראָיעקטן זיינען פאַרגעשלאָגן געוואָרן פון ניט־אידן, אַנדערע זיינען געשטיצט געוואָרן פון אידישע אַגענטורן, טעריטאָריאַליס־טישע גרופּעס און פון יחידים. לעצטנס האָט מען גענומען רעדן וועגן אויסט־ראַליע, אַרגענטינע און בראַזיל אַלס מעגלעכע צענטערס פון אידישער קאָלאָ־ניזאַציע. אין אויסטראַליע באַציען זיך סיי די רעגירונג, סיי די באַפעלקערונג

[8] רופּין, ז' 173. די דאָזיקע „סעטלמענטס" אין אוקראַינע, קרים און ווייס־רוסלאַנד זיינען פאַרניכטעט געוואָרן פון די נאַציישע אַריינדרינגער.

זייער גינסטיק צו אַזאַ קאָלאָניזאַציע-פּראָיעקט אין קימבערלי, וואָס איז פאָר-געשלאָגן געוואָרן פון ד״ר י. נ. שטיינבערגס „פרייַלאַנד-ליגע״.

## ג. אויסזיכטן פאַר אימיגראַציע קאָלאָניזאַציע

### 1. עמיגראַציע-ריכטונגען נאָכן קריג

פּראָבלעם איינס: אויב מען קען אורטיילן פון די דערפאַרונגען פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, וועלן די פעלקער פון אייראָפּע זיכער עמיגרירן אין די לענדער מעבר לים נאָך דער איצטיקער מלחמה. דער דאָזיקער דראַנג צו עמיגרירן וועט זיין פיל שטאַרקער צווישן די אידן. עס דאַרפן אָנגענומען ווערן מיטלען צו פאַרמיידן, אַז דאָס זאָל נישט ווערן קיין געצוואונגענע באַוועגונג. די צוריק-באַזעצונג און די רעקאָנסטרוקציע פון די אייראָפּעאישע אידן אויף די ערטער, וואו זיי האָבן פריער געוואוינט, ווערט באַטראַכט אַלס אַ זאַך פון דער גרעסטער וויכטיקייט, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן און אַנאַליזירט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון דעם איבערזיכט (אָפּטיילונג צוויי און פיר). אָבער אויך אַזוי פיל, וויפיל די עמיגראַציע וועט זיין אַ פרייוויליקע, וועט מען איר דאַרפן געבן אַ ריכטונג און פלאַנירטע הילף.

פּראָבלעם צוויי: געוויסע לענדער, פון וועלכע אידן וועלן וועלן אַרויספאָרן, וועלן אפשר נישט דערלויבן קיין עמיגראַציע. אַזוי אַרום וועלן פיל מענטשן זיין געצוואונגען זיך צוצופּאַסן צו געוויסע באַדינגונגען, וואָס זיינען אין קאָנטראַסט מיט זייערע לעבנס-געוואוינהייטן, אָדער מיט זייערע סאָציאַלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע איבערצייגונגען. אין פיל פאַלן וועלן משפחות צעריסן ווערן.

פּראָבלעם דריי: אין די לעצטע 20 יאָר זיינען פיל קלענער געוואָרן די מעגלעכקייטן פאַר אימיגראַציע. אַזוינע לענדער, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און אנדערע דרום- און צענטראַל-אַמעריקאַנישע לענדער, וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט אַריינגענומען מיליאָנען אימיגראַנטן, פאַרמאָגן איצט אַ שטאַרק-באַגרענעצטע אימיגראַציע. אין דער וועלט, וואָס וועט קומען נאָך דער איצטיקער מלחמה, וועלן וואַנדערונגען פון באַפעלקערונגען אַן צווייפל ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם, וואָס וועט געלייזט ווערן בלויז דורך די פאַראייניקטע באַמיאונגען פון אַלע פעלקער. אַ רעוויזיע פון די איצט-עקזיסטירנדיקע אימיגראַציע-געזעצן און אַ פאַרלייכטערונג אין דעם אופן, ווי אַזוי זיי ווערן דורכגעפירט, וועט נייטיק זיין אין אַ צאָל לענדער, כדי צו געבן די וואַנדערער אַ געלעגנהייט צו קריגן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

די אומפּראָפּאָרציאָנעלע געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין פאַר-שיידענע טיילן פון דער וועלט וועט מוזן גענומען ווערן אין אַכט, כדי צו לייזן

די דאָזיקע פראַגע אויף אַ יושרדיקן אופן. נאָכמער, פון נאַציאָנאַלע און אינ־טערנאַציאָנאַלע קוואַלן וועט מוזן קומען פינאַנציעלע שטיצע און אָנפירונג פאַר די דאָזיקע אימיגראַנטן.

פאָרשלאַג איינס: אויף וויפיל אַ פרייוויליקע עמיגראַציע־באַוועגונג וועט זיך ־ אַנטוויקלען אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט נאָך דער איצטיקער מלחמה, ווערט פאָרגעשלאָגן, אַז דאָס רעכט צו עמיגרירן, אַן אַ פערזענלעכן שאָדן, זאָל גאַראַנטירט ווערן דורך נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע מלוכה־באַ־אַמטע צו יעדן איינעם, וואָס וועט וועלן פאַרלאָזן אַ געוויס לאַנד; אַז די זעלבע מלוכה־באַאַמטע זאָלן מעגלעך־מאַכן פאַר אַזעלכע עמיגראַנטן צו געפינען געגנטן און לענדער פאַר אימיגראַציע, וואָס וועלן זיין אָפן פאַר זיי אונטער פאַסנדיקע באַדינגונגען.

פאָרשלאַג צוויי: אַז די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע מלוכה־באַ־אַמטע זאָלן שאַפן אַזעלכע מיטלען און רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן נישט דערלאָזן, אַז ווען עס איז מלוכה זאָל צווינגען צו עמיגרירן אַזעלכע יחידים, אָדער גרופּעס, וואָס זיינען עטאַבלירטע איינוואוינער פון יענער מלוכה.

פאָרשלאַג דריי: אַז עס זאָלן איינגעשטעלט ווערן נאַציאָנאַלע און אינ־טערנאַציאָנאַלע אַגענטן צו געבן פינאַנציעלע הילף און אָנפירונג צו אימיגראַנטן; אַז אַ אידישער פאָרטרעטערשאַפט זאָל געגעבן ווערן אַ געהעריק פּלאַץ אין די קאָנסולס פון אַזעלכע אַגענטורן, כדי זי זאָל קענען דינען די ספּעציפישע נויטן פון אידישע אימיגראַנטן.

די „אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע אידן" פאָדערט „אַ פרייען צוטריט פון אידן אין אַלע לענדער פון אימיגראַציע, באַזונדערס אין יענע געגנטן, וואו עס זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן פאַר קאָנצענטרירטע אידישע סעטלמענטס".

די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" דערקלערט: „אין פאַל די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין די לענדער, וואָס האָבן געליטן פון קריג, וועלן נויטיק מאַכן, אַז זייערע בירגער זאָלן דאַרפן עמיגרירן פון דאָרטן, פאָדערן מיר פון די, וואָס וועלן שאַפן די באַדינגונגען פון שלום, אַז זיי זאָלן אויך שאַפן אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל אונטער אינטערנאַציאָנאַלער אויפזיכט דערלייכטערן די פרייוויליקע באַזעצונג פון אימיגראַנטן אין אַנדערע לענדער אונטער די גינסטיקסטע באַ־דינגונגען".

דער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס" פאָדערט „מעגלעכקייטן פאַר עמיגראַציע און באַזעצונג אין אַנדערע לענדער פאַר אידן, וואָס קענען ניט, אָדער וואָס ווילן ניט צוריקקערן זיך אין זייערע פריערדיקע היימלענדער". די דאָזיקע פאָדערונג ווערט אויך געשטיצט פון דעם „פּראָגרעסיוון אָרדן פון דער וועסט".

„אינדעפּענדענט אָרדער ברית־אברהם" רופט „די דעמאָקראַטישע פעל־

קער פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן עפענען זייערע טירן פאַר אַ גרעסערער אידי־שער עמיגראַציע״.

„בני־ברית״ איז „קעגן יעדער פאָרם פון געצוואונגענער אידישער עמי־גראַציע, אָבער איז פאַר פרייוויליקער, פלאַנירטער באַזעצונג אונטער דער פירערשאַפט פון אַ צענטראַליזירטער אַגענטור פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואו די אידישע אינטערעסן זאָלן רעפּרעזענטירט ווערן אויף אַ געהעריקן אופן... אַ צענטראַלע אַגענטור פון די פאַראייניקטע פעלקער זאָל געשאַפן ווערן מיטן צוועק צו פינאַנסירן אַ פלאַנירטע, פרייוויליקע עמיגראַציע־ און קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג און די נויטיקע מיטלען זאָל מען באַקומען פון רע־פּאַראַציעס״.

דער „אידישער אַרבעטער קאָמיטעט״ דערקלערט: „מיר זיינען אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן די אידן פאַרבלייבן אין די לענדער, וואו זיי האָבן געלעבט יאָרהונדערטער און וואו זיי האָבן געשאַפן זייער גאַנצע מאָדערנע געשיכטע. מיר זיינען פונקט אַזוי איבערצייגט, אַז מאַסן־אימיגראַציע קען נישט לייזן די אידישע פראַגע. מיר ווייזן קאַטעגאָריש צוריק אַלע פּראָיעקטן פאַר אַ געצוואונגענער אידישער עמיגראַציע, אָדער עוואַקואַציע. מיר שטייען פעסט ביים פרינציפ, אַז יעדע לאַנד געהערט צו די מענטשן, וואָס באַוואוי־נען עס״.

## 2. פּלענער פאַר נייער קאָלאָניזאַציע

פּראָבלעם: פאַרזוכן זיינען אין דער פאַרגאַנגענהייט געמאַכט געוואָרן פון אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס און אַגענטורן צו עפענען געגנטן אויסער ארץ ישראל פאַר אַ אידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע. זאָלן אַזעלכע פאַרזוכן באַנייט ווערן נאָך דער מלחמה? די ווערטפולקייט פון יעדן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן בנוגע די פאַסנדע באַגרענעצונגען פון אַ פאָרגעשלאָגענער געגנט קען אויסגעפאָרשט ווערן פון עקספּערטן אויף דעם דאָזיקן געביט. אָבער אַחוץ דער ווערטפולקייט, וועט יעדער פאָרגעשלאָגענער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן מוזן דורכגיין די פּראָבע, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן בנוגע די פאַרגאַנגענע אונטערנעמונגען. יעדער פּלאַן וועט דאַרפן ענטפערן אויף די פאָלגדיקע פראַגן: איז ער באַזירט אויף דער פרייוויליקייט און טרייבקראַפט פון אַ מאַסן־באַוועגונג? קען ער קריגן די הסכמה און דירעקטע שטיצע מצד די פאַראינטערעסירטע מלוכות? און קען ער קריגן די פינאַנציעלע הילף פון די געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע פאָנדן?

די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן צונויף די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפע־רענץ האָבן נאָך נישט אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען וועגן אָט־דער פּראָבלעם.

# אָפּטיילונג זעקס

# ארץ־ישראל

## א. היסטאָרישער הינטערגרונט און איצטיקער סטאַטוס

1. היסטאָרישע פֿאַרבינדונג.
2. אינטערנאַציאָנאַלע אנערקענונג פֿון אידישע רעכט.
3. אַנטוויקלונג פֿון ישוב.
4. צענטער פֿון אידישער אימיגראַציע.
5. אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון ארץ ישראל.
6. אידיש־אַראַבישע באַציאונגען.
7. אידישע רעפּרעזענטאַנץ.

## ב. פֿאַרשיידענע קאָנצעפּציעס וועגן דער ראָלע פֿון א״י אין אידישן לעבן.

1. אָפּיציעלע ציוניסטישע מיינונגען.
2. מיינונגען פֿון אַנדערע אָרגאַניזירטע אידישע קערפּערשאַפֿטן.
3. קעגנער פֿון ציוניזם.

## ג. די באַפֿרידיקונג פֿון אידישן רעכט

1. אימיגראַציע־רעכט.
2. לאַנד־קויף און מלוכה־באַווילינגונגען.
3. עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און אידישע קאָלאָניזאַציע.
4. מאַיאָריטעט־סטאַטוס פֿון די אידן אין ארץ ישראל.
5. עבר הירדן.
6. אידישע אַרמיי.

## ד. דער צוקונפֿטיקער פּאָליטישער סטאַטוס פֿון ארץ־ישראל.

1. דער אידישער סטאַטוס.
2. דער מאַנדאַט און אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס.

## ה. אידיש־אַראַבישע באַציאונגען אין ארץ ישראל און אין נאָענטן מזרח.

1. דאָס אָרט פֿון די אַראַבער אין ארץ ישראל.
2. באַציאונגען מיט אַראַבישע שטאַטן אין נאָענטן מזרח.

## אָפּטיילונג זעקס

# ארץ־ישראל

## א. היסטאָרישער הינטערגרונט און איצטיקער סטאַטוס

### 1. היסטאָרישע פֿאַרבינדונג.

די אידישע היסטאָרישע פֿאַרבינדונג מיט ארץ ישראל הויבט זיך אָן מיט 3.700 יאָר צוריק ווען אברהם אָבינו איז צום ערשטן מאָל געקומען אין לאַנד כנען, וואָס האָט דערנאָך באַקומען דעם נאָמען ארץ ישראל. לויט דער אידישער, מאַכמעדאַנישער און קריסטלעכער טראַדיציע איז כנען דורך גאָט צוגעזאָגט געוואָרן אברהמען און זיינע אָפּשטאַמער. יאָרהונדערטער שפּעטער זיינען די אידישע אמונה און דאָס אידישע פֿאָלק געבוירן און געגערט געוואָרן אין ארץ ישראל, וואו זיי האָבן אין דער צייט פֿון צווייטן בית המקדש דערגרייכט צו רייפֿקייט און אוניווערסאַלער הויך. אין משך פֿון דורות, אַפֿילו אין די פֿינצטערסטע תּקופֿות פֿון די „צלם־טרעגערס", בעת די מלחמות פֿון מיטלעלטער און אין די מאָדערנע צייטן האָבן די אידן קיינמאָל ניט אינגאַנצן פֿאַרלאָזט די ערד פֿון ארץ ישראל. אויף זייערע וואַנדערונגען איבער די לענדער פֿון דער וועלט האָבן זיי געקראָגן גייסטיקע אינספּיראַציע — דורך תּפֿילות, רעליגיעזע אידעאַלן, יום־טובים, מצוות און מנהגים — פֿון די נביאים און חכמים פֿון ארץ ישראל. די בענקשאַפֿט זיך צוריקצוקערן צום אַלטן היימלאַנד איז געווען אַ שטענדיקער באַשטאַנדטייל פֿון אַלע אידישע אינספּיראַציעס אין זייער טראַדיציאָנעלער פֿאָרם.

אין דער מאָדערנער צייט איז די אידישע ווידער־באַזעצונג פֿון ארץ ישראל (וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1878), — הגם זי איז געטריבן געוואָרן פֿון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע נויטן — אויך מאָטיווירט געוואָרן דורך דער אור־אַלטער צוגעבונדנקייט פֿון פֿאָלק צום לאַנד.

### 2. אינטערנאַציאָנאַלע אנערקענונג פֿון אידישע רעכט

די היסטאָרישע פֿאַרבינדונג פֿון אידישן פֿאָלק מיט ארץ ישראל און זייער רעכט ווידער אויפֿצובויען זייער נאַציאָנאַלע היים אין דעם דאָזיקן לאַנד, זיינען געזעצלעך אָנערקענט געוואָרן דורך די באַלפֿור־דעקלאַראַציע (1917), און דורכן ארץ ישראל־מאַנדאַט, וואָס איז נאָכן ערשטן וועלטקריג באַשטעטיקט

געוואָרן פֿון 52 מלוכות פֿון דער וועלט, אַריינגערעכנט די פֿאַראייניקטע שטאַטן. נאָכדעם ווי ארץ ישראל איז אין 1918 איינגענומען געוואָרן דורך לאָרד אַלענבי (און דער אידישער לעגיאָן האָט זיך אין דעם באַטייליקט), און נאָך אַ קורצן פּעריאָד פֿון אַ מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, האָט גרויס־בריטאַניע אין 1922 איבערגענומען פֿון פֿעלקער־בונד דעם מאַנדאַט. אין ארץ ישראל איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ציווילע אַדמיניסטראַציע, מיט אַ הויך־קאָמיסאַר און אַ שטאַב פֿון ענגלישע באַאַמטע. די מאַנדאַטן־מאַכט, אַלס אַן אַפּוטרופּוס (טראַסטי) פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג פֿון א״י, איז אונטערגעוואָרפֿן דער השגחה פֿון דער פּערמאַנענטער מאַנדאַטן־קאָמיסיע ביים פֿעלקער־בונד.

די באַדינגונגען פֿון מאַנדאַט האָבן פֿאַרפֿליכטעט די אַדמיניסטראַציע מעגלעך צו מאַכן דעם אויפֿבוי פֿון אַ אידיש־נאַציאָנאַלער היים אין דעם דאָזיקן לאַנד. אין משך פֿון די שפּעטערדיקע געשעענישן האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויסגע־געבן עטלעכע אָפֿיציעלע דערקלערונגען, באַקאַנט אַלס „ווייסע פּאַפּירן״, אין וועלכע זי האָט אַרויסגעבראַכט אירע מיינונגען און שטעלונגען בנוגע דער דורכפֿירונג פֿון מאַנדאַט. דאָס ערשטע „ווייסע פּאַפּיר״,* וואָס איז אַרויסגע־געבן געוואָרן דעם 3טן יוני, 1922, נאָך איידער דער מאַנדאַט איז ראַטיפֿיצירט געוואָרן, האָט דערקלערט, אַז „די באַדינגונגען פֿון דער [באַלפֿור־] דעקלאַ־ראַציע זענען ניט פֿאַר, אַז גאַנץ פּאַלעסטינע זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אידיש־נאַציאָנאַלער היים, נאָר אַז אַזאַ היים זאָל געגרינדעט ווערן אין פּאַלעס־טינע. אין דער זעלבער צייט האָט דאָס זעלבע ווייסע פּאַפּיר דערקלערט, אַז דער אידישער קיבוץ אין א״י „זאָל וויסן, אַז ער איז אין פּאַלעסטינע ווייל ער האָט דאָס רעכט דערצו, ניט ווייל ער ווערט געדולדעט, און דאָס איז די סיבה פֿאַרוואָס ס׳איז נויטיק, אַז די עקזיסטענץ פֿון אַ אידיש־נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע זאָל זיין אינטערנאַציאָנאַל גאַראַנטירט און פֿאָרמעל אָנערקענט, אַז דאָס איז באַזירט אויפֿן יסוד פֿון היסטאָרישער פֿאַרבינדונג.״* וואָס איז נוגע אידישער איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל, האָט דאָס ווייסע פּאַפּיר ווייטער אָנגעוויזן, אַז „די דאָזיקע אימיגראַציע קען ניט אין אַ מאָס, וואָס איז גרע־סער פֿון דער עקאָנאָמישער מעגלעכקייט פֿון לאַנד אין דער באַטרעפֿנדיקער צייט אַריינצונעמען די ערשט־געקומענע״.

בעת עס זיינען אָנגעגאַנגען די אונטערהאַנדלונגען וועגן אויסאַרבעטן דעם מאַנדאַט, האָט די ענגלישע רעגירונג באַשלאָסן, אַז עבר הירדן („די טערי־טאָריע, וואָס געפֿינט זיך צווישן ירדן און דער מזרח־גרענעץ פֿון פּאַלעסטינע״) זאָל ניט אַריינגערעכנט ווערן אין די ראַמען פֿון דער אידיש־נאַציאָנאַלער היים.

---

* באַקאַנט ווי „טשורטשילס ווייסע פּאַפּיר״, ווייל עס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך ווינסטאָן טשורטשיל, וועלכער איז דעמאָלט געווען ענגלאַנדס קאָלאָניאַל־מיניסטער.

* בלויז אין די אויסצוגן פֿון אָפֿיציעלע דאָקומענטן נוצן מיר אין דער אידישער איבערזעצונג אויך דעם אָפֿיציעלן נאָמען „פּאַלעסטינע״.

אַרטיקל 5 פֿון מאַנדאַט האָט באַפֿולמעכטיקט דעם „מאַנדאַט־באַזיצער . . . אָפּ־צולייגן אָדער זיך צוריקהאַלטן פֿון אָנווענדן וועלכע עס איז באַוואָרעניש, אויב די מאַנדאַט־מאַכט האַלט, אַז דאָס איז ניט אָנווענדבאַר צו די לאָקאַלע עקזיס־טירנדיקע באַדינגונגען. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז אידישע אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון עבר הירדן.

נאָך די אַראַבישע אומרוען אין 1929, האָט די בריטישע רעגירונג געשיקט קיין ארץ ישראל אַ קאָמיסיע (באַקאַנט אַלס „שאָ־קאָמישאָן") צו אונטערזוכן די אָרטיקע באַדינגונגען. אויף דער קאָמיסיעס רעקאָמענדאַציע האָט די רע־גירונג אַרויסגעגעבן דעם פּאַספּיעלד ווייס־פּאַפּיר (אין אָקטאָבער, 1930), אין וועלכן ס'איז דערקלערט געוואָרן, אַז ס'איז מער ניט פֿאַראַן קיין ערד פֿאַר ווייטערדיקער אידישער קאָלאָניזאַציע. דאָס דאָזיקע ווייס פּאַפּיר האָט אויך געוואָלט רעגולירן די אידישע איינוואַנדערונג ניט בלויז אויפֿן יסוד פֿון דער עקאָנאָמישער אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון לאַנד, נאָר אויך זיך רעכענען מיט דעם צושטאַנד פֿון דער אַראַבישער און אידישער אַרבעטסלאָזיקייט אין וועלכער עס איז צייט.

די דאָזיקע פֿאָרמולירונג (דער פּאַספּיעלד ווייס פּאַפּיר) האָט אַרויסגערופֿן דעם שאַרפֿסטן פּראָטעסט פֿון דער אידישער און ניט־אידישער עפֿנטלעכער מיינונג. שפּעטער האָט רעמסעי מאַקדאָנאַלד, דעמאָלט בריטישער פּרעמיער־מיניסטער, געשיקט אַן עפֿנטלעכן בריוו צו חיים וויצמאַנען (פֿעברואַר, 1931), און אין דעם בריוו האָט ער ווידער באַטאָנט די כּונה פֿון זיין רעגירונג צו דער־פֿילן די פֿאַרפֿליכטונג, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען דורכן מאַנדאַט. ער האָט ווייטער פֿאַרזיכערט, אַז עס וועט ניט זיין קיין פֿאַרבאָט אויף לאַנד־קויף און אַז די אידישע אימיגראַציע וועט פֿאָרטגעזעצט ווערן אויפֿן באַזיס פֿון דער עקאָנאָמישער אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון לאַנד.

די סאַמע לעצטע אָפֿיציעלע דערקלערונג פֿון דער מאַנדאַטן־רעגירונג בנוגע ארץ ישראל איז באַקאַנט אַלס מאַקדאָנאַלד ווייס פּאַפּיר פֿון 17טן מאַי, 1929.* דאָס איז געווען צום סוף פֿון אַ דריי־יאָר פּעריאָדע פֿון אַראַבישע אומרוען און אין שאָטן פֿון אָנקומענדיקן צווייטן וועלט־קריג. דאָס ווייסע פּאַ־פּיר האָט באַגרענעצט די אידישע איינוואַנדערונג אויף 10 טויזנט אַ יאָר פֿאַר די קומענדיקע פֿינף יאָר. נעמענדיק אין באַטראַכט די ליידן פֿון די אידישע פֿליכטלינגע, זיינען צוגעגעבן געוואָרן ווי אַ „באָנוס" נאָך 25 טויזנט איינוואַנ־דערער. נאָך מערץ 1944 האָט די אידישע איינוואַנדערונג געדאַרפֿט אינגאַנצן אויפֿהערן „סיידן די אַראַבער אין פּאַלעסטינע וועלן זיין גרייט איינצוגיין" אויף אַ ווייטערדיקער אימיגראַציע.

---

*) מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, זון פֿון פֿאַרשטאָרבענעם פּרעמיער ראַמסעי מאַקדאָנאַלד, איז דעמאָלט געווען קאָלאָניאַל־מיניסטער.

דאָס פּאַפּיר האָט אויך געגעבן דעם הויך־קאָמיסאַר „אַלגעמיינע פולמאַכטן צו פאַרבאָטן און רעגולירן דאָס טראַנספּערירן פון ערד" און באַשטימט, אַז נאָך צען יאָר זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַן אומאָפּהענגיקע רעגירונג דורך דער מערהייט אין ארץ ישראל. בעת דאָס פּאַפּיר האָט געלויבט די אידישע דער־גרייכונגען אין ארץ ישראל, איז געגעבן געוואָרן די אָנדייטונג, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט דערפילט אירע פאַרפליכטונגען אונטערן מאַנדאַט.

אַ מעכטיקער פּראָטעסט קעגן ווייסן פּאַפּיר פון 1939 איז געקומען ניט בלויז פון די אידן איבער דער וועלט, נאָר אויך פון דער ניט־אידישער עפנט־לעכער מיינונג און שטאַטס־לייט, אַריינגערעכנט מיטגלידער פון ענגלישן פּאַרלאַמענט און פון יונייטעד סטעיטס קאָנגרעס. אין יוני, 1939, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל דערקלערט אין פּאַרלאַמענט:

„אין דעם ווייסן פּאַפּיר איז פאַראַן אַ סך, וואָס איז פרעמד דעם גייסט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע... איך פּערזענלעך וואָלט זיך פילן פאַר־שעמט אויפן שאַרפסטן אופן אויב איך זאָל זיין אַ שותף, דורך שוויגן אָדער גאָרניט טאָן, צו עפּעס וואָס איך מוז באַטראַכטן אַלס אַ האַנדלונג פון אָפּזאָגן זיך פון אַ פאַרפליכטונג".

דער פעלקער־בונד, וועמעס הסכמה איז נייטיק געווען לויט די פאַרשריפטן פון מאַנדאַט, האָט ניט באַשטעטיקט דאָס ווייסע פּאַפּיר פון 1939. די מאַנ־דאַטן־קאָמיסיע פון פעלקער־בונד האָט נאָכן באַטראַכטן דאָס ווייסע פּאַפּיר און נאָכן אויסהערן מאַקדאָנאַלדס פאַרטיידיגונג פון דעם דאָקומענט, איינשטי־מיק באַשלאָסן, אַז דאָס באַגרענעצן די אידישע אימיגראַציע און דעם לאַנד־קויף „איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער אויסטייטשונג, וואָס די קאָמיסיע האָט שטענדיק געגעבן דעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט".

די אידישע אַגענטור פאַר ארץ ישראל האָט געפאָדערט, אַז דאָס ווייסע פּאַפּיר זאָל בטל געמאַכט ווערן, ווייל עס איז אַן אומלעגאַלע אָפּשאַפונג פון אידישע רעכט. די לעגאַלע רעכט פון די אידן אין ארץ ישראל, האַלט די אַגענטור, קומען אַלע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פון ארץ ישראל מאַנדאַט, אין איינקלאַנג מיטן אָריגינעלן ציל און אמתן צוועק פון די דאָזיקע דאָקומענטן.

## 3. אַנטוויקלונג פון ישוב.

דאָס אידישע רעכט אויף ארץ ישראל איז אַ רעזולטאַט ניט בלויז פון היסטאָרישע פאַרבינדונגען מיטן לאַנד און פון לעגאַלן סטאַטוס, וואָס איז געגעבן דורך די נאַציעס פון דער וועלט, נאָר אויך פון דער ענערגיע, אַרבעט און אונטערנעמונג־גייסט, וואָס דאָס אידנטום האָט אַריינגעלייגט כדי צו אַנט־וויקלען דאָס לאַנד. די אידישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן פון 55 טויזנט (אָדער 9,7 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג) ביים סוף פון פריער־

דיקן וועלט־קריג, צו איבער 550 טויזנט (אָדער 33 פּראָצ.) אין 1942. איבער 25 פּראָצענט פֿון אידישן ישוב איז אין 276 דאָרפֿישע ישובים (קאָאָפּעראַטיווע און פּריוואַטע קאָלאָניעס) אויף לאַנד, וואָס איז איינגעקויפֿט געוואָרן דורכן אידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד און אַנדערע טעכנישע און פּריוואַטע אַגענטורן.

די אידישע אינדוסטריע באַשטייט פֿון אַרום 2,300 פֿאַבריקן און 4,000 קלענערע ווערקשטאַטן — פּריוואַטע און קאָאָפּעראַטיווע — וואָס פּראָדוצירן דאָס נויטיקסטע. אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פֿון לאַנד האָבן געשפּילט אַ ריזיקע ראָליע די ארץ ישראל עלעקטריציטעט קאָרפּאָראַציע און די ארץ ישראל פּאָטאַש קאָמפּאַני (די לעצטע ציט אַרויס מינעראַלן פֿון ים המלח), אויך מיט דער הילף פֿון ענגלישן און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. די אידישע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן פֿון 32,000,000 דאָלאַר אין 1937 צו 80,000,000 דאָלאַר אין 1942. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, אָר־גאַניזירט פֿון דער הסתדרות העובדים (אַלגעמיינע פֿעדעראַציע פֿון אַרבעטער) און פּריוואַטע אונטערנעמונגען, נעמען אַרום אַ דריטל פֿון דער אידישער באַ־פֿעלקערונג און זי פֿאַרנעמט זיך מיט אַלע צווייגן פֿון אינדוסטריע און אַגרי־קולטור.

אין די לעצטע צוויי יאָר צענדליק האָבן אידן אינוועסטירט 560 מיליאָן דאָלאַר אין ארץ ישראל. פֿון דעם סכום זיינען 105 מיליאָן געקומען פֿון נאַ־ציאָנאַלע און עפֿנטלעכע פֿאָנדן.

די אויפֿטוען פֿון ישוב אויף די געביטן פֿון וויסנשאַפֿט, פֿאָרשונג, טעכניק, סאָציאַלער, קולטורעלער און רעליגיעזער טעטיקייט זיינען אַן אינספּיראַציע פֿאַר אידן אומעטום. די העברעאישע שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט וואַקסן און אַנטוויקלען זיך; עס איז אָרגאַניזירט סאָציאַלע פֿאַרזאָרגונג און די מעדיצינישע אינסטיטוציעס פֿון ישוב באַדינען אידן און אַראַבער צוגלייך.

אין דער איצטיקער מלחמה האָט דער אידישער ישוב גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר די ענגלישע חיילות אין מיטל־מזרח, דורך בויען באַראַקן, צושטעלן שפּייז און אַנטוויקלען די קריג־אינדוסטריעס. אַרום 180 נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען דירעקט פֿאַרנומען מיט מלחמה־פּראָדוקציע. כאָטש אין ארץ ישראל איז ניטאָ קיין מאָביליזאַציע און מען האָט די אידן ניט דער־לויבט צו אָרגאַניזירן אַן אייגענעם מיליטערישן כּוח אין א״י, האָבן 21,000 א״י־אידן וואָלאָנטירט אין די ענגלישע קעמפֿנדיקע כּוחות אויף אַלע פֿראָנטן; 2,000 אידישע פֿרויען האָבן וואָלאָנטירט אין דער ארץ ישראלדיקער „אָקזיליערי טעריטאָריעל סורוויס". אידישע אינזשינערן, אַרכיטעקטן, מאַטראָזן, פֿליער, דאָקטוירים און נוירסעס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף די ענגלישע און אַלי־אירטע מיטלענדישע פֿראָנטן.

דער אידישער ישוב איז אָרגאַניזירט אויף אַ דעמאָקראַטישן באַזיס דורך

דער „אספת הנבחרים", וואָס אירע מיטגלידער ווערן דערוויילט דורך די מאַסן, און זיי דערוויילן דערנאָך דעם „ועד לאומי" (נאַציאָנאַל־ראַט).

## 4. צענטער פֿון אידישער אימיגראַציע.

צווישן 1933 און 1943 — אינם טראַגישסטן יאָר־צענדליק אין דער אידישער געשיכטע — האָט ארץ ישראל אַריינגענומען 280 טויזנט אידישע אימיגראַנטן, פֿאַרטאָפּלענדיק די אידישע באַפֿעלקערונג. ס'איז אַנגעוויזן געוואָרן, אַז איטלעכער איד, וואָס באַזעצט זיך אין א"י גרייט צו דעם באָדן פֿאַר אַן אַנדער איד אַריינצוקומען. די גאַנצע עקאָנאָמיק פֿון ישוב און די פּאָליסיס פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פֿון ישוב גייען אין דער ריכטונג פֿון אויסברייטערן די מעגלעכקייטן פֿאַר אידישער אימיגראַציע. זינט דעם אויסברוך פֿון איצטיקן קריג האָבן 40,000 אידישע פּליכטלינגע און אַרום 4,000 קינדער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון נאַצי־אויסראָטונג, געפֿונען אַ מקום־מקלט און שטענדיקע היים אין ארץ ישראל.

## 5. אויפֿנעם־פֿעאיקייט פֿון ארץ ישראל.

קען ארץ ישראל אויפֿנעמען אַ אידישע מאַסן־איינוואַנדערונג? עקספּערטן וואָס האָבן שטודירט די אַגריקולטורעלע, אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע מעגלעכקייטן פֿון ארץ ישראל, ווייזן אָן אויף די פֿאָלגנדיקע פֿאַקטאָרן, וואָס דאַרפֿן גענומען ווערן אין באַטראַכט:

ארץ ישראל (ניט אַריינגערעכנט עבר הירדן) האָט אַ שטח פֿון 10 טויזנט סקוועער מייל, אָדער 26,000,000 דונאַם (אַביסל גרעסער פֿון סיציליע), אַ העלפֿט איז איצט באַטראַכט פֿאַר קולטיווירבאַר. פֿון דעם קולטיווירבאַרן טייל איז איצט בלויז אַ העלפֿט באַאַרבעט און האַלט אויף אַ באַפֿעלקערונג פֿון 1,580,000 נפשות. דער אידישער ישוב, אַרום 550,000 נפשות, פֿאַרנעמט 1,457,000 דונאַם, אָדער 5,8 פּראָצ. פֿון גאַנצן לאַנד. אַ דריטל פֿון אידישן לאַנד־אייגנטום איז פֿריער געווען זומפּיקער באָדן. מען האַלט דערפֿאַר, אַז מיט גרעסערער מאָדערניזירונג און אינטענסיפֿיקאַציע פֿון פֿאַרמעריי אין קאָמפּאַקטע אידישע ישובים (באַזונדערס פֿון קאָאָפּעראַטיוון און קאָמונאַלן מין), קענען די מעגלעכקייטן פֿון אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע שטאַרק פֿאַרגרעסערט ווערן. עס איז אמת, אַז ארץ ישראל פֿאַרמאָגט ניט קיין קוילן, אייזן און אַנדערע וויכטיקע רוי־מאַטעריאַלן (אָבער דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט אַ גרויסע קוואַנטיטעט פֿון מינעראַלן). אָבער די פֿעלנדיקע און אַנדערע מאַטעריאַלן קען מען אימפּאָרטירן, און די אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן וועלן דעטערמינירט ווערן בעיקר דורך דער פֿעאיקייט, טעכנישע געאיבטקייט און אונטערנעמונג־גייסט פֿון דער באַפֿעל־

קערונג. די אידן האָבן שוין געגעבן קאָנקרעטע באַווייזן פון זייער כּוח צו בויען און אויסברייטערן די א"י־אינדוסטריע, וואָס האָט פּאַקטיש ניט עקזיסטירט איידער די אידן האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס לאַנד. אַ סך פּליכטלינגע פון נאַצי־באַהערשטע לענדער האָבן אויפּדאָסניי אַוועקגעשטעלט זייערע לאַבאָראַ־טאָריעס, פאַבריקן און אינדוסטריעס. די טעקסטיל־אינדוסטריע האָט אַ באַ־זונדערס גוטע צוקונפּט.

קאָמערץ און וואַסער־קאָמוניקאַציע, האַלט מען, וועלן זיך מער אַנטוויקלען מיטן וואוקס פון ישוב און מיטן פאָרטשריט פון די שכנישע לענדער אין נאָענטן מזרח. אין אָנהייב פון קריג זיינען נעענטערע פאַרבינדונגען איינגע־שטעלט געוואָרן ניט בלויז מיט סיריע און עגיפּטן, נאָר אויך מיט אַזעלכע ווייטע לענדער ווי דרום־אַפריקע, סינגאַפּאָר און ניי־זעעלאַנד. ארץ ישראל, וואָס ליגט אויפן קרייצוועג פון דריי קאָנטינענטן, האָט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר שיף־ און לופט־טראַנספּאָרטאַציע, און אויף די געביטן האָט דער ישוב שוין געמאַכט אַ צוזאָגנדיקן אָנהייב.

דער אונטערנעמונג־גייסט און צופּאַסונג־פעאיקייט פון אידישן איינוואַנ־דערער — וואָס זיינען די לעבעדיקע טרייבקראַפט פון דער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער מאַשין — שאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַן אויסגעברייטערטער קאָלאָניזאַציע. דאָס איז דער דינאַמישער קוק אויף דער אויפנעם־פעאיקייט פון ארץ ישראל. די אויסרעכענונגען וועגן דער אויפנעם־פעאיקייט פון לאַנד רעדן וועגן נאָך 900,000 אָדער גאָר ביז נאָך פיר מיליאָן.

## 6. אידיש־אַראַבישע באַציאונגען.

אין ארץ ישראל זיינען איצט פאַראַן איבער אַ מיליאָן אַראַבער (אַרום צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג) און די מערהייט זיינען מאָכ־מעדאַנער. אַרום 100,000 זיינען קריסטן. מאָכמעדאַנישע אַראַבער קענען איינ־געטיילט ווערן אין זעקס קלאַסן: דריי אונטערשטע און דריי אויבערשטע, און די לעצטע שטעלן מיט זיך פאָר אַ קליינע אָבער שטאַרקע מינאָריטעט. אין די אונטערשטע קלאַסן זיינען די פעלאַכן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם רוב פון דער אַראַבישער מאַסע, די בעדואינער און די לוין־אַרבעטער. זיי האָבן דורות־לאַנג געלעבט אין אומוויסנהייט, אָן עקאָנאָמישן כּוח אָדער פּאָליטישער מאַכט צו באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון געשעענישן אין לאַנד. די אויבערשטע קלאַסן נעמען אַריין די עפענדיס — די גרויסע לאַנד־באַזיצער — די מאָכ־מעדאַנישע רעליגיעזע פירערשאַפט און יענע, וואָס פּראַקטיצירן די ליבעראַלע פּראָפעסיעס אָדער זיי זיינען באַשעפטיקט ביי מלוכה־אַרבעט. צום עפענדי־קלאַס געהערן אויך די רייכע סוחרים און פּראַצענטניקעס, וועלכע אַחוץ דעם וואָס זיי נעמען אַוועק ביים פעלאַך אַ ריזיקן פאַכט־אָפּצאָל, קריגן זיי אויך אַ

גרויסן חלק פֿון זיין הכנסה אין דער פֿאָרם פֿון פּראָצענט אויף הלוואות. די קריסטלעכע אַראַבער געהערן מערסטנס צום מיטל־קלאַס, אָדער זיי זיינען באַשעפֿטיקט ביי מלוכה־דינסט.

די אידן האָבן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש מאָדערניזירט דאָס לאַנד. די עקאָנאָמישע, קולטורעלע און רעליגיעזע אונטערשיידן צווישן אידן און אַראַבער וואַרצלען אין זייערע באַזונדערע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען. אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אַלס דאָרף־שכנים, אַרבעטער, סוחרים האָבן אידן און אַראַבער אָפֿט געוויזן שותּפֿותדיקע אינטערעסן. ס'איז אַן אַלגעמיין־באַקאַנטער פֿאַקט, אַז די אַראַבער האָבן אַ סך געגאָסן און געוואונען פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

דער באַריכט פֿון דער קעניגלעכער קאָמיסיע פֿון 1937, נאָך שילדערן דעם פּראָגראַם פֿון דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג אונטערן מאַנדאַט, מאַכט דעם פֿאָלגנדיקן סך־הכל פֿון אידישן בייטראַג:

1. דער אַריינקום פֿון אידישן קאַפּיטאַל האָט געהאַט אַ באַפֿרוכפּערנדיקע ווירקונג אויפֿן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד;

2. אַ דאַנק דעם האָבן זיך אויך אויסגעברייטערט די אַראַבישע אינדוסטריע און די ציטרוס־קולטיווירונג;

3. דער ביישפּיל פֿון אידן האָט אַ סך אויפֿגעטאָן צו פֿאַרבעסערן די אַראַבישע קולטווירונג, באַזונדערס פֿון ציטרוס;

4. אַ דאַנק אידישער אַנטוויקלונג און אונטערנעמונג האָט זיך פֿאַרגרעסערט די אַראַבישע אַרבעט אין שטאָט, בעיקר אין די האַפֿענס;

5. די אויסטריקענונג און אַנטי־מאַלאַריע אַרבעט פֿון די אידישע קאָלאָניעס האָבן געהאָלפֿן די שכנהשע אַראַבער;

6. אינסטיטוציעס וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן הויפּטזעכלעך מיט אידישע פֿאָנדן צו דינען דער נאַציאָנאַלער היים, האָבן אויך געדינט דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג. די שפּיטאָלן פֿון „הדסה" געבן די אַראַבער יעדע מעדיצינישע הילף;

7. דעם געווינס פֿון די אַראַבער דורך אידישער איינוואַנדערונג זעט מען באַשיינפּערלעך דורך דעם וואוקס פֿון דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג אין די טיילן, וואו עס איז פֿאָרגעקומען די אידישע אַנטוויקלונג.

די אַראַבישע באַפֿעלקערונג אין ארץ ישראל איז געוואַקסן פֿון 664,000 אין 1918 צו איבער אַ מיליאָן אין 1940. די צאָל טויטן־פֿאַלן איז פֿאַרקלענערט געוואָרן פֿון 26.83 פּער טויזנט אין 1925 צו 17.38 פּער טויזנט אין 1929. די לאַנד־קולטיווירונג האָט זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 4,700,000 דונאַם אין 1921 צו 7,400,000 אין 1937. די אינדוסטריעס און דער לעבנס־סטאַנדאַרד זיינען געגאַנגען העכער און פֿאָרויס.

בעתן ערשטן וועלט־קריג, ווען די אַראַבער פֿון נאָענטן מזרח זיינען נאָך

געווען אונטער דער סירישער הערשאַפֿט, האָט די ענגלישע רעגירונג געגעבן עטלעכע צוזאָגן צום עמיר הוסיין פֿון העדזשאַס פֿאַר זיין רעוואָלט קעגן טערקישן סולטאַן. הגם די ענגלישע רעגירונג האָט שפּעטער דערקלערט, אַז גאַנץ ארץ ישראל אין מערב־זייט פֿון ירדן איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון ה. מאקמעהאָנס „צוזאָג", האָבן די אַראַבער געהאַלטן, אַז ארץ ישראל איז אַ טייל פֿון זייערע טעריטאָריעס.

שוין אין דעצמבער 1917 האָבן די ציוניסטן אין אַ דעקלאַראַציע צום אַראַבישן פֿאָלק אויסגעדריקט זייער פֿאַרלאַנג צו קומען צו אַ פֿאַרשטענ־דיקונג. שפּעטערדיקע שמועסן צווישן עמיר פֿאַזאַל (הוסעינס זון), ט. ע. לאָרענס און חיים ווייצמאַן האָבן אָנגעדייט, אַז דער פֿירער פֿון דער אַראַבישער נאַציאָ־נאַליסטישער באַוועגונג איז גרייט פֿאַר אַ קאָמפּראָמיס. אַ פֿריינדשאַפֿט־פּאַקט צווישן עמיר און ווייצמאַנען איז אונטערגעשריבן געוואָרן (3טן יאַנואַר 1919), אַז „די אַראַבישע מלוכה און ארץ ישראל זאָלן אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען און באַציאונגען קאָנטראָלירט ווערן דורך גוטן ווילן און פֿאַרשטענדיקונג, און לטובת דעם ציל זאָלן אַראַבישע און אידישע אָנערקענטע פֿאַרטרעטער אויפֿ־געהאַלטן ווערן אין די באַטרעפֿנדע טעריטאָריעס". ווייטער איז אָנגעוויזן גע־וואָרן אינם אָפּמאַך, אַז „אַלע נויטיקע שריט זאָלן גענומען ווערן צו סטימולירן די אידישע אימיגראַנטן אויף לאַנד דורך ישובים און אינטענסיווער קולטיווירונג פֿון דער ערד".

די אַראַבער זיינען געווען אַנטוישט פֿון די רעזולטאַטן פֿון דער פֿרידנס־קאָנפֿערענץ, ווייל זיי האָבן ניט געקראָגן די אומאָפּהענגיקייט צו וועלכער זיי האָבן געשטרעבט אין אַנדערע טעריטאָריעס מחוץ ארץ ישראל, בעיקר אין סיריע. עקסטרעמיסטישע עלעמענטן, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון אוני בעי אַבדול האַדי האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט אין דער אַראַבישער נאַציאָנאַ־ליסטישער באַוועגונג און אָנגעהויבן אַן אַנטי־בריטישע און אַנטי־אידישע אַקציע, וואָס האַלט אָן עד היום.

צווישן די קריוודעס, וואָס די אַראַבער שטעלן אַרויס געפֿינען זיך: דאָס ניט אַנטוויקלען זעלבסט־רעגירנדע אינסטיטוציעס; אידישער לאַנד־קויף; אידן באַשעפֿטיקן ניט קיין אַראַבער; העברעאיש און ענגליש זיינען אָפֿיציעלע שפּראַכן. זיי טענהן, אַז אידישע איינוואַנדערונג האָט געשאַפֿן אַ גרויסע צאָל לאַנדלאָזע אַראַבער. די קעניגלעכע קאָמיסיע האָט דערקלערט, אַז די דאָזיקע קריוודעס, ווי אויפֿריכטיק זיי זאָלן ניט זיין, קענען ניט באַטראַכט ווערן פֿאַר לעגיטימע לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿון מאַנדאַט.

די ציוניסטישע פֿירערשאַפֿט האָט אָפֿט אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג צו קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער. אין אַ רעדע פֿאַרן קעניגלעכן אינסטיטוט, 9טן יוני, 1936, האָט ד"ר ווייצמאַן דערקלערט, „אַז אויף ביידע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג ליגט דער גורל אויפֿצובויען אַ בשותּפֿותדיק

פּאַטערלאַנד... ווען די אַראַבער וועלן איינזען, אַז זיי קענען ניט אַריינוואַרפן די אידן אין מיטללענדישן ים, וועלן זיי דעמאָלט זיין גרייט, ווי מיר זיינען איצט, צו זעצן זיך אַרום אַ קיילעכדיקן טיש און פּרובירן צוגרייטן אַן אויסוועג אויפן באַזיס פון די פּאַקטישע מעגלעכקייטן פון לאַנד".

נחום סאָקאָלאָוו האָט ביים איבערגעבן דאָס פּראָגראַם פון דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אויפן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס (1931) דערקלערט, אַז אַ טייל פון פּראָגראַם איז דער ציל צו שאַפן פאַרשטענדיגונג און שלום צווישן די אידן און אַראַבער אין ארץ ישראל, אַרויסגייענדיק פון דעם פּרינציפּ, אַז אַנטשיידנד איז נישט די נומערישע שטאַרקייט, און דעריבער זאָל קיינער פוןביידע פעלקער ניט דאָמינירן דאָס אַנדערע, אָבער אויך ניט דאָמינירט ווערן.

די פירער פון אידישן ישוב דורכן ועד לאומי און די הסתדרות העובדים (אַרבעטער־פעדעראַציע) האָבן זיך געשטעלט אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט אין אָפיציעלע באַשלוסן.

אין איינעם פון אירע לעצטע מעמאָראַנדומס האָט די אידישע אַגענטור באַטאָנט, אַז פאַר אַן אַראַביש־אידישער פאַרשטענדיגונג קען שפּילן אַ גרויסע ראָליע די האַלטונג פון די דעמאָקראַטישע נאַציעס. אויב זיי זיינען גרייט קלאָר צו מאַכן פאַר די אַראַבער, אַז זיי האַלטן פאַר יושרדיק די פּאָליסי פון אַ אידישער ארץ ישראל, גאַראַנטירנדיק דערביי די רעכט פון די אַראַבער, וועט דער וועג צו אַ פאַרשטענדיגונג זיין אַ פיל לייכטערער. זיכער איז, אַז אונטער יעדן רעזשים דאַרף די גלייכהייט פאַר אַלע באַוואוינער פון ארץ ישראל גאַראַנטירט ווערן. „איידער אַזאַ רעזשים ווערט איינגעשטעלט זאָלן די אידן און אַראַבער קריגן אַ גרעסערע מאָס פון זעלבסט־רעגירונג אין מוניציפּאַלע ענינים, אָבער די דערציערישע און רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן זאָלן איבערגעלאָזט ווערן איינגאַנצן צו די באַטרעפנע געמיינדעס".

קורץ פאַרן אַנהויב פון איצטיקן קריג, האָט די אידישע אַגענטור מסכים געווען אַנטיילצונעמען אין אַ קאָנפערענץ פון אידישע און אַראַבישע פאַרשטייער אַרום אַ רונדן טיש, איינגעאָרדנט אין 1939 אין לאָנדאָן דורך דער ענגלישער רעגירונג. די אַראַבער האָבן ניט געוואָלט זיצן מיט די אידן ביי איין טיש. נאָך דער קאָנפערענץ האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויסגעגעבן דעם מאַקדאָנאַלד ווייס־פּאַפּיר, מאַי 1939. דער ישוב האָט פאַרטגעזעצט זיינע אַנשטרענגונגען מיט נאָך אַ גרעסערן אימפּעט און די לאַגע איז געבליבן אַן אָנגעשטרענגטע ביזן קריג־אויסברוך. די לייזונג פון דער לאַגע וועט מוזן קומען פון דער אויטאָריטעט פון די פאַראייניקטע פעלקער.

## 7. אידישע רעפּרעזענטאַנץ.

די רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָלאָניזיר־אַרבעט אין ארץ ישראל,

איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, אַחוץ די רעוויזיאָניסטישע. לויט אַרטיקל 4 פון ארץ ישראל־מאַנדאַט, איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אָנערקענט אַלס די „פּאַסיקע אידישע אַגענטור מיטן צוועק צו געבן ראַט און צו קאָאָפּערירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון פּאַלעסטינע אין אַזעלכע עקאָנאָמישע, ראַסן־ און ענלעכע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים און צו די אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע". דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון פעלקער־בונד און פון יונייטעד סטעיטס קאָנגרעס אין 1922. דאָס זעלבע מאַנדאַט־אַרטיקל באַפולמעכטיקט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע צו קריגן די קאָאָפּעראַציע פון אַלע אידן, וואָס זיינען ווילּיק צו העלפן אינם אויפבוי פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער היים. די אידישע אַגענטור פאַר ארץ ישראל איז פאַרגרעסערט געוואָרן אין 1929 און באַשטייט פון אַ ראַט אין וועלכן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן זיינען פאַרטראַטן אין אַ גלייכער צאָל. די אַגענטור איז איצט די רעפּרעזענטאַטיווע „פּאָלקס־קערפּערשאַפט", וואָס ווערט דערמאָנט אין מאַנדאַט.

## ב. פאַרשיידענע קאָנצעפּציעס וועגן דער ראָלע פון ארץ ישראל אין אידישן לעבן

עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן וועגן דעם, ווי אַזוי די אידיש־נאַציאָנאַלע היים זאָל אויפגעבויט ווערן, ווי אַזוי עס זאָל זיין איר סאָציאַל־עקאָנאָמישער כאַראַקטער, קאָלאָניזיר־מעטאָדן, באַציאונגען מיט די אַראַבער און מיט דער מאַנדאַטן־מאַכט, און וועגן דעם אָרט וואָס ארץ ישראל פאַרנעמט אין אידישן לעבן. אָבער אין איין הויפּט־פּונקט זיינען אַלע איינפאַרשטאַנען, און דאָס איז, אַז די לאַגע פון מיליאָנען אידן און די אינטערעסן פון אַלע אידן פאָדערן אומבאַדינגט, אַז דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל מוז דערהאַלטן ווערן, און אַז זיין וואוקס און אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט מוזן ווערן פאַרזיכערט. אַלע זיינען מסכים, אַז ארץ ישראל קען דינען ווי אַן אַנטרינונג־אָרט פאַר די אויסגעריבטע און פאַרפאָלגטע אידן פון חרובן אייראָפּע. ס'איז אויך אַלגעמיין אָנגענומען, (אַחוץ ביי די לינקע אַנטי־ציוניסטן), אַז אַ דאַנק די גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען געשאַפן דורך דער אידישער געמיינדע אין ארץ ישראל, אַנטוויקלט זיך דאָס לאַנד אַלס אַ קולטורעל־רעליגיעזער צענטער פון אידנטום...

### 1. אָפיציעלע ציוניסטישע מיינונגען

א) אַלגעמיינע ציוניסטן (ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, הדסה, אָדער בני ציון) קוקן אויף ארץ ישראל ווי אויף דעם קומענדיקן אידישן שטאַט („קאָמענוועלט") און האַלטן עס פאַרן לאַנד, וואָס קאָן אַריינעמען די גרויסע

מאַסע אידישע וואַנדערער, פֿון וואַנען זיי זאָלן ניט קומען און וואָס עס זאָלן ניט זיין די סיבות פֿון זייער וואַנדערונג. אין ארץ ישראל וועלן די אידן האָבן די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען אַ פֿול און נאָרמאַל לעבן ווי אַ פֿאָלק, דערגרייכן דעם פֿולן סטאַטוס פֿון פֿרייהייט און פֿאַרנעמען זייער באַרעכטיקט אָרט צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט. די אַלגעמיינע ציוניסטן, כאָטש זיי האַלטן, אַז די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אידעאָלאָגיע פֿון דער אידיש־נאַציאָנאַלער היים זאָל באַשטימט ווערן דאָרט און ניט דורך די אידן אין גלות, גלויבן זיי אָבער, אַז ארץ ישראל דאַרף געבויט ווערן אויף די יסודות פֿון סאָציאַלן יושר און גלייכע געלעגנהייטן פֿאַר אַלעמען. ניט שעדיגנדיק דעם ציווילן און פּאָליטישן סטאַטוס פֿון אידן אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד, וועט דער אידישער שטאַט אין ארץ ישראל אויסאיבן אַ געזונטן איינפֿלוס אויפֿן גלות, דערהייבנדיק די קולטורעלע און גייסטיקע ווערטן און באַפֿרייען דאָס אידישע פֿאָלק פֿון דער ניט־נאָרמאַלער פּאָזיציע פֿון אַ פֿאָלק אָן אַ שטאַט.

אַלע אַנדערע ציוניסטישע פֿראַקציעס גייען זיך צונויף בנוגע דעם אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, אָבער איטלעכע פֿון זיי גיט איר אייגענע קאָנצעפּציע, וואָס שטראָמט אַרויס פֿון איר ספּעציפֿישער אידעאָלאָגיע וועגן אידישן לעבן און וועגן דער וועלט־אָרדענונג.

ב) אַרבעטער־ציוניסטן (פּועלי ציון־צעירי ציון, פּיאָנערן פֿרויען־אָרגאַניזאַציע, אידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פֿאַרבאַנד) האַלטן, אַז דאָס אידישע פּראָבלעם קען געלייזט ווערן נאָר דורך אַן עקאָנאָמישער אומשיכטונג פֿון אידישן לעבן, אַנטוויקלענדיק אַן אַרבעטער־קלאַס אין אַלע גרונט־אינדוסטריעס, ווי אויך אַ אידישע אַגראַרישע באַפֿעלקערונג, און דורך בייטן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אָרדענונג פֿון דער וועלט לויט סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. אין ארץ ישראל וועט דאָס אידישע פֿאָלק קענען איבערבויען זיין לעבן אויפֿן יסוד פֿון סאָציאַלער און עקאָנאָמישער גערעכטיקייט און גלייכהייט. בשותּפֿות מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון דער גאַנצער וועלט, וועלן די אידן פֿון ארץ ישראל העלפֿן איינשטעלן אַ יושרדיקן וועלט־סדר. ארץ ישראל איז אַזוי אַרום דער אַוואַנגאַרד פֿאַר דער אויסלייזונג פֿון אידישן פֿאָלק ניט בלויז פֿון די גלות־קייטן, נאָר אויך פֿון אַלע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע חולאתן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. בעת א״י וועט קאָנצענטרירן די סאַמע לעבעדיקסטע און שאַפֿערישע כחות פֿון אידישן פֿאָלק, וועלן די אידן פֿון גלות אַרבעטן פֿאַר דעם דאָזיקן ענדציל.

ג) השומר הצעיר (אַ פֿראַקציע אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג) זעט „אין ציוניזם דעם איינציקן וועג צו קעמפֿן פֿאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג פֿאַר די אידן", וואָס קען דערגרייכט ווערן נאָר אין ארץ ישראל. „די צו־קונפֿט פֿון ציוניזם איז פֿאַרבונדן מיט דעם זיג פֿון סאָציאַליזם". הגם די ריכטונג נעגירט דעם גלות מיט זיינע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַ־

גרענעצונגען, האַלט זי זיך ניט פרעמד פון די מאַסן, וואָס לעבן אין אים.

אין ארץ ישראל שטרעבט „השומר הצעיר" אויפצובויען „פולשטענדיקע קאָאָפּעראַטיווע קאָמונע" אָדער דעם „קיבוץ", וואָס ווערט באַצייכנט ווי דער אוואַנגאַרד פון דער נייער געזעלשאַפט, דער אויפנעמענדיקער מעדיום פון דער אידישער איינוואַנדערונג, דער קאָנסטרוקטיווער עלעמענט פאַרן אידישן אַרבעטער־קלאַס און אַ קראַפט אינם קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס בכלל.

ד) מזרחי (אָרטאָדאָקסיש רעליגיעזע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע) „שטרעבט אויפצובויען די אידיש נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל אויפן יסוד פון די אידישע רעליגיעזע טראַדיציעס. מזרחי צילט אויסצוליזן און אַנטוויקלען דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות, וואו סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וועלן געלייזט ווערן לויטן גייסט פון דער תורה און וואו אונדזערע גייסטיקע אוצרות וועלן צוריקקריגן זייער אַמאָליקן כבוד און גלאַנץ. מזרחי באַטראַכט ארץ ישראל פאַר דער איינציקער אמתער לייזונג פון אידישער היימלאָזיקייט און פון די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דער אידישער אמונה. מזרחיס פּראָגראַם פאַרן גלות איז צו פאַרשטאַרקן דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום אומעטום וואו אידן וואוינען.

ה) הפועל המזרחי (רעליגיעזע ציוניסטישע פּיאָנערן־באַוועגונג, תורה ועבודה) דערקלערט, אַז „דער סאַמע ווירקזאַמסטער וועג צו פאַרווירקלעכן די רע־ליגיעזע, נאַציאָנאַלע, עטישע און סאָציאַלע פּרינציפּן פון דער תורה איז צו באַשאַפן אַ רעליגיעזן אַרבעטער־שטאַט אין ארץ ישראל — ווייל א״י איז ניט בלויז אַן אויסגעצייכנט אַנטרונונג־אָרט פאַר די מיליאָנען פאַרפאָלגטע אידן, נאָר איז אויך די פולסטע לייזונג פון דער אידישער פראַגע".

ו) די אידנשטאַט־פּאַרטיי „גלויבט, אַז די איינציקע לייזונג פון אַלטן אידישן פּראָבלעם, — דאָס פּראָבלעם פון אַ שטאַטלאָזער מינדערהייט — איז דאָס באַשאַפן אַ אידישן שטאַט, אויפן יסוד פון אַ אידישער מערהייט אין די היסטאָ־רישע גרענעצן פון ארץ ישראל. אַזוי ווי די דאָזיקע פּאַרטיי האַלט, אַז דער גלות ווערט שנעל ליקווידירט, האָט זי בלויז איין ענדציל: „דעם ווידער־אויפבוי פון אידישן שטאַט".

ז) ניי־ציוניזם (אויך גערופן „רעוויזיאָניזם") זעט פאָרויס „ארץ ישראל ווי אַ אידישן שטאַט" אויף ביידע זייטן ירדן, רעגירט דורך אַ „העכסטן ראַט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג". האַלטנדיק דאָס פאַר דער הויפּט־אויפגאַבע, אַנטהאַלט ניי־ציוניזם „צוויי פּרינציפּן" פון אידישער וועלט־אַקציע: עוואַקו־אַציע (פון די פאַראורטיילטע געטאָס) און די „פּאָליסי פון אַליאַנצן" (מיט יענע רעגירונגען, וועלכע זיינען אינטערעסירט אין אויפשטעלן אַ אידישן שטאַט.

## 2. מיינונגען פון אַנדערע אָרגאַניזירטע אידישע קערפּערשאַפטן

א) די רעקאָנסטרוקציאָניסטן האַלטן די אידיש־נאַציאָנאַלע היים ווי אַ

פֿאַרבאַדינג פֿאַר דער וויטערדיקער עקזיסטענץ פֿון דער אידישער גרופּע, פֿאַר איר פֿולער עמאַנציפּאַציע און פֿאַר דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון איר היסטאָרישער ציוויליזאַציע"... די אידן אין גלות ווען פֿילן, אַז זיי זיינען מיטגלידער פֿון אַ מינדערהייט־גרופּע, וואָס איר עקזיסטענץ האָט אַ זינען.

ב) ראַביניקל אַסעמבלי אָוו אַמעריקא (קאָנסערוואַטיווע) האַלט, אַז דאָס רעכט פֿון די אידן אויף ארץ ישראל אַלס זייער נאַציאָנאַלע היים איז אומבאַדינגט נייטיק פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון אידישן פֿאָלק. דער ציוניסטישער אידעאַל בנוגע דער אידיש־נאַציאָנאַלער היים איז אַן אינטעגראַלער טייל פֿון די רעליגיעזע אנשויאונגען און פֿון דער פּראַקטישער פּראָגראַם פֿון דער ראַביניקל אַסעמבלי.

ג) יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקא (קאָנסערוואַטיוו) "דריקט אויס איר פֿעסטן גלויבן, אַז די וויטערדיקע עקזיסטענץ פֿון אידישן פֿאָלק און פֿון זיין אמונה איז פֿאַרבונדן מיט דער צוקונפֿט אין ארץ ישראל... וואו די אידן קענען צום בעסטן דערפֿילן זייער היסטאָרישן גורל.

ד) סענטראַל קאָנפֿערענס אָוו אַמעריקאַן ראַבאַיס (רעפֿאָרם) דערקלערט, אַז עס איז ניט קיין סתירה צווישן רעפֿאָרם־אידנטום און ציוניזם און ס'איז נישטאָ קיין שום סיבה פֿאַרוואָס יענע פֿון אירע מיטגלידער, וועלכע זיינען געטריי דעם ציוניזם, זאָלן ניט האָבן דאָס רעכט צו טראַכטן, אַז זיי האַנדלען פֿולשטענדיק לויטן גייסט און ציל פֿון רעפֿאָרם־אידנטום.

ה) יוניאַן אָוו אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס (רעפֿאָרם) קוקט אויף דעם אויפֿבוי פֿון דער אידיש־נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל ווי אויף אַ דערפֿילונג פֿון אַן אויסערגעוויינטלעכער נויט צו געפֿינען אַ פּערמאַנענטע היים פֿאַר אַזוי פֿיל אויסגעוואָרצלטע אידן פֿון אייראָפּע. זי אַנערקענט אויך "דעם פֿאַקט, אַז אידן זיינען היסטאָריש און גייסטיק פֿאַרבונדן מיטן הייליקן לאַנד" און אַז אַ גרויסער חלק פֿון אידישן פֿאָלק נייטיקט זיך שטאַרק אין אַ היים, וואו אַ אידישער גייסטיקער און קולטורעלער צענטער זאָל קענען אַנטוויקלט ווערן אין איינקלאַנג מיט די אידישע אידעאַלן".

ו) די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע שטעלט פֿעסט איר טיפֿע סימפּאַטיע און איר "פֿאַרלאַנג צו קאָאָפּערירן מיט יענע אידן, וועלכע ווילן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל". זי אַנערקענט, אַז "אין ארץ ישראל זיינען איצט פֿאַראַן איבער אַ האַלב מיליאָן אידן, וועלכע האָבן אויפֿגעבויט אַ געזונט און בליִענדיק עקאָנאָמיש לעבן און אַ צופֿרידנשטעלנדיק גייסטיק און קולטורעל לעבן, און זיי שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ דריטל פֿון דער באַפֿעלקערונג. בעת די דאָזיקע ארץ ישראל־אימיגראַציע איז געווען אַ געבענטשטע פֿאַרבעסערונג פֿון דער לאַגע פֿון אַ גרויסער צאָל אידן און געבראַכט אַ גרעסערע אַנטוויקלונג פֿאַר דעם לאַנד גופֿא, קען די באַזעצונג אין ארץ ישראל, הגם אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אַליין

ניט צושטעלן, און מען דאַרף עס ניט דערוואַרטן — אַ לייזונג פֿון דער נאָך־מלחמהדיקער אידישער רעהאַביליטאַציע".

ז) דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס שטיצט דעם אַלגעמיין אידישן שטאַנדפּונקט וועגן דער ראָלע פֿון ארץ ישראל אין לעבן פֿון אידישן פֿאָלק.

ח) בני ברית האָט שטענדיק באַטראַכט ארץ ישראל אין אַ פּראַקטישן ליכט אַלס „אַ לעבעדיקע, ענערגישע און פּראָדוקטיווע געמיינדע". אין אַמעריקע האָט „בני ברית" קאָאָפּערירט מיט דער אידישער אַגענטור און מיטן אידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד בנוגע לאַנד־קויף, קאָלאָניזיר־אַרבעט און קולטורעלע אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל. „בני ברית" האָט אויסגעדריקט דעם „גלויבן אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע".

ט) אַ דערקלערונג פֿון 826 ראַבייס און רבנים (אַריינגערעכנט 217 מיטגלידער פֿון דער „סענטראַל קאָנפֿערענס אָוו אַמעריקאַן ראַבייס" (רעפֿאָרם), 253 מיטגלידער פֿון דער „ראַביניקל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ" (קאָנסערוואַטיוו), און 365 מיטגלידער פֿון „ראַביניקל קאונסיל אָוו אַמעריקאַ" (אָרטאָדאָקסיש) אויך די „אַגודת הרבנים") דערקלערט, אַז „ציוניזם איז באַשטעטיקונג פֿון אידנטום... ס'איז ניט אַ סעקולאַרער באַוועגונג, זי האָט אירע וואָרצלען אין דער אמונה פֿון אידנטום. ציוניזם איז ניט קיין אָפּלייקענונג פֿון די אוניווערסאַלע לערעס פֿון אידנטום. אוניווערסאַליזם איז ניט קיין ווידערשפּרוך צו נאַציאָנאַליזם". די פּאָליטישע אַקציע פֿון ציוניזם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און אינם ארץ ישראל־מאַנדאַט, האָבן מעגלעך געמאַכט פֿאַר אַ האַלבן מיליאָן אידן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל. ווירקזאַמע פּאָליטישע אַקציע וועט אויך נייטיק זיין, כּדי צו עפֿענען די טויערן פֿון ארץ ישראל פֿאַר אידישער מאַסן־אימיגראַציע נאָך דער מלחמה.

## 3. קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם.

עס איז פֿאַראַן אַ קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם צווישן אידן זינט די ערשטע אידעאָלאָגן האָבן אָנגעהויבן דיסקוטירן וועגן דעם צוריקקער פֿון אידישן פֿאָלק צום אַלטן היימלאַנד דורך אָרגאַניזירטער מענטשלעכער אָנשטרענגונג. קעגנער צום ווידעראויפֿבוי פֿון ארץ ישראל דורך „נאַטירלעכע" מיטלען זיינען צוערשט געווען צווישן די אָרטאָדאָקסישע רבנים, וואָס האָבן איז זייערע אַרגומענטן קעגן הרב צבי הירש קאַלישער (1861), הרב שמואל מאָהילעווער און אַנדערע פּיאָנערן פֿון ציוניזם, דערקלערט, אַז עס איז קעגן דעם ווילן פֿון גאָט צו „צווינגען", אַז דאָס הייליקע לאַנד זאָל אויסגעלייזט ווערן פֿאַרן אָנקום פֿון משיחן. שפּעטער, ווען די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרנעמען מיט פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל (1882) און דערנאָך געגרינדעט אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע — דעם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס

(1897) — איז די קעגנערשאַפט פאַרשטאַרקט געוואָרן. זי איז געקומען פון אַלערליי גרופּעס און צוליב פאַרשיידענע סיבות.

אין מערב־אייראָפּע, וואו די אידישע עמאַנציפּאַציע איז שוין געווען פול־שטענדיק דערגרייכט, האָבן אַ טייל אידישע קהלשע פירער געהאַלטן, אַז די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן פון ציוניזם וועלן שטעלן אין קאָן דעם סטאַטוס פון די אידן אין לענדער וואו זיי האָבן בירגער־רעכט. זיי זיינען געווען קעגן באַצייכענען אידן אַלס אַ באַזונדער פאָלק, נאַציע אָדער נאַציאָנאַליטעט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזעלכע טענדענצן קענען געבן די אַנטיסעמיטן אַ תירוץ אָפּצור־זונדערן די אידישע בירגער פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. זיי האָבן אַפילו ניט באַטראַכט ארץ ישראל אַלס אַ לייזונג פונם פּראָבלעם פון פליכטלינגע, וואָס זיינען געלאָפן פון רוסלאַנד און רומעניע צוליב די אַנטי־אידישע פּאָגראָמען אין יענע לענדער. דעמאָלט זיינען די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון אַנדערע אַנטרינונג־ערטער מעבר לים געווען ברייט אָפן, און די מאַסן־וואַנדערונג פון אידן איז געגאַנגען צו די דאָזיקע לענדער. אָרטאָדאָקסישע רבנים און כלל־טוער, אין מערב־ און אין מזרח־אייראָפּע האָבן אָנגעהאַלטן זייער קעגנערשאַפט צום ציוניזם ניט בלויז דערפאַר, וואָס דער ציוניזם איז כלומרשט קעגן דער משיחישער האָפענונג פון דער אינישער טראַדיציע, נאָר אויך מחמת דעם וועלטלעכן פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָס די באַוועגונג האָט אָנגענומען נאָך דער פאָרמירונג פונם ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס.

טאַדלונגען זיינען געקומען אויך פון אַנדערע גרופּעס אין מזרח־אייראָפּע, די דאָזיקע גרופּעס האָבן זיך באַטראַכט פאַר אידישע נאַציאָנאַליסטן, אָבער זיי זיינען געווען קעגן דעם אויפבוי פון אַ אידיש־נאַציאָנאַלער היים אָדער אַ אידישן שטאַט אין ארץ ישראל. דאָס זיינען געווען גלות־נאַציאָנאַליסטן, האַלטנ־דיק אידיש פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און זיי האָבן געשטרעבט צו אָר־גאַניזירן דאָס אידישע לעבן אין נאַציאָנאַליטעט־איינהייטן אין די גלות־לענדער (אידישע פאָלקס־פּאַרטיי אין צאַרישן רוסלאַנד), בעת אַנדערע (אידישע טערי־טאָריאַליסטן) האָבן געזוכט אַן אַנדער לאַנד, ניט ארץ ישראל, צו בויען דאָרט אַ אידישן טעריטאָריאַלן צענטער.

אויך אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, זיינען געווען עלעמענטן פון קעגנערשאַפט צום ציוניזם. פון זיי איז דער הויפּט־קעגנער געווען דער „אידישער אַרבעטער בונד" באַקאַנט אַלס „בונד" (אָר־גאַניזירט אין 1897), וואָס האָט באַטראַכט די ציוניסטישע באַוועגונג אַלס קעגנעריש צו די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די לייזונג פון דער אידישער פראַגע ליגט אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

קעגנערשאַפט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג עקזיסטירט נאָך איצט צווישן אַ סך עלעמענטן אין אָרטאָדאָקסישן אידנטום, באַזונדערס די „אגודת ישראל", וואָס כאָטש זי איז שוין איצט פאַרן ווידעראויפבוי פון ארץ ישראל

לויט אָרטאָדאָקסישע טראַדיציעס, זאָגט זי זיך אָבער אָפּ צו אידענטיפיצירן זיך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס אַזעלכע.

צווישן די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז דער „בונד" געבליבן אויף זיין טראַדיציאָנעלן שטאַנדפּונקט קעגן ציוניזם.

די קעגנערשאַפט־אויסדרוקן פון די אידישע קאָמוניסטן לגבי דער ציוניס־טישער באַוועגונג און דעם אידישן ישוב, האָבן דורכגעמאַכט עטלעכע ענדערונ־גען אין פאָרם, אָבער די אַלגעמיינע ליניע איז געבליבן די זעלבע. זיי האָבן דערוואַרט די לייזונג פון אידישן פּראָבלעם דורך אַן „אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע". אָבער — זינט זומער 1941 האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן „אָנער־קענען דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל אַלס אַ וויכטיקן טייל פון אונדזער פאָלק — אַ געמיינדע, וואָס בויט אַן אָרגאַניזירט נאַציאָנאַל לעבן אין יענעם טייל פון דער וועלט". זיי מאַכן אָבער ניט קיין דערקלערונג בנוגע דער צוקונפטיקער אויסברייטערונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען רעפאָרם־ראַבינערס און זייערע נאָכ־פאָלגערס געווען קעגנער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער מיט דער צייט איז זייער קעגנערשאַפט פאַרמינערט געוואָרן און היינט־צו־טאָג זיינען אַ סך פון זיי פאַרבונדן מיט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע און זיי נעמען אַ פירנדיקן אָנטייל אין דער באַוועגונג. אָבער די קעגנערשאַפט ווערט נאָך אָנגעהאַלטן פון אַ באַדייטנדיקער גרופּע רעפאָרם־ראַבינערס, וואָס האָבן לעצטנס געגרינדעט דעם „אַמעריקאַן קאונסיל פאַר דזשודאַאיזם", וואָס צילט „צו באַקעמפן נאַציאָנאַליסטישע און סעקולאַרע שטרעמונגען אין אידישן לעבן". פאַר דער גרינדונג פון דעם זעלבן „קאונסיל" האָבן נײַנציק רעפאָרם־ראַבינערס אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, פאַרמולירנדיק זייער שטעלונג צום ציוניזם און צו ארץ ישראל אַזוי: „וויסנדיק ווי טייער ארץ ישראל איז ביי דער אידישער נשמה און ווי וויכטיק ס'איז די אויפבויאונג פון ארץ ישראל כּדי צו לינדערן די דריקנדיקע פּראָבלעמען פון אונדזער געפּייניקט פאָלק, שטייען מיר גרייט צו געבן הילף מיט אַ ברייטער האַנט צו אונדזערע ברידער אין זייערע עקאָנאָ־מישע, קולטורעלע און גייסטיקע באַמיאונגען אין יענעם לאַנד. אָבער אין ליכט פון אונזער אוניווערסאַליסטישער אויסטייטשונג פון אידישער געשיכטע און פון אידישן גורל, און אויך מחמת אונזער זאָרג פאַר דעם וואוילזיין און סטאַטוס פון די אידן, וואָס וואוינען אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, קענען מיר ניט צושטי־מען צו געבן אונזער שטיצע צו דער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס איז איצט פון העכסטן גראַד אויסגעדריקט אין דעם ציוניסטישן פּראָגראַם. מיר גלויבן, אַז אידישער נאַציאָנאַליזם פירט אונדזערע מיט־מענטשן צו אַ פאַלשן באַגריף וועגן אונדזער אַרט און פונקציע אין דער געזעלשאַפט און ציט אָפּ אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון אונדזער היסטאָרישער ראָלע צו לעבן אַלס אַ רעליגיעזע געמיינדע, אומעטום וואו מיר וואוינען. די דאָזיקע גייסטיקע ראָלע ווערט באַ־

זונדערס אַנגעוויזן דורכן רעפאָרם־אידנטום דורך באַטאָנען די אייביקע נביאישע פּרינציפּן פון לעבן און דענקען, פּרינציפּן, וואָס בלויז דורך זיי קענען אידנטום און דער איד האָפן צו עקזיסטירן און עדות זאָגן פאַר „אוניווערסאַלן גאָט״.

קעגנערשאַפט צום ציוניזם קומט אויך פון אַ סך אינדיווידועלע אידן, וואָס שטעלן זיך מחוץ צום אָרגאַניזירטן אידישן לעבן הגם אַ טייל פון זיי זיינען אַקטיוו אין אידישער פילאַנטראָפּיע. זייער אָפּאָזיציע, וואָס איז ניט אָר־גאַניזירט, שטאַמט אָדער פון גלייכגילטיקייט צו דער אידישער עקזיסטענץ אָדער פון אָפּלייקענען די נויטווענדיקייט צו אונטערשטרייכן די אייגנאַרטיקייט פון דער אידישער גרופּע און איר באַזונדער כאַראַקטער.

## ג. פאַרווירקלעכונג פון אידישע רעכט

### 1. אימיגראַציע רעכט

פּראָבלעם: דאָס מאַקדאָנאַלד ווייס־פּאַפּיר וועגן א״י, אַרויסגעגעבן דורך דער בריטישער רעגירונג אין מאַי, 1939, באַגרענעצט די אידישע אימיגראַציע אין לאַנד אַריין צו אַ מאַקסימום פון 10,000 אידן אַ יאָר, פאַר אַ פּעריאָדע פון פינף יאָר. נעמענדיק אין באַטראַכט די צרות פון די אידישע פליכטלינגע, האָט דאָס ווייס־פּאַפּיר אויך באַוויליקט אַלס אַ „באָנוס״ איינוואַנדערונג פון נאָך 25,000 אידן אין דער זעלבער צייט — צוזאַמען זאָלן 75,000 אידן אַריינגעלאָזט ווערן קיין א״י ביז 1944. דערנאָך זאָל די אידישע ,איינוואַנדערונג אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן „סיידן די אַראַבער אין פּאַלעסטינע זיינען גרייט דאָס צו דולדן״. דער דאָזיקער פּלאַן ווערט פּינקטלעך דורכגעפירט מצד דער מאַנדאַטן־אַדמיניסטראַציע און ער ווערט כּסדר באַשטעטיקט דורך בריטישע באַאַמטע אַלס די אָנגענומענע פּאָליסי פון זייער רעגירונג. די אידישע אַגענטור, אָבער, האַלט, אַז די דאָזיקע פּאָליסי איז אַ ברוך פון ארץ ישראל מאַנדאַט, וואָס שרייבט פאָר (אין אַרטיקל 6), „אַז די פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע, בעתן פאַרזיכערן, אַז די רעכט און די פּאָזיציע פון די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג זאָלן ניט אָנגערירט ווערן, זאָל זי פאַרלייכטערן די אידישע אימיגראַציע אונטער פּאַסיקע באַדינגונגען.

פּאָרשלאָג: צוריקצואוויזן דאָס מאַקדאָנאַלד ווייס־פּאַפּיר פון מאַי, 1939, אַלס ניט גילטיק לעגאַל און מאָראַליש, צו פאָדערן, אַז די טויערן פון א״י זאָלן געעפנט ווערן פאַר אַ גרויסער אידישער איינוואַנדערונג, און צו זען, אַז די אידישע אַגענטור זאָל קריגן דעם קאָנטראָל איבער אַזאַ אימיגראַציע.

דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון אַלע אָפיציעלע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן און ער ווערט אויך געשטיצט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, ראַביניקל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ, יונייטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ, נאַציאָנאַלע פרויען־

ליג פון די יוניטעד סינאַגאָג, פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די וועסט, נאַציאָנאַלער קאַונסיל פון יאָנג איזראַעל, אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע אידן און אָרדער בני ציון. די רעוויזיאָניסטן פאָדערן אַ פרייע אימיגראַציע, געפירט פון „אַ העכסטן ראַט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג" די יוניאָן אָוו אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס איז פאַר אַ גרויסער אימיגראַציע... רעגולירט, מיט קאָאָפּעראַציע פון דער אידישער אַגענטור, דורך אַזאַ פעלקער־פאַרשטענדיקונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן נאָך דער מלחמה". די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע זוכט „צו פאַרזיכערן... אידישע אימיגראַציע קיין א"י... צו די פולסטע מעגלעכקייטן פון דער עקאָנאָמישער אויפנעם־פעאיקייט פון לאַנד".

## 2. לאַנד־קויף און מלוכה־באַוויליקונגען

פּראָבלעם: דאָס ווייס־פּאַפּיר פון 1939 האָט געגעבן דעם הויי־קאָמישיאָנער פון א"י „די אַלגעמיינע מאַכט צו פאַרבאָטן און רעגולירן טראַנספערירונגען פון ערד". אין דער פּראַקטיק האָט די ארץ ישראלדיקע אַדמיניסטראַציע שטענדיק געלייגט גרויסע שטערונגען אויפן וועג פון אידישן לאַנד־קויף, און בעת זי האָט געגעבן אַ סך מלוכה־לאַנד צו די אַראַבער, האָט זי אַזעלכע באַוויליקונגען ניט געגעבן צו אידן. דער דאָזיקער מין דיסקרימינאַציע ווערט פּראַקטיצירט קעגן דעם אינהאַלט און גייסט פון מאַנדאַט, וואָס שרייבט פאָר אין אַרטיקל 6: „די אַדמיניסטראַציע פון פּאַלעסטינע... זאָל דערמוטיקן, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער אידישער אַגענטור, וועגן וועמען עס רעדט זיך אין אַרטיקל 4, קאָנצענטרירטע באַזעצונג פון אידן אויף ערד, אַריינגערעכנט מלוכה־ערד און וויסטע שטחים, וואָס זיינען ניט נויטיק פאַר עפנטלעכע צוועקן".

פאָרשלאַג: צו פאָדערן דאָס באַזייטיקן אַלע באַגרענעצונגען אויף לאַנד־קויף דורך אידן אין א"י און צו קריגן אָנזעעוודיקע באַוויליקוגען פון מלוכה־ערד פאַר קאָנצענטרירטער באַזעצונג און קאָלאָניזאַציע.

די דאָזיקע פאָדערונג ווערט אַרויסגעשטעלט פון אַלע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן און זי איז איינגעשלאָסן אין די רעזאָלוציעס פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, ראַביניקל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ, נאַציאָנאַלער קאַונסיל פון יאָנג איזראַעל, אָרדער בני ציון, יונאַיטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ, נאַציאָנאַלע פרויען־ליג פון די יונייטעד סינאַגאָג, פּראָגרעסיוו אָרדער אָוו די וועסט, אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע אידן, בעת די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס שטיצן אויך דעם פאָרשלאַג צו פאַרוואַנדלען א"י אין אַ אידישן שטאַט („קאָמאָנוועלט"). די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט אַרויסגעגעבן קיין דערקלערונגען וועגן לאַנד־פּראָבלעם, אָבער אַזוי ווי זיי זיינען אָבער פאַר אידישע איינוואַנדערונג אין א"י, איז קלאָר אַז ס'איז נייטיק די פרייהייט פאַר אידן צו קענען קויפן דאָרט ערד.

### 3. עקאַנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון אידישער קאָלאָניזאַציע

פּראָבלעם: בעת די אידישע קאָלאָניזיר־באַמיאונג אין א״י איז געקרוינט געוואָרן מיט אויסערגעוויינטלעכן דערפֿאָלג, האָט זי אָבער אויך אַ סך געליטן פון ניט־געוואונשענע טאַריף־רעגולאַציעס און ניט־גענוגנדיקער רעגירונגס־הילף בנוגע אַנטוויקלען די נאַטירלעכע אוצרות און אַנדערע עקאָנאָמישע מעג־לעכקייטן פון לאַנד.

פֿאָרשלאַג: אַז די אידישע אַגענטור זאָל באַפולמעכטיקט ווערן מיט אוי־טאָריטעט אויסצונוצן די נאַטירלעכע אוצרות און אַנדערע עקאָנאָמישע מעגלעכ־קייטן אין ארץ ישראל לטובת אידישער קאָלאָניזאַציע.*

דער דאָזיקער פֿאָרשלאַג ווערט געשטיצט פֿון אַלע ציוניסטישע קערפּער־שאַפֿטן און פון אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטיצן דעם פֿאָרשלאַג וועגן פרייען לאַנד־קויף. די רעוויזיאָניסטן ווידער, פֿאָדערן, אַז די דאָזיקע אוי־טאָריטעט זאָל געגעבן ווערן אַ „העכסטן ראָט פון דער ציוניסטישער באַווע־גונג״. די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע וויל אַ גאַראַנטיע פון גענוגנדיקן רוים פאַרן ווייטערדיקן [אידישן] וואוקס און אַנטוויקלונג ביז דער פולסטער מעג־לעכקייט פון דער עקאָנאָמישער אויפנעם־פעאיקייט״ פון ארץ ישראל. בני ברית אַנערקענט די נויטיקייט שנעל צו פֿאַרגרעסערן די עקאָנאָמישע אויפנעם־פע־איקייט פון ארץ ישראל״.

### 4. מערהייט־סטאַטוס פֿון די אידן אין ארץ ישראל

פּראָבלעם: לויט די באַדינגונגען פון ווייס־פּאַפּיר פון 1939 קענען די אידן רעדוצירט ווערן צו אַ שטענדיקער מינדערהייט אין א״י, ניט איבער־שטייגנדיק אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אויב די אידישע איינוואַנדערונג קיין א״י זאָל אָפּגעשטעלט ווערן אין מערץ 1944 (ווי דער ווייס־פּאַפּיר באַפעלט) און די אַראַבישע געבורט־ראַטע בלייבט לפּי ערך הויך, וועט די צאָל אידן אין א״י ביסלעכווייז אָבער סיסטעמאַטיש פאַרקלענערט ווערן אין פּראָפּאָרציע צו דער איבעריקער באַפעלקערונג. אַזוי אַרום וועלן די אידן בולט בלייבן אַ מינדערהייט.

פֿאָרשלאַג: צו פֿאָדערן אַ פרייע מעגלעכקייט פֿאַר אידן צו דערגרייכן אַ

---

* דאָס איז אין איינקלאַנג מיט די פֿאַרשריפֿטן פֿון ארץ ישראל מאַנדאַט, אַרטיקל 11, וואָס דערקלערט: „די אַדמיניסטראַציע קען איינאָרדענען מיט דער אידישער אַגענטור, וועלכע ווערט דערמאָנט אין אַרטיקל 4, צו בויען אָדער אָנפֿירן, אויף פֿאַסיקע און יושרדיקע באַדינ־גונגען, וועלכע עס איז עפֿנטלעכע אַרבעטן, באַדינונגען און באַנוצונגען, און צו אַנטוויקלען די נאַטירלעכע אוצרות פֿון לאַנד, אויף וויפֿל די זאַכן ווערן ניט דירעקט אונטערגענומען מצד דער אַדמיניסטראַציע״.

מערהייט־סטאַטוס אין א״י און דערביי ניט באַשרענקן די איבעריקע אין איר וואוקס און אַנוויקלונג.

די דאָזיקע פאָדערונג ווערט אויך געשטיצט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטיצן אומבאַגרענעצטע אימיגראַציע־רעכט. די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע מאַכט ניט קיין דירעקטע דערקלערונג וועגן דער פראַגע, אָבער איר פאָדערונג פאַר אידישער אימיגראַציע „ביז דער פולער מעגלעכקייט פון דער עקאָנאָמישער אויפנעם־פעאיקייט״ פון ארץ ישראל, גיט די אָנדייטונג, אַז מיט דער צייט קענען די אידן דאָרט ווערן אַ מערהייט. אַן ענלעכער שטאַנדפּונקט איז אָנגעדייט אין דער דערקלערונג פון דער יוניאַן אָוו אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאַנס, וועלכע פאָדערט „אַ גרויסע איינוואַנדערונג״.

## 5. עבר־הירדן

פּראָבלעם: עבר הירדן (טראַנסיאָרדאַניע — די טעריטאָריע אין מזרח פון ירדן־טייך, אַרום דריי און אַ האַלב מאָל אַזוי גרויס ווי א״י, מיט אַ באַפעל־קערונג איין פינפטל פונם איבעריקן ארץ ישראל), הגם דער שטח האָט צוערשט געזאָלט זיין אַ טייל פונם ארץ ישראל מאַנדאַט, איז ער שפּעטער אַרויסגענומען געוואָרן פון די פאַרשריפטן, וואָס זיינען נוגע דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. אַ סך פּרואוון זיינען שפּעטער געמאַכט געוואָרן מצד די פירער פון דער אידישער אַגענטור צו באַקומען קאָלאָניזיר־פּריווילעגיעס פונם עמיר פון עבר הירדן (וועלכער שטייט אונטער דער השגחה פונם היי־קאָמישיאָנער פון א״י), אָבער עס האָבן זיך ניט איינגעגעבן די פאַרזוכן צו קריגן די הסכמה פון דער ענגלישער רעגירונג אָדער דערמוטיקונג. היסטאָריש איז דאָס אידישע ארץ ישראל געווען אויף ביידע זייטן ירדן. אויפבויענדיק צוריק די נאַציאָנאַלע היים האָפט דאָס אידישע פאָלק ווידער צו באַזעצן אויך דעם שטח, וואָס איז באַקאַנט אַלס עבר הירדן.

פּאָרשלאָג: עבר הירדן זאָל צוריקגעשטעלט ווערן ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון א״י און די אידן זאָלן באַקומען גלייכע פרייהייט און די מעגלעכקייט פאַר אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אויף ביידע זייטן פון ירדן. בעת לעצטנס האָט קיין איינציקע פון די אָרגאַניזאַציעס ניט אַרויסגעגעבן וועלכע עס איז ספּעציפישע דערקלערונג וועגן דער פראַגע, ווערט דער דאָזיקער פּאָרשלאָג באַטראַכט ווי אַ באַדערפעניש מצד אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, מחמת זיי גייען ניט איין אויף דעם אָפּשניידן עבר הירדן פון מערב ארץ ישראל. די רע־וויזיאָניסטן פאָדערן אַ אידישן שטאַט אויף ביידע זייטן ירדן.

## 6. אידישע אַרמײ

פּראָבלעם: איבער 21 טויזנט ארץ ישראלדיקע אידן האָבן וואָלאָנטירט אין די ענגלישע באַוואָפנטע כוחות און זיי קעמפן אויף פיל פראָנטן אונטער

דער בריטישער פאָן. זייער פיל ארץ ישראלדיקע אידן און טויזנטער אידישע פליכטלינגע אין מיליטער־עלטער, וואָס געפינען זיך איצט אין אַליאירטע און נייטראַלע לענדער, וואָלטן וועלן קעמפן לטובת די צילן פון די אַליאירטע — אונטער זייער אייגענער פאָן, פאַרטרעטנדיק דאָס אידישע פאָלק. די דאָזיקע פראַגע איז אָפט דיסקוטירט געוואָרן אין אידישע קרייזן, און וועגן דער פראַגע זיינען געווען גרויסע חלוקי דעות.

פאָרשלאַג: עס זאָלן אָנערקענט ווערן די רעכט פון די אידן אין א״י צו שפּילן זייער פולע ראָלע אין דער פאַרטיידיקונג פון זייער לאַנד, דורך אַ אידישן מיליטערישן כּוח, וואָס זאָל קעמפן אונטער דער אייגענער פאָן און אונטער דער הויך־קאָמאַנדע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, הדסה, דער ציוניסטישער אַרבעטער־ראַט און מזרחי האָבן אויסגעדריקט זייער הסכּמה צו דעם דאָזיקן פאָרשלאַג („בילטמאָר־רעזאָלוציע״) און ער איז באַשטעטיקט געוואָרן פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. בני ברית פאָרלאַנגט „אַז באַלדיקע שריט זאָלן געמאַכט ווערן מצד די געהעריקע אויטאָריטעטן צו דערמעגלעכן די אידישע באַפעלקערונג, וואָס וואוינט אין ארץ ישראל זיך צו פאַרטיידיקן קעגן „אַקס״־אָנגריף און צו געבן די אידן די געלעגנהייט צו מאַכן אַ מאַקסימום־בייטראַג צו די פאַראייניקטע פעלקער צו דערגרייכן אַ שנעלן זיג״. די רעוויזיאָניסטן פאָדערן „דאָס באַשאַפן אַ אידישע אַרמיי, וואָס זאָל פאַרנעמען איר אָרט ווי אַ מיטקעמפּפערין אין קריג זייט ביי זייט מיט די אַליאירטע אַרמייען״.

## ה. צוקונפטיקער פּאָליטישער סטאַטוס פון ארץ ישראל

די פּאָזיציע פון די אידן אין א״י און זייערע אָנשטרענגונגען צו פאַרגרעסערן דאָרט די אידישע אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע וועט באַשטימט ווערן דורך די כּוחות, וואָס וועלן קאָנטראָלירן דעם פּאָליטישן גורל פון לאַנד. אויב דאָס ווייס־פּאַפּיר פון 1939, אַרויסגעגעבן דורך דער מאַנדאַטן מאַכט, זאָל דורכגעפירט ווערן נאָך דער מלחמה, און דאָס זעט אויס צו זיין די כּוונה פון דער איצטיקער בריטישער רעגירונג. וועט די באַפעלקערונג פון אידישן ישוב בלייבן שטיין פאַרגליווערט אין איר איצטיקער גרויס, דאַמאָלס וועט די גאַנצע אונטער־נעמונג פון בויען אַ אידיש־נאַציאָנאַלע היים, ווי צוגעזאָגט אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פאַרגעשריבן דורכן מאַנדאַט, דערשטיקט ווערן, אויב מען וועט זי ניט איינגאַנצן באַזייטיקן. פון דער צווייטער זייט — דער מאַנדאַט אויף ארץ ישראל איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער בריטישער רעגירונג „פאַר דעם פעלקער־בונד״ און איז אונטערגעוואָרפן דער השגחה פון פעלקער־בונד ראַט, און נויטיקט זיך אין זיין „הסכּמה פאַר יעדער מאָדיפיצירונג פון די

באַדינגונגען פון מאַנדאַט".* דער פּעלקער־בונד האָט ניט באַשטעטיקט דאָס ווייס־פּאַפּיר.

די פראַגן וועגן דעם פּאָליטישן סטאַטוס פון א"י און די פּאָליסיס פון איר איצטיקער אַדמיניסטראַציע וועלן נאָך דער מלחמה דאַרפן גענומען ווערן צו די באַשליסנדיקע קערפּערשאַפטן פון די פאַראייניקטע פעלקער.

אין שייכות מיט דעם פּראָבלעם זיינען פאַראַן עטלעכע פאָרשלאָגן:

פאָרשלאָג איינס: ארץ ישראל זאָל ווערן אַ זעלבסט־רעגירנדיקער און דעמאָקראַטישער אידישער שטאַט („דזשואיש קאָמאָנוועלט").

דאָס איז די פאָדערונג פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס (אַחוץ די רעוויזיאָניסטן), און פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, ראַבינישער אַסעמבלי און אַמעריקאַ, נאַציאָנאַלער ראַט פון יאַנג איזראַעל, יונאַיטעד סינאַגאָג און אַמעריקאַ (פאָדערן „...אַן אויטאָנאָמען אידישן שטאַט אין ארץ־ישראל"), נאַציאָנאַלע פּראָווינץ־ליג פון די יונאַיטעד סינאַגאָגס, פּראָגרעסיוו אָרדער און די וועסט, אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון די פּוילישע אידן, אָרדער בני ציון, ראַט פון אידישע פּראַטערנאַלע פּאַרבאַנדן, אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם און די פאַראייניקטע גאַליציאַנער אידן אין אַמעריקע, די יוניאָן און אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס, פון איר זייט, פאָדערט דעם „אויפבוי פון אַ אידיש־נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל", און די יוניאָן און אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגיישאָנס און אַמעריקאַ פאָדערט דעם „אויפבוי פון ארץ ישראל אַלס אַ רעליגיעזער אידישער שטאַט".

פאָרשלאָג צוויי: אַז ארץ ישראל, אַריינגערעכנט ביידע זייטן פון ירדן, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אידישן שטאַט.

דאָס איז די פאָדערונג פון די רעוויזיאָניסטן (נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע).

פאָרשלאָג דריי: ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ צוויי־פעלקער־שטאַט, די אידן זאָלן קענען מיט דער צייט ווערן אַ מערהייט, אָבער מיט גלייכע רעכט פאַר אידן און אַראַבער, אומאָפּהענגיק דערפון ווי גרויס עס וועט זיין די אַראַבישע און אידישע באַפעלקערונגען.

דאָס איז די פּלאַטפאָרם פון השומר הצעיר.

פאָרשלאָג פיר: ארץ ישראל זאָל אין דער פּאַסיקער צייט ווערן „אַ זעלבסט־רעגירנדיקער שטאַט („קאָמענוועלט") אונטער אַ קאָנסטיטוציע און אַ מענטשן־רעכט פאַרשריפט (ביל אָוו ראַיטס) וואָס וועט: (א) פאַרזיכערן די אידישע באַזעצונג און איינוואַנדערונג אין א"י און גאַראַנטירן גענוגנדיקן רוים פאַר וואוקס און אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט לויט די פולסטע עקאָנאָמישע אויפנעם־פעאיקייט פון לאַנד; (ב) פאַרזיכערן און באַשיצן די פונדאַמענטאַלע רעכט

* פּאַלעסטינער־מאַנדאַט, אַרטיקל 27.

פון אַלע איינוואוינער; (ג) פאַרזיכערן און באַשיצן די הייליקע פּלעצער פון אַלע אמונות״.

דאָס איז די שטעלונג פון דער אַמעריקאַן דזשויש קאָמיטע.

## 2. וועגן מאַנדאַט און אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס

פאָרשלאַג איינס: אַז „די פּאַראייניקטע פעלקער זאָלן זיך פאַרפליכטן און דערקלערן זייער גרייטקייט צו העלפן דעם אידישן פאָלק אינם שאַפן אין ארץ ישראל אַ אידישן שטאַט (קאָמענוועלט)״.

גוטגעהייסן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטיצן דעם פאָרשלאַג וועגן ארץ ישראל אַלס אַ אידישער שטאַט.

די ציוניסטן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דריקן אויס דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, באַטראַכטן דעם מאַנדאַט פאַר דעם לעגאַלן יסוד פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין א״י, און זיי פאָדערן, אַז דער מאַנדאַט זאָל פולשטענדיק דורכגעפירט ווערן. ד״ר חיים ווייצמאַן, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זעט פאָרויס אַ אידישן שטאַט [אין ארץ ישראל, מעגלעך אַלס] אַ טייל פון דער בריטישער קאָמאָנוועלט״.*

פאָרשלאַג צוויי: איידער די אידן וועלן ווערן אַ מערהייט אין א״י, זאָל דאָס לאַנד פאַרוואַלטעט ווערן דורך אַ „קאָמיסיע פון אַ וועלט־פעדעראַציע און נישט אַלס מאַנדאַט־לאַנד פון וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער מלוכה״.

פאָרמולירט דורך דער ראַביניקל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ, וואָס זעט פאָרויס אַ „וועלט־פעדעראַציע פון דעמאָקראַטישע נאַציעס״.

פאָרשלאַג דריי: אַז ארץ ישראל זאָל געשטעלט ווערן אונטער „אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַפּטרופּסות (טראַסטישיפּ), פאַראַנטוואָרטלעך צו די פאַראייניקטע פעלקער״ ביז עס וועט מעגלעך ווערן איינצופירן אַ זעלבסט־רעגירונג, ניט שטעלנדיק אין קאָן די רעכט אָדער דעם סטאַטוס פון וועלכער עס איז גרופּע אין יענעם לאַנד״. (וועגן מאַנדאַט ווערט גאָרניט געזאָגט).

דאָס דריקט אויס די שטאַנדפּונקטן פון דער אַמעריקאַן דזשויש קאָמיטע און פון דער יוניאָן אָוו אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס.

## ה. אידיש־אַראַבישע באַציאונגען אין ארץ ישראל און אין נאָענטן מזרח

פּראָבלעם: דער מיליאָן אַראַבער, וואָס וואוינען איצט אין א״י קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ טייל פון די אַראַבישע פעלקער, וואָס זיינען באַזעצט אין

* „ארץ ישראלס ראָלע אין דער לייזונג פון אידישן פּראָבלעם״ (ענגליש), פון ד״ר חיים ווייצמאַן, אַמעריקאַנער עמאַרדזשענסי קאָמיטעט פאַר ציוניסטישע ענינים, 17 זייטן.

זייערע אייגענע שטאַטן אין נאָענטן מזרח. ניט רעכענענדיק עגיפּטן, וואו דאָס פאָלק באַטראַכט זיך פאַר עגיפּטער און ניט פאַר אַראַבער, פאַרנעמען די אַנדערע אַראַביש־רעגירטע לענדער (סאַודי אַראַביע, איראַק, סיריע, לבנון, עבר הירדן, תימן און אָמאַן) אײנאײנעם אַ שטח, וואָס איז 120 מאָל אַזוי גרויס ווי ארץ ישראל — אָדער די גרויס אַרום אַ דריטל פון דעם שטח פון אייראָפּע — מיט אַ באַפעלקערונג (פון אַראַבער און אַנדערע גרופּעס) פון בלויז 17 מיליאָן, אָדער 3 פּראָצענט פון אייראָפּעס באַפעלקערונג. די ציוניסטישע פירערשאַפט און אַ סך ערנסטע פאָרשער פון נאָענטן מזרח האַלטן, אַז די אַראַבער אין דעם דאָזיקן ראַיאָן דאַרפן האָבן די אידן פונקט אַזוי שטאַרק, אויב ניט מער, ווי די אידן דאַרפן ארץ ישראל. מען האַלט, דורך בשותּפותדיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קאָאָפּעראַציע צווישן די אידן אין ארץ ישראל און אַלע אַראַבישע לענדער, און דורך געהעריקער אָרגאַניזאַציע אויסצונוצן די נאַטירלעכע אוצרות, די אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן פון דעם ראַיאָן, קען דער נאָענטער מזרח אויס־האַלטן אַ באַפעלקערונג, וואָס זאָל זיין פינף אָדער זעקס מאָל אַזוי גרויס ווי די איצטיקע, און זי זאָל דערצו האָבן אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט.* די אידן פאַרלאַנגען דערפאַר פולע אָנערקענונג מצד די אַראַבער (פון ארץ ישראל און פון גאַנצן נאָענטן מזרח) פאַר דעם אידישן רעכט ווידער אויפצובויען ארץ־ישראל ווי זייער אייגענער שטאַט (קאָמאָנוועלט). ביז איצט האָבן די אַראַבער זיך אָפּ־געזאָגט דאָס אָנצונעמען. עס זיינען פאַראַן עטלעכע פאָרשלאָגן בנוגע דעם פּראָבלעם.

## 1. דער פּלאַץ פון די אַראַבער אין ארץ ישראל

פאָרשלאָג איינס: אַ פּאָליסי פון פריינדשאַפט און קאָאָפּעראַציע צווישן אידן און אַראַבער זאָל זיין די שטרעבונג און יעדער מעגלעכער וועג זאָל גענוצט ווערן איינצושטעלן גוטן ווילן און אַקטיווע צוזאַמענאַרבעט צווישן זיי. דער דאָזיקער פאָרשלאָג ווערט געשטיצט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַרויס־געגעבן דערקלערונגען וועגן א״י.

פאָרשלאָג צוויי: עס זאָל זיין אַ פולע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און פּאָלי־טישע קאָאָפּעראַציע צווישן אידן און אַראַבער, און די לעצטע זאָלן אָנערקענען דאָס רעכט פון די אידן צו בויען א״י אַלס זייער שטאַט. נאָכדעם ווי דער אידי־שער שטאַט וועט איינגעשטעלט ווערן, זאָלן די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון די אַראַבער און פון אַנדערע ניט־אידישע געמיינדעס אין א״י פאַרזיכערט ווערן.

דאָס איז די שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע,

* עקאָנאָמישער רעגיאָנאַליזם אין נאָענטן מזרח, פון עמנועל ניומאַן. ניו־יאָרק, 1943, 15 ז.

הדסה, ציוניסטישער אַרבעטער ראַט און מזרחי.

פאָרשלאַג דריי: אַז „פּאָליטישע גלייכהייט זאָל איינגעפירט ווערן צווישן ביידע פעלקער, אומאָפּהענגיק פון זייער נומערישן כוח. דאָס איז דער שטאַנד־פּונקט פון השומר הצעיר.

## 2. באַציאונגען מיט אַראַבישע שטאַטן אין נאָענטן מזרח

פאָרשלאַג: דאָס אידישע פאָלק באַגריסט „די עקאָנאָמישע, אַגריקול־טורעלע און נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון אַראַבישן פאָלק און זיינע שטאַטן" און עס דריקט אויס די „גרייטקייט און דעם פאַרלאַנג... פאַר פולער קאָאָפּעראַציע מיט די אַראַבישע שכנים" און אַנדערע שטאַטן.

געשטיצט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאָדערן, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַ אידישער שטאַט (קאָמאָנוועלט). בעת די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געמאַכט קיין ספּעציפישע דערקלערונגען בנוגע דער דאָזיקער פראַגע, איז צו זען פון זייערע פאָדערונגען צו באַשיצן די אינטערעסן פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, אַז זיי זיינען מסכים צו דעם אויבנ־געבראַכטן פאָרשלאַג.

## אָפּטיילונג זיבן

# די אידישע רעפּרעזענטאַנץ ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען

א. דער היסטאָרישער הינטערגרונד

1. די ערשטע פאַרזוכן פון אַ רעפּרעזענטאַנץ
2. די פּאַריזער שלום־קאָנפערענץ

ב. די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ

ג. די אידישע רעפּרעזענטאַנץ

## אפטיילונג זיבן

# די אידישע רעפרעזענטאַנץ ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען

## א. דער היסטאָרישער הינטערגרונד

### 1. די ערשטע פאַרזוכן פון אַ רעפרעזענטאַנץ

דער פּאָליטישער און דער בירגערלעכער סטאַטוס פון די אידן איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער ענין שוין אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט. מען האָט דערפילט, אַז אַזוי ווי די לאַגע פון די אידן איז אומעטום אומגעזיכערטע, מוזן זיי אין באַשטימטע לענדער האָבן דעם שוץ פון דער ציוויליזירטער וועלט. אָנגעזעענע יוריסטן זיינען געווען איינפאַרשטאַנען, אַז יעדע אַריינמישונג צו באַשיצן אונטערדריקטע גרופּן באַדייט נישט, אַז דערמיט ווערט פאַרשוועכט די סובערינעטעט פון דעם לאַנד, אין וועלכן די אונטערדריקטן גרופּן לעבן. אויך די אידן אַליין האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז זייערע לאָקאַלע אינטערעסן קענען אַמבעסטן באַשיצט ווערן, ווען די אידן פון אַלע לענדער וועלן זיך פאַראייניקן כדי צו באַשיצן די אידישע גרופּן, וועלכע ווערן אונטערדריקט.

צום אָנהייב זיינען די אידישע פירער פון מערב־אייראָפּע געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט זייער קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט אַריינמישן זיך אין די ענינים פון זייערע אידישע ברידער אין אַנדערע לענדער. אייניקע פון זיי האָבן מורא געהאַט, אַז פאַראייניקטע אידישע אַקציע וועט שלעכט פאַרשטאַנען ווערן אַלס אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַלער אידישער סאָלידאַריטעט און דאָס וועט שטעלן אין פאַרדאַכט זייער פּאַטריאָטיזם. דעריבער האָבן די אידן אין יעדן פּלאַץ בעסער געוואָלט אַרבעטן אומאָפּהענגיק אָן דער הילף פון פרעמדע רעפּרעזענטאַציעס. זייערע פאַרשטייער זיינען אין אַלגעמיין געווען אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אינטערוועניר פאַר זייערע אידישע ברידער מיט אַדער אָן די אינסטרוקציעס פון די אידישע מאַסן. די מיטגלידער פון דער ראָטשילד פאַמיליע, משה מאָנטעפיאָרי און אַנדערע אָנגעזעענע אידן האָבן אָפּט געגעבן הילף צו זייערע ברידער אין אויסלאַנד.

די ערשטע פראַגע צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו אַ מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטאַנץ איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם ווינער קאָנגרעס פון 1815,

צו וועלכן פארשידענע אידישע קהילות אין דייטשלאנד האָבן געשיקט רעפּרע־זענטאַנטן. די אַזוי־גערופענע האַנזאַ־שטעט אין דייטשלאַנד האָבן געשיקט אַלס רעפּרעזענטאנט א. ג. בערהאָלץ, א קריסט, וועלכער איז געווען דער טשעמפּיאָן פון דער אידישער עמאנציפּאציע ביי דער דייטשער קאָנפעדעראציע. די אידן פון פראנקפורט האָבן געשיקט א באזונדער רעפּרעזענטאנץ פון דריי מענטשן.

אידן זיינען אויך געווען פארטראָטן אויף דער קאָנפערענץ פון די אייראָ־ראָפּיאישע מלוכות אין קאָנסטאנטינאָפּאָל אין 1876, וואו מען האָט באטראכט די פראַגן פון מזרח־אייראָפּע. אין זעלבן יאָר איז אויך אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן א אידישע קאָנפערענץ אין פּאריז. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באטייליגט אידן פון פראנקרייך, ענגלאנד און אויך אמעריקע (די אמעריקאנער אידן זיינען געווען פארטראטן דורך דער „באָארד אָף דעלעגעיטס אָף אמעריקען איזראעליטס"). אין א מעמאָראנדום האָבן די אידישע פאָרשטייער פארלאנגט גלייכבארעכטיקונג פאר די אידן פון טערקיי און פון די באלקאנישע פראָווינצן. די אידישע קאָנפערענץ האָט בעפּאָלמעכטיקט קארל נעטער, ער זאָל פאָרלעגן דעם מעמאָראנדום אויף דער קאָנפערענץ פון די מלוכות אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. אבער לײדער האָבן די מלוכות אויף דער אידישער פּעטיציע ניט רעאַגירט.

די „אליאנס איזראעליט" האָט צוגעשטעלט דעם בערלינער קאָנגרעס אין יאָר 1878 א מעמאָראנדום לטובת די אידן פון בוגאַריע, סערביע און רומעניע. די „אליאנס" האָט באַשטימט דריי מיטגלידער, וועלכע זאָלן פאַרהאַנדלען מיט די איינצעלנע מיטגלידער פון קאָנגרעס. די ווינער „אליאנס" האָט אויך געשיקט א פאָרשטייער צום קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם היסטאָרישן ארטיקל 44, וועלכער האָט גאַראַנטירט פולע גלייכבארעכטיקונג פאר די אידן פון דער ניי־געשאַפענער מלוכה אין רומעניע. דאָך האָט רומעניע די פאַר־פליכטונגען, וועלכע זי האָט אויף זיך גענומען בנוגע אידן ניט געהאלטן און עס האָבן ניט געהאָלפן די פּראָטעסטן פון פארשידענע רעגירונגען, דארונטער אויך פון אמעריקע.

אין 1906, ווען אין שפּאַניען איז אָפּגעהאלטן געוואָרן א קאָנפערענץ וועגן דעם פּאָשיסטישן גורל פון מאראקא, האָט יאקוב שיף פארלאנגט פון דעם סטייט דעפּארטמענט פון אמעריקע, וועלכער איז געווען רעפּרעזענטירט אויף דער קנפערענץ אין שפּאַניע, אז אמעריקע זאָל זיך באַמיען אָפּשאַפן די רדיפות אויף אידן אין מאראקא. אלס ענטפער אויף דער פאָדערונג פון יאקוב שיף האָט עליו רוט, דער סעקרעטאר פון סטייט דעפּארטמענט געגעבן א אינסטרוקציע צו די אמעריקאנער דעלעגאטן אויף דער קאָנפערענץ, אז זיי זאָלן „פאָדערן פון דער קאָנפערענץ צו באַטראכטן ווי אזוי צו גאַראַנטירן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טאָלעראַנץ אין מאראקא". לויט די דאָזיקע אינסטרוקציעס האָבן די אמעריקאנער רעפּרעזענטאנטן אויף איינער פון די זיצונגען פון דער קאָנ־פערענץ פארלאנגט, אז די קאָנפערענץ זאָל זיך ארויסזאָגן וועגן דער נויט־

ווענדיקייט צו באַהאַנדלען אלס גלייכע בירגער אלע ניט־מוסילמענער און ספּעציעל די אידן, וואָס זיינען די אונטערטאַנען פון דעם סולטאַן פון מאראקאָ. אלע דעלעגאַטן האָבן אויסגעדריקט זייער צושטימונג צו דעם אמעריקאַנער סטייט דעפּאַרטמענט און די פאָרשטייער פון סולטאַן האָבן דערקלערט, אַז „דער סולטאַן וועט זיין גליקלעך צו האַלטן דאָס סיסטעם, וואָס זיין פאָטער האָט שוין איינגעפירט צו אַהאַנדלען די אידן לויט גערעכטיקייט”.

ווען באָסניא און הערצעגאָווינא זיינען אַנעקסירט געוואָרן דורך עסטרייך אין 1908 האָבן די גרויסע מלוכות געזאָלט אָפּהאַלטן א קאָנפערענץ וועגן די באַלקאַנישע אָנגעלעגענהייטן. דאַן האָט דער לאָנדאָנער „באָארד אָף דע־פּיוטיס” פון די ענגלישע אידן ווי אויך די „אַנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישאַן” זיך געווענדעט מיט א בריוו צו עדוואַרד גריי און פאַרלאַנגט, אַז די קאָנפערענץ זאָל אויך באַטראַכטן די שווערע לאַגע פון די רומענישע אידן. אבער די קאָנ־פערענץ איז ניט צושטאַנד געקומען. די צוויי אויבנדערמאָנטע אידישע אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן געמאַכט נאָך א פאַרזוך צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע מלוכות אויף דער לאַגע פון די רומענישע אידן. דאָס איז געווען אין 1913 נאָך די באַלקאַנישע מלחמות. לויט דער איניציאַטיוו פון אַמעריקאַנער דזשואיש קאָמיטע האָבן די פאָרשטייער פון דער אמעריקאַנער רעגירונג ארויס־געררוקט די פראַגע וועגן די רומענישע אידן אויף דער קאָנפערענץ אין בוקאַ־רעשט. דאָס וואָס רומעניען האָט סיסטעמאַטיש סאַבאָטירט די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפּליכטונגען האָט שפּעטער ביי די שלום־פאַרהאַנדלונגען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווירקט, אַז אין די אָפּמאַכן זאָל מען פאַרשטאַרקן די באַוואָ־רענישן פון די רעכט פון די מינדערהייטן.

אין די אויבנדערמאָנטע אינסטאַנצן זיינען די אידישע אינטערעסן רע־פּרעזענטירט געוואָרן אדער דורך איינצלנע פאָרשטייער וואָס האָבן געהאַנדלט לויט זייער אייגענער אחריות אדער דורך לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. ערשט אין דער פאַריזער שלום־קאָנפערענץ פון 20־1919 זיינען די אידישע קיבוצים פון גאַנצע לענדער געווען פאַרטראַטן דורך געוויילטע דעלעגאַטן.

## 2. די פאַריזער שלום־קאָנפערענץ

קורץ נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די אידישע פירער אין אמעריקע אָנגעהויבן צו דיסקוטירן די פראַגע וועגן דער נויטווענ־דיקייט ,אַז אין דער קומענדער שלום־קאָנפערענץ זאָלן די אידן זיין פאַרטראַטן דורך א איינהייטלעכע דעלעגאַציע. אין פאַרלויף פון דער דיסקוסיע זיינען ארויסגערוקט געוואָרן צוויי שטאַנדפּונקטן. איין שטאַנדפּונקט, וואָס איז ארויס־גערוקט געוואָרן דורך דער דזשואיש קאָמיטע, איז געווען, אַז א קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרף האַנדלען אלס א פאַראייניגטע קערפּערשאַפט און רעפּרעזענטירן אויף דער שלום־קאָנפערענץ די אידישע פאָדערונגען אין נאָמען פון די אידן פון יענע לענדער, אין וועלכע אידן ליידן

ניט פון רדיפות. די דאָזיקע מיינונג איז אונטערשטיצט געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלן ארבעטער קאָמיטעט און פיל אנדערע אָרגאַניזאַציעס. אבער די ציוניסטן, און צוזאַמען מיט זיי אייניקע „אָרדענס” און אנדערע גרופּן, האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל פריער צונויפרופן אין אמעריקע א אידישן קאָנגרעס, וואָל זאָל זיין געוויילט דורך אלגעמיינע וואלן. די ציוניסטן און זייערע אונטערשטיצנדע גרופּן האָבן געוואָלט, אז דער קאָנגרעס זאָל ווערן א פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן אידן ניט בלויז אויף דער שלום-קאָנפערענץ, נאָר אויך ביי אלע אנדערע געלעגנהייטן און זאָל זיך באַשעפטיקן מיט די פּראָבלעמען וואָס זיינען נוגע אידן אין אלע טיילן פון דער וועלט, איינשליסנדיק אויך אמעריקע.

נאָך חדשים-לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צווישן די צוויי לאַגערן איז מען געקומען צו א פארשטענדיקונג, אז דער אמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס דאַרף צונויפגערופן ווערן ,אבער בלויז צו דעם צוועק צו פאַרטרעטן די אמעריקאַנער אידן אויף דער שלום-קאָנפערענץ.

עס איז אויך געקומען צו א פאַרשטענדיקונג, אז נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס וועט האָבן דערפילט זיינע ספּעציעלע אויפגאַבן מוז ער אויפגעלייזט ווערן. די דעלעגאַטן צו דעם קאָנגרעס דארפן געוויילט ווערן פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און רעפּרעזענטאַציעס. די לעצטע ווערן געוויילט דורך אינדיווידועלע ווילער אין פארשידענע אידישע קיבוצים. דער קאָנגרעס טאָר זיך ניט ביינדן דורך וועלכע עס איז „אלגעמיינע טעאָריע אדער פילאָזאָפיע וועגן אידישן לעבן”. ער טאָר אויך ניט אָננעמען קיין פּרינציפּ, וואָס פירט צו דער פארלענגערונג פון אזא קאָנגרעס.

די דאַטע פון צונויפרופן דעם קאָנגרעס איז עטלעכע מאָל געענדערט געוואָרן. ענדלעך איז באשלאָסן געוואָרן, אז דער קאָנגרעס דאַרף ניט צונויפגערופן ווערן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. דערוויל זיינען פון מאַי 2 ביז 14 אין 1917 אָפּגעהאלטן געוואָרן די וואלן אין אלע אידישע קיבוצים אין לאַנד. דורך אלגעמיינע וואלן (עס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן 133 טויזנט שטימען) זיינען געוויילט געוואָרן 300 דעלעגאַטן. 100 דעלעגאַטן זיינען באַשטימט געוואָרן דורך די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

דער קאָנגרעס איז צונויפגערופן געוואָרן אין פילאַדעלפיע דעם 15טן דעצעמבער 1918. די דעלעגאַציע, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן צו רעפּרעזענטירן די אַמעריקאַנער אידן אויף דער שלום-קאָנפערענץ, האָט באַקומען פאָלגנדע אינסטרוקציעס:

1. „צו קאָאָפּערירן מיט די פאַרטרעטונגען פון אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל מיט דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו דעם צוועק, אַז די שלום-קאָנפערענץ זאָל באַשטעטיקן די אַספּיראַציעס און היסטאָרישע טענות פון אידישן פאָלק בנוגע פּאַלעסטינע, און אַז די קאָנפערענץ זאָל

דערקלערן, אַז אין הסכם מיט דער ענגלישער רעגירונגס־דערקלערונג, דאַרפן אין פּאַלעסטינע געשאַפן ווערן אַזעלכע פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן די אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע אין אַ אידישער מלוכה, אונטער דער אויפזיכט פון ענגלאַנד, וואָס וועט האַנדלען אין נאָמען פון דעם פעלקער־בונד.

2. פאָרצושלאָגן, אַז די שלום־קאָנפערענץ זאָל אין די שלום־פאַרטראַגן אַריינשטעלן פאָלגנדע קלויזעלס, וועלכע זאָלן זיין דער פאָרבאַדינג פאַר אַלע נייע־געשאַפענע אָדער פאַרגרעסערטע מלוכות: א) אַלע איינוואוינער פון אַזעלכע מלוכות, איינשליסנדיק אויך די מלחמה־רעפיודזשיס, וואָס וועלן זיך אומקערן אין זייערע לענדער, מוזן באַטראַכט ווערן אַלס פאָלשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטע בירגער; ב) אין פאַרלויף פון 10 יאָר זינט עס ווערט אָנגענומען דער דאָזיקער פּראָוויזאָריום, טאָר ניט אַרויסגעגעבן ווערן קיין געזעץ, וואָס זאָל באַגרענעצן וועלכן עס איז איינוואוינער פון אַ מלוכה און זיין רעכט צוריקצוקומען אין זיין לאַנד און באַקומען בירגערשאַפט; ג) אַלע בירגער אָן אונטערשיד פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט אָדער גלויבן דאַרפן געניסן פון גלייכע בירגערלעכע, פּאָליטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע רעכט און עס טאָר ניט אַרויסגעגעבן ווערן אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרשמעלערן אַזעלכע רעכט צוליב ראַסע, נאַציאָנאַליטעט אָדער רעליגיע, אָדער אַוועקרויבן ביי וועלכער ס איז פּערזאָן די גלייכע שוץ פון געזעץ; ד) דער פּרינציפּ פון מינאָריטעטן־פאַרטרעטונג דאַרף ווערן באַשיצט דורך דעם געזעץ; ה) די מיטגלידער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע קערפּערשאַפטן פון דער מלוכה דאַרפן האָבן די מעגלעכקייט אויטאָנאָם צו פאַרוואַלטן מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע, רעליגיעזע, פילאַנטראָפּישע, דערציערישע אינסטיטוציעס א. אַז. וו.; ו) עס טאָר ניט אַרויסגעגעבן ווערן קיין געזעץ, וואָס זאָל באַגרענעצן דאָס רעכט פון באַנוצן וועלכע עס איז שפּראַך, און אויב עס עקזיסטירן אַזעלכע באַגרענעצונגען, מוזן זיי אָפּגעשאַפט ווערן; ז) די, וואָס באַנוצן אַלס זייער רו־טאָג אַן אַנדער טאָג ווי זונטאָג, טאָרן ניט געשטערט ווערן אין אָפּהיטן זייערע רעליגיעזע ענינים אין דעם טאָג, וועלכער איז זייער שבת; מען טאָר דעריבער ניט פאַרלאַנגען פון זיי, אַז אין זייער שבת אָדער יום־טוב זאָלן זיי באַגיין אַ טאַט, וועלכע זיי באַטראַכטן אַלס אַנטי־רעליגיעז".

די דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס איז באַשטאַנען פון דזשוליען מעק, אַלס טשערמאַן, דזשאָזעף באַראָנדעס, לעאָפּאָלד בענעדיקט (מאָריס ווינטשעווסקי), העררי קאָטלער, דזשייקאָב דע האַז, ב. ל. לעווינטהאַל, לואי מאַרשאַל, נחמן סירקין און סטיפן וויַיז. בערנאַרד ריכאַרדס איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַציע. די דעלעגאַציע איז אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז אין אָנהויב פון 1919 און זיך פאַראייניקט מיט די דעלעגאַציעס פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, וועלכע האָבן געגרינדעט דעם „קאָמיטע דע דעלעגאַסיאָן זשוויוו". די פאָרשטייער פון „אַליאַנס איזראַעליט" און פון „דזשאָינט פאַרעין

קאָמיטע" פון די ענגלישע אידן זיינען ניט צוגעשטאַנען צו דעם דאָזיקן „קאָמיטע דע דעלעגאַסיאָן", ווייל זיי זיינען ניט געווען איינפאַרשטאַנדן מיט אַ טייל פון פּראָגראַם פון קאָמיטע, וואָס האָט פאַרלאַנגט נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די אידן פון יענע לענדער, אין וועלכע אַנדערע מינאָריטעטן האָבן באַקומען אַזעלכע רעכט. אַלס אַ רעזולטאַט פון די באַמיאונגען פון דעם „קאָמיטע דע דעלעגאַסיאָן" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען אין די פאַרטראַגן מיט די ניי-געשאַפענע אָדער פאַרגרעסערטע מלוכות אַריינגעשטעלט געוואָרן קלויזעלס, וועלכע גאַראַנטירן די בירגערלעכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די פּערזאָנען, וואָס געהערן צו נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע מינדערהייטן.

נאָכן אונטערצייכענען פון דעם ווערסאַלער פאַרטראַג איז דער קאָנגרעס ווידער צונויפגערופן געוואָרן דעם 30טן מאַי 1920 און נאָכדעם ווי עס איז אויסגעהערט געוואָרן אַ באַריכט פון לואי מאַרשאַל, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער דעלעגאַציע, איז „דער קאָנגרעס געוואָרן אָפּגעלייגט אָן אַ טערמין לויט דעם פריערדיקן פּרינציפּיעלן אָפּמאַך". *)

די פאַרשידענע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן נאָך פאַר דער שלום-קאָנפערענץ זיך באַשעפטיקט מיט באַשיצן אידן, האָבן יעצט געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט די מינאָריטעטן-פאַרטראַגן. אין נאָמען פון דזשואיש קאָמיטע האָט איר פּרעזידענט, לואי מאַרשאַל, שטודירט אין גענוי די גאַנצע מאַשינעריע פון פעלקער-בונד און ער האָט פאַרגעלייגט אַ מעמאָראַנדום מיט פאָרשלאָגן וועגן דעם, ווי אַזוי דער ראַט פון פעלקער-בונד זאָל פאַרלייכטערן די אויפנאַמע פון פּעטיציעס און ווי אַזוי ער זאָל זיי באַהאַנדלען. אויך די פאַרטרעטער פון די ענגלישע אידן צוזאַמען מיט דער „אַליאַנס איזראַעליט" זיינען געווען זייער טעטיק אַלס אידישע רעפּרעזענטאַנץ ביים פעלקער-בונד.

נאָכדעם ווי דער איצטיקער „דזשואיש קאָנגרעס" איז געגרינדעט געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם. דער קאָנגרעס איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך דער „דעלעגאַסיאָן זשוויוו", וועלכע האָט ווייטער פונקציאָנירט אויך נאָכדעם ווי אייניקע פון זיינע דעלעגאַציעס זיינען אַרויסגעטרעטן. אויך דער „אידישער וועלט-קאָנגרעס", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1936 לויט דער איניציאַטיוו פון אַמעריקאַנער „דזשואיש קאָנגרעס", האָט געאַרבעט צו פאַרבעסערן די פּאָליטישע און בירגערלעכע לאַגע פון די אידן אין די לענדער, וועלכע זיינען געווען געבונדן דורך די מינאָריטעטן-אָפּמאַכן. זינט דעם אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה האָבן אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע אָנגעהויבן פאַרשטיין די וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון אַ פאַראייניקטער אידישער פאַרטרעטונג אויף דער קומענדער שלום-קאָנפערענץ.

*) דער יעצטיגער „אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס", וועלכער איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם פּראָוויזאָרישן קאָנגרעס, איז געגרינדעט געוואָרן דעם 21טן מאַי 1922 דורך די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיין אַ שטענדיקע אינסטיטוציע.

די „אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ", וועלכע פאַרמירט זיך יעצט, איז צונויפגערופן געוואָרן נאָכדעם ווי „אַלע אידישע גרופן אין אַמעריקע האָבן אָנערקענט די נויטווענדיקייט אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פון געמיינזאַמער אַק־ציע, כדי צו באַהאַנדלען די אידישע פּראָבלעמען פון נאָך דער מלחמה". לויט דער איניציאַטיוו פון הענרי מאָנסקי, פּרעזידענט פון בני ברית, איז פון 23טן ביזן 24טן יאַנואַר 1943 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּיטסבורג אַ פּרעלימינאַרע קאָנפערענץ פון דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטרעטן 32 נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס. עס איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן דער צאָל דעלע־גאַטן און וועגן ציל פון דער אידישער קאָנפערענץ (דעמאָלס האָט זי געטראָגן דעם נאָמען „אַסעמבלי"). עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז: 1) „די נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיין באַרעכטיקט צו אַ פאַרטרעטונג פון 125 דעלע־גאַטן און אַז די געמיינדעס זאָלן זיין באַרעכטיקט אויסצוויילן 375 דעלעגאַטן"; 2) אַז דער פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ זאָל זיין פאָלגנדער:

1. צו באַטראַכטן און רעקאָמענדירן, וועלכע אַקציע עס דאַרף אָנגענומען ווערן בנוגע די פּראָבלעמען וועגן די רעכט און סטאַטוס פון די אידן אין דער וועלט נאָך דער מלחמה;

2. צו באַטראַכטן און רעקאָמענדירן די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, כדי צו פאַרזיכערן די רעכט פון אידישן פאָלק בנוגע צו ארץ־ישראל;

3. אויסצוויילן אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל דורכפירן דאָס פּראָגראַם פון דער „אידישער קאָנפערענץ" אין מיטאַרבעט מיט די אָנערקענטע אידישע אָר־גאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט.

די פונקציעס פון דער קאָנפערענץ וועלן באַשטימט ווערן דורך די דעלע־גאַטן אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג, וועלכע וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין אויגוסט 1493 אין ניו־יאָרק. עס זיינען אָבער דאָ אייניקע פאָרשלאָגן, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. די פאָרשלאָגן זיי־נען פאָלגנדע:

## ב. די אידישע פאַרטרעטונג

דאָס פּראָבלעם. די געוואַלדיקע אויפגאַבע פון רעטונג, הילף און אויפבוי פון די אייראָפּייאישע אידן און דער ווייטערדיקער אויפבוי פון ארץ־ישראל אין דער צייט נאָך דער מלחמה וועט פאָדערן קודם־כל אַ פאַראייניקטן ציל און קאָנצענטרירטע ענערגיע פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. דער דערפאָלג פון די אידישע פאָדערונגען ביי די, וועלכע וועלן באַשטימען דעם גורל פון דער וועלט, וועט אין אַ גרויסער מאָס זיין אָפּהענגיק פון דער אַחדות און אונטערשטי־צונג ,וועלכע די אידן וועלן געבן צו זייערע פאַרטרעטער. עס אַנטשטייט אַלזאָ די פראַגע: וואָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער אידישער פאַרטרעטונג?

דער פאָרשלאָג. אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַזאַ אידישע פאַרטרעטונג,

וועלכע „זאָל האַנדלען אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער אידן אין מיטאַרבעט מיט אַלע אידישע אָנערקענטע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט".

דאָס איז די פאַרשטענדיקונג, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דעם רוף פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.

דער „ציוניסטישער אַרבעטער-בלאָק" שלאָגט ווייטער פאָר: א) אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך ניט באַגרענעצן צו בלויז רעפּרעזענטירן די אידן אויף דער שלום-קאָנפערענץ, נאָר אויך בלייבן אַ צענטראַלער אָרגאַן פון אַמעריקאַנער אידנטום נאָך דער מלחמה; ב) אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַן אַלוועלטלעכע אידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין אַ באַזונדערע אַלוועלטלעכע דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפט און זאָל פונקציאָנירן דירעקט נאָך דער מלחמה און אויך ווייטער. אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך ניט גענומען קיין שטעלונג צו דער פראַגע, צי די קאָנפערענץ זאָל בלייבן אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע נאָך דער מלחמה.

# דאָקומענטן

**אין דער ענגלישער אויסגאַבע פון דעם זעלביקן בוך געפינען זיך די טעקסטן פון די דאָקומענטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם איבערבליק.**

**די דאָקומענטן זיינען:**

1. אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פוילישע אידן: **נאָך־מלחמה־פּראָגראַם פאַר אידן אין פוילן.**

2. אַמעריקען־דזשואיש קאָמיטע: **דערקלערונג וועגן שטעלונגען צו דער איצטיקער לאַגע אין אידישן לעבן.**

3. אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס: **פּלאַטפאָרם פון נאָך־מלחמהדיקע אידישע פאָדערונגען.**

4. סענטראַל קאָנפערענס אָוו אַמעריקען ראַבאַיס און ראַביניקל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ: **בשותפותדיקע רעזאָלוציע.**

5. ראַט פון אידישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

6. פרי סאָנס אָוו איזראַעל: **פּלאַטפאָרם און פּראָגראַם פון אידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען.**

7. הדסה, ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע: **דעקלאַראַציע פון פּרינציפּן.**

8. הפועל המזרחי: **פּלאַטפאָרם פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.**

9. השומר הצעיר: **דערקלערונג וועגן פּאָליסי.**

10. אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם: **דערקלערונג וועגן דער נאָך־מלחמה־וועלט און די אידן.**

11. אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט: **נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען פאַר די אידן אין אייראָפּע.**

12. ציוניסטישער אַרבעטער־ראַט **(פּועלי ציון - צעירי ציון, פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע, אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, ליגע פאַרן אַר־**

בעטנדן ארץ־ישראל און הבונים): **רעזאָלוציעס פון דער נאַציאָנאַלער קאָנווענ־שאָן.**

13. נאַציאָנאַלע פרויען־ליגע פון דער יונאַיטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ: **רעזאָלוציע וועגן ארץ־ישראל.**

14. מזרחי פרויען־אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע: **נאָך־מלחמה־פּלענער.**

15. מזרחי־אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע: **נאָך־מלחמה־פּראָגראַם.**

16. נאַציאָנאַלער קאָונסיל פון יאָנג איזראַעל: **פּלאַטפאָרם צו דער אַמערי־קאַנער אידישער קאָנפערענץ.**

17. אָרדער בני ציון: **נאָך־מלחמה־פּלאַטפאָרם צו דער אַמעריקאַנער אי־דישער קאָנפערענץ.**

18. ראַבינישל אַסעמבלי אָוו אַמעריקאַ: **וועלט־פרידן און די אידישע צו־קונפט.**

19. יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגעישאָנס: **פּרינציפּן־דעקלאַראַ־ציע וועגן אייראָפּעאישן אידנטום און ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה.**

20. פאַראייניקטע גאַליציאַנער אידן אין אַמעריקע: **רעזאָלוציעס וואָס זיי־נען אָנגענומען געוואָרן אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ.**

21. יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס־דזשואיש קאָנגרעגעישאָנס אָוו אַמעריקאַ: **פּלאַט־פאָרם פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.**

22. פאַרבאַנד פון רומענישע אידן אין אַמעריקע: **נאָך־מלחמה שלום־פאָר־שלאָגן.**

23. יונאַיטעד סינאַגאָג אָוו אַמעריקאַ: **פּראָגראַם פאָרגעלייגט צו ווערן אויף דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.**

24. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע: **פּלאַטפאָרם פאַר דעלעגאַטן צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.**

25. די בילטמאָר־דעקלאַראַציע **(אָנגענומען אויף דער ספּעציעלער ציוניס־טישער קאָנפערענץ דעם 11טן מאַי, 1942, אין האָטעל בילטמאָר, ניו־יאָרק).**

26. ראַבינישל קאָונסיל אָוו אַמעריקאַ: **רעזאָלוציעס פון דער קאָנווענשאָן.**